# בן-עמי

**אָדער**

# דער זון פֿון מייַן פֿאָלק

[בן-עמי או בנו של עמי]

מאת

אברהם גולדפאדן

מחזהו האחרון של אברהם גולדפאדן, **בן-עמי,** שכב כאבן שאין לה הופכין בתיק כתבי היד של גולדפאדן בארכיון ייוו״א בניו יורק. מצבו הלקוי והדהוי שכלל, בין היתר, תוספות של פתקאות מתפוררות, שגולדפאדן הוסיף בין דפיו בכתב ידו הצפוף בלאו הכי, הקשו עוד יותר על הקריאה והמחקר בו. לאחר עבודה דקדקנית סודרו הדפים והפתקאות בהתאם לעלילת המחזה ונכללו בעימוד חדש. כתב היד פוענח ברובו, הוקלד והואר. המילים שלא פוענחו הוקלדו בתוספת הערה המציינת זאת. מילים ברוסית ובאוקראינית תורגמו ליידיש בהערות השוליים, הכוללות גם ביאורים למשחקי המילים הדו-לשוניים שהמחזה משופע בהם. השורות המחוקות הוקלדו בצורה מודגשת מבחינה גראפית כדי שהקורא יוכל להתוודע אל הגרסה המקורית במלואה מחד גיסא ואל מלאכת העריכה שנעשתה בה מאידך גיסא. כתב היד המקורי של גולדפאדן וכתב היד של הגרסה המעובדת, מאוסף פרלמוטר, לא הודפסו מעולם ומתפרסמים כאן לראשונה. אני מקווה כי בכך תרמתי להנגשת מחזהו האחרון ורחב היריעה של גולדפאדן למחקר. יוזמה זו לא היתה יכולה להצליח לולא כישוריו, ידענותו ומסירותו הבלתי נלאית של מיכאל פלזנבאום אשר פענח, האיר, העיר והקליד באורתוגרפיה עדכנית את שני כתבי היד.

# בן־עמי

אָדער

## דער זון פֿון מײַן פֿאָלק

נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע מוזיקאַלישע דראַמע

אין 4 אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג

אָריגינעל פֿאַרפֿאַסט און ספּעציעל געשריבן פֿאַר מײַן ייִדישן פֿאָלק

פֿון

אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען

8 נאָוועמבער 1906

בײַ דער כּותל־מערבֿי אין גאַנץ טיפֿן טרויער
זיצט די אַלמנה פֿאַרטראַכט
זי פֿרעגט בײַ דעם וועכטער וואָס היט דאָרט ד׳ מויער,
זאָג, שומר, ווי האַלט די נאַכט
וואָס האָט נאָך ניט געשלאָגן דער זייגער דער צײַט
די האָזן האָבן נאָך ניט געוועקט
די נאַכט איז נאָך פֿינצטער, צום טאָג איז נאָך ווײַט
די הימלען מיט וואָלקן באַדעקט
ווי לאַנג וועט געדויערן
דאָס וואַרטן און טרויערן
ווען וועל איך די קינדער מײַנע זען – אָ!
זינט זיי זענען פֿאַרטריבן
בין איך עלנט געבליבן
מיך טרייסטן קומט קיינער צו גיין.

כאָר

עס טאָגט, עס טאָגט!
ניט געוויינט, ניט געקלאָגט!
יעדער באַזינדער[1]
פֿון דײַנע קינדער
לעבן לעבן
האָפֿן און גלייבן
ווען ס׳וועט אַוועקגיין די נאַכט
און אַלע צוזאַמען
קומען צו דער מאַמען
זי זען אין אַמאָליקער[2] פּראַכט!

---

[1] צוליב דעם גראַם – באַזינדער - קינדער. נאָרמאַטיוו – באַזונדער
[2] אינעם כּתבֿ־יד (ווײַטער – א״כ) – זי זען אין אַמאָלעדיקע פּראַכט

# פּראָלאָג

פּערזאָנאַזשן[3]

באַראָן פֿאָן האָיענשטאַטער – יונגער־מאַן פֿון 32 יאָר

דאָקטער בלומבערג[4]

האָטעל־באַלעבאָס[5]

האָטעל־דינער

שטובמיידל

אַ ייִדיש מיידל[6]

*די סצענע שטעלט (מיט זיך) פֿאָר אַן עלעגאַנטן צימער אין האָטעל ״דע פּראַנס״ אין אָדעס. לינקס פֿון (די) צושויער – אַ טיר, וואָס פֿירט אין שלאָפֿצימער. רעכטס אַ – גרויס פֿענצטער אויף דער גאַס[7]. אין דער מיט – די אַרייַנגאַנג־טיר[8]. בייַם אויפֿגייען פֿון פֿאָרהאַנג איז דער האָטעל־דינער באַשעפֿטיקט מיט צוזאַמענלייגן באַגאַזש. דערווירט[9] שטייט מיט אַ רעכענונג אין דער האַנט. פֿון דרויסן הערט זיך אַ רעש, וואָס קומט פֿון דער וויַיטן[10].*

באַלעבאָס: האָסט אַלץ צוזאַמענגעפּאַקט?

דינער: כ׳האָב געהערט...

באַלעבאָס: מאַך עס שנעלער. דער יונגער באַראָן איז אַוועקגעגאַנגען צו זיַין עסטרייַכישן קאָנסול און האָט באַפֿוילן אים די רעכענונג וואָס שנעלער צוגרייטן[11]. ער אייַלט זיך אַוועקצופֿאָרן. אַ שאָד, אַזאַ נאָבלער רייַכער גאַסט, אַ רייַזנדער. ער וואָלט געקענט פֿיל לענגער בלייַבן. אַן אומגליק, אַלע בעסטע געסט צעלויפֿן זיך.

דינער: כ׳האָב געהערט. פֿאַר מיר איז בעסער, אַז די געסט בלייַבן ניט לאַנג און עס קומען אַלע טאָג אָן פֿרישע. כאַפּ איך אַלע מאָל אַ פֿרישן *(ער וויַיזט מיט די פֿינגער – געלט).*

באַלעבאָס: שטיל, באָלוואַן.

דינער: כ׳האָב געהערט.

באַראָן *(קומט אַריַין פֿון דרויסן)*: אַלץ איז פֿאַרטיק? און די רעכענונג? שנעל...

---

[3] א״כ - פּערזאָנען

[4] א״כ - בלוממבערג

[5] א״כ - האָטעל ווירטה

[6] א״כ - מעדכען

[7] א״כ - צו דער שטראַסע

[8] א״כ - אַ טיר צום אייַנגאַנג

[9] באַלעבאָס, בעל־הבית

[10] א״כ - פֿון וויַיט

[11] א״כ - צו מאַכן

באַלעבאָס *(דערלאַנגט די רעכענונג)*: אַלץ איז פֿאַרטיק. אַנטשולדיקט, הער באַראָן, איר האָט געזאָגט, אַז איר דאַרפֿט לענגער בלייַבן דאָ, און אייַלט זיך אַזוי.

באַראָן: איך האָב געפֿאָדערט בייַ אייַך די רעכענונג – וואָס אייַך קומט. אָבער איר האָט ניט קיין רעכט צו פֿאָדערן בייַ מיר אַ רעכענונג פֿון מייַנע האַנדלונגען. מאַכט עס שנעל.

באַלעבאָס: אָן פֿאַרצייַיונג, הער באַראָן. איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז דאָ, אין מייַן האָטעל זענט איר זיכער. איר זענט אַ קריסט און האָט ניט וואָס מורא צו האָבן.

באַראָן: מורא האָט אַ חיה[12]. איך בין אַ מענטש און בייַ אַ מענטשן איז דאָ ערגערס פֿון מורא, וואָס אַ חיה באַזיצט עס ניט[13]. די שאַנדע... עס באַליידיקט יעדעס מענטשלעכע געפֿיל צו זען, אַז מע געהערט צו אַ ראַסע פֿון ווילדע בעסטיעס.

באַלעבאָס: ס׳איז וואָר. אָבער, וואַרום[14]?

באַראָן: איר זוכט בייַ מיר אַן ענטפֿער? ענטפֿערן אייַך דען ניט דייַטלעך די געוואַלדן, וואָס שטייען אין דרויסן. *(עס הערט זיך אַ רעש. ער עפֿנט אויף דאָס פֿענצטער און קוקט אַרויס)* זעט איר דען ניט דייַטלעך דאָרט די שוידערלעכע בילדער? ~~דאָס איז ניט קיין גלייַכער קאַמף צווישן צוויי שטאַרקע מאַכטן. דאָס איז ניט דער רעוואָלט פֿון שוואַכע קעגן זייערע מעכטיקע אונטערדריקער. האַ, דער פֿעסטיקער אַליין רייצט אָן די וועלט צערייַסן זייַנע צוטרווילעכע שעפֿעלעך, וועלכע ער מוז באַשיצן. *(דער רעש ווערט שטאַרקער)*.~~ האָ, איר זעט ווי אַ ווילדע חיה לויפֿט נאָך אַן אומשולדיק אָפּפֿער[15], ווי אַ גייַער לויפֿט נאָך אַ טויב און וויל זי צערייַסן. אָט, האָט ער זי געכאַפּט, זי רייַסט זיך אויס פֿון אים און אַנטלויפֿט... שנעל קומט... מיר מוזן זי ראַטעווען. *(ער מיט דעם דינער לויפֿן אַרויס)*.

באַלעבאָס *(קוקט אַרויס פֿונעם פֿענצטער )*: אַ געזונטער קערל. דער מערדער האָט זיך פֿאַר אים דערשראָקן. ער האָט אים אַ שלייַדער געטאָן צו דער ערד און אַרויסגעריסן דאָס מיידל פֿון זייַנע הענט. ער האָט זי געראַטעוועט און לויפֿט אַהער.

*באַראָן מיטן דינער ברענגען אַרייַן אַ צעשלאָגן מיידל, איר העמד איז צעריסן, עס זעט זיך אָן דער אַקסל.*

באַראָן: *שנעל*, אַ דאָקטער! *(דער באַלעבאָס לויפֿט אַרויס)* וואַסער! *(דער דינער גיסט אָן אַ גלאָז וואַסער און שפּריצט איר אין פּנים. זי ציטערט אויף, עפֿנט אויף די אויגן, קוקט זיך אַרום מיט שרעק און מאַכט זיי ווידער מיד צו)* העלף מיר זי אַרייַנברענגען אין שלאָפֿצימער און זי אַוועקלייגן אויפֿן בעט. זי איז שוואַך. *(ער מיטן דינער פֿירן זי לינקס צו צום שלאָפֿצימער. דער באַלעבאָס, אָנקומענדיק מיט דעם דאָקטער, זעען ווידער דעם באַראָנס פֿאַרבייַט - פֿירן זי אַרייַן אין צימער – דער באַראָן טוט אַ פֿאַל אויף אַ פֿאָטעל אויפֿגערעגט און ווישט זיך דעם שטערן מיט אַ טיכל. דער באַלעבאָס לויפֿט אַרויס פֿון צימער און טוט אַ קלונג – עס קומט אַרייַן[16] דאָס שטובמיידל)*.

---

[12] א״כ - טיער
[13] האָט עס ניט
[14] פֿאַר וואָס?
[15] קרבן
[16] א״כ - ערשייַנט

באַלעבאָס: לויף אַרײַן אין צימער און העלף מיט וואָס מען וועט דיר באַפֿעלן. *(ס׳מיידל גייט אַרײַן אינעם שלאָפֿצימער. דער באַלעבאָס קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער).* זיי האָבן דאָך אָפּגעטראָטן. דער[17] האָטעל איז באַוואַכט, מען דאַרף גיין הייסן צושליסן דעם טויער. *(אָפּ)*

*דאָקטער קומט אַרויס פֿונעם שלאָפֿצימער.*

באַראָן: ווי האַלט עס, הער דאָקטער?

דאָקטער: קיין געפֿאַר. איך האָב אַלץ דערקלערט[18] דעם שטובמיידל. די פּאַציענטין מוז זיך נאָר אויסרוען[19].

באַראָן: איך האָב די ערע זיך פֿאָרצושטעלן, - באַראָן פֿאָן האָיענשטעטער *ריַיזנדער* פֿון ווין.

דאָקטער: פּראַקטיצירנדיקער דאָקטער[20] יעקבֿ ~~בלומבערג~~ פֿינקלשטיין. דער הומאַניזם[21] מאַכט שיינע פֿאָרשריטן אין אונדזער לאַנד. (???)[22] הער באַראָן? אין דעם פֿאַרגאַנגענעם[23] יאָרהונדערט.

באַראָן: אַ שטיק מיטל־אַלטער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער, דאָך דאַרף זיך דער פֿאָרשריט מיט אָפּשרעקן פֿון איינצלנע פֿאַלן און אַרבעטן אוממידלעך[24] ביז דער מענטש וועט[25] ווערן אַ מענטש.

*אינעם כתבֿ־יד זײַטל 3*

געוויס פֿאָדערט די אָ[26] רעפֿאָרם אירע קרבנות[27].

דער דאָקטער: אָבער דער ערשטער זינדנבאָק פֿילט שטענדיק אויס אויף אונדזער אָרעם פֿאָלק מיט צאָלן דער מענטשהייט אונדזער (טרבית-ט???)[28] מיט נאַטור, מיט בלוט, און האָבן אויך אַ גרויסן טייל אין קאַמף, און ווען ס׳קומט צו דער רעכענונג ווערן מיר אויסגעשטריכן - אָן רעכט, יאָ!? פֿאַרדינט אונדזער ראַסע אַזאַ אייביקע פֿאַראַכטונג און פֿאַרפֿאָלגונג פֿון אײַער ראַסע? ~~(דער דינער ברענגט אַרײַן אַ רעצעפּט. דער דאָקטער גייט אַרײַן אינעם שלאָפֿצימער)~~

~~דינער *(צום באַראָן)*: אײַנפּאַקן די זאַכן?~~

~~באַראָן: לאָז מיך בלײַבן. *(ער רוקט עפּעס אַרײַן דעם דינער אין דער האַנט)*~~

~~דינער: אַ דאַנק. כ׳האָב געהערט...~~

---

[17] א״כ - דאָס
[18] א״כ - געאָרדענט
[19] א״כ - מוז נאָר רוהע האַבען
[20] א״כ - אַרצט
[21] א״כ - די הומאַניטעט
[22] דאָס וואָרט איז ניט לעזבאַר
[23] א״כ - געזעגנטן
[24] א״כ - אָנערמידליך
[25] א״כ - מוז
[26] א״כ - דיעזע
[27] א״כ - אָפּפֿער
[28] דאָס וואָרט איז ניט לעזבאַר

~~דאָקטער (קומט אַרײַן): עס איז קיין געפֿאַר. זי ברויכט אַ ביסל רו די נערוון צו באַרויִקן. אַן אָרעם קינד.~~ עס איז אײַך געוויס אומאָנגענעם דער גאַנצער אומשטאַנד. עס האָט אפֿשר[29] געשטערט אײַערע געשעפֿטן[30]. יאָ, אַ רײַזנדער איז דאָך שטענדיק[31] אונטערוועגן, אונטער אומדערוואַרטע צופֿאַלן. עס וועט לאַנג ניט דויערן.

באַראָן: ווי אומאָנגענעם מיר איז דער גאַנצער אומשטאַנד, האָט עס מיר גאָר ניט געשטערט מײַנע, ווי איר מיינט, געשעפֿטן, ווײַל (דאָס איז)[32] דער אייגנטלעכער צוועק פֿון מײַנע רײַזעס. מײַן באַרוף, ווי אַן עטנאָלאָג, (איז) צו פֿאָרשן נאַטור און מענטשן, צו שטודירן טעאָרעטיש און פּראַקטיש די קולטור־געשיכטע *(פֿון אַלע פֿעלקער, פֿון זייער געבורט ביז אין דער העכסטער שטופֿע פֿון איר אַנטוויקלונג)*. צווישן אַלע פֿעלקער האָט באַזונדער (טאָן?)[33] נאַציאָן־באַציִונגען אויף זיך מײַן גרויסע אויפֿמערקזאַמקייט און דאָס איז: די ייִדישע נאַציאָן. ~~איך האָב געזוכט צו געפֿינען אַ געוויסן צוזאַמענבאַנד, אַ געוויסע רעלאַציאָן צווישן איר אַלטער געשיכטע און דער נײַער, און כ'האָב געפֿונען ווי מערקווירדיק די פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דער נאַציאָן שטייט אין (ג...עלען) ווידערשפּרוך מיט איר קעגנוואַרט. ווי קריסט זענען~~[34]

*המשך פֿונעם זײַטל 7, אינעם כתבֿ־יד זײַטל 4*

*דאָס ווײַטערדיקע זײַטל 6 פֿונעם כתבֿ־יד איז ניט נומערירט און זעט אויס ווי אַ צעטל*

עס גייען איבער אינעם זכרון[35] טויזנטער און איבער טויזנטער זייערע אומגליקלעכע קדושים[36], ברידער, וועלכע שטעלן אויף יעדן טאָג די אויערן צו הערן די שמועה פֿון דעם פֿרייהייט־האָרן וואָס וועט זיי אויסלייזן[37] פֿון זייער עלנט און אָנשטאָט דעם זיסן שטים דערהערן זיי פּלוצעם דאָס ווילדע רעווען פֿון זייערע פּײַניקער, די קרייצטרעגער[38]. אַלע שרײַען – הוראַ! לאָמיר אויסרוילן ייִדן! – און די ווילדע געשרייען וועקן די אומגליקלעכע אויף פֿון זייערע זיסע טרוימען און כאַפּן זיך אויף און שטייען אויג צו אויג מיט זייערע טיראַנישע מערדער. אין זייערע אויגן צינדט זיך אָן פּלוצעם מערקווירדיק פֿײַער, זיי באַקומען אַן איבערנאַטירלעכן מוט... און ווי מוטיקע העלדן טרעטן זיי אַרויף אויף די ברענענדיקע שײַטערהויפֿנס אָן שרעק... נאָר מיט מוטיקע שטאָלצשטימען שרײַען זיי אויס "שמע ישׂראל" און שטאַרבן!

[29] א"כ - פּיללײַכט

[30] א"כ - פֿון אײַערע געשעפֿטן

[31] א"כ - אימּמער

[32] עס פֿעלט אינעם כתבֿ־יד

[33] ניט קלאָר

[34] המשך פֿונעם טעקסט איז אויפֿן זײַטל 7, זײַטל 4 אינעם כתבֿ־יד גופֿא

[35] א"כ - געדעכטניס

[36] א"כ - געמאַרטערטע

[37] א"כ - ערלעזען

[38] א"כ - קרייצצוגע

### *אינעם כתבֿ־יד זײַטל 4*

... מײַנע אויערן פֿון קינדהייט אָן געווינט געווען צו הערן פֿון דעם פֿאָלק שרעקלעכע לעגענדעס. יעדער געשיכטע־פֿאָרשער האָט מיר זײַן אַלטע געשיכטע געוויזן דאָס געגנטהייט[39] – אין דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דער נאַציע ליגט פֿיל דערהייבנס, אידעאָלאָגיש. דאָס פֿאָלק האָט אויך אָפּגעלייגט פֿאַר דער וועלט פּראָבעס פֿון גײַסטיקער קראַפֿט און העלדנמוט. בעת איך האָב באַזוכט אין אַלע לענדער די ייִדישע געטאָס האָב איך מיך זעלבסט געפֿרעגט – אָט די טאַקע שטאַמען[40] פֿון דער דערהויבענער נאַציע?

דאָקטער: אַנטשולדיקט, דאָס איז דער פֿעלער פֿון אַ סך געלערנטע – צו גיין אין די געטאָס און אורטיילן פֿון דעם אָרעמען לעבן פֿון אַ געוויסן סאָרט מעשׂיות[41] אויף דעם גאַנצן פֿאָלק. האָט דען ניט יעדע נאַציע זײַן פּראָלעטאַריאַט? דערלויבט איר מיר רייכערן?

באַראָן: ביטע... זייער ריכטיק. איך האָב שפּעטער געזען, אַז אין דעם איז שולדיק אונדזער אייגענע אינערפֿאַרענהייט[42] – דער פֿעלער וואָס מיר שרײַבן צו דעם פֿאָלק איז אונדזער אייגענער און אייגנשאַפֿטן זײַנען זייערע. עס איז מיר העסלעך צו פֿאַרשיידענע איינפֿאַכע שטיינער[43] וועלכע ליגן צעוואָרפֿן אין פֿעלד און קענען ניט אינטערעסירן אַפֿילו דעם גרעסטן געלערנטן, ווען ער זעט וואָס פֿאָריבער, נאָר דער פֿאָרשער וואָס האָט אָפּגענומען דאָס שטיקל פֿעלד צו קולטיווירן קען געפֿינען צווישן דעם הויפֿן שטיינער אויך אַ סך איידל־שטיינער פֿון אַ גרויסער ווערט. ) –

~~באַלעבאָס: האָט איר עפּעס נייטיק צו באַפֿעלן?~~

~~דאָקטער: איצט ניין (פֿאַרלויפֿיק ניכט).~~

באַראָן: (און איך האָב געפֿונען אַזאַ איידלשטיין.) בײַ מײַן רײַזע אין אָריענט, באַזוכנדיק אַלע מערקווירדיקייטן אין פּאַלעסטינע האָב איך געפֿונען זיצן אַ מאָלער, וואָס האָט קאָפּירט די אַלטע וואַנט, וואָס איר רופֿט זי[44] כותל־מערבֿי.

דאָקטער: קענט איר העברעיִש?

### *אינעם כתבֿ־יד זײַטל 5*

באַראָן: איך שטודיר זי. כדי גרונטלעך קענען דעם פֿאָלקסגײַסט פֿון יעדער נאַציע מוז מען אומבאַדינגט צו לערנען די שפּראַכן. אין אַ קורצן געשפּרעך וואָס איך האָב געהאַט מיט דעם יונגן קינסטלער בין איך צו אים צוגעפֿעסלט געוואָרן. אַ מערקווירדיקע פּערזאָן פֿון אײַער ראַסע, וואָס מען טרעפֿט אפֿשר זעלטן אין דער אָ צײַט. זײַן הייסערעס[45], זײַן ריידן האָט מיך פֿאַרפֿירט.

---

[39] גאָר ניט קלאָר

[40] א״כ - זײַנען די די נאָכקאָממען

[41] א״כ - פֿאַבל

[42] דער באַדײַט פֿונעם וואָרט איז אומפֿאַרשטענדלעך

[43] דער באַדײַט פֿונעם וואָרט איז אומפֿאַרשטענדלעך

[44] א״כ - נענט עס

[45] דער באַדײַט פֿונעם וואָרט איז אומפֿאַרשטענדלעך

ער איז מער גאָט ווי מענטש! אויף זײַן בלאַס געזיכט ליגט דער שטעמפּל פֿון פֿיזישע און מאָראַלישע ליידן. ווי אײַערע מאַרטירער פּונעם מיטל־אַלטער. זײַנע הימלישע אויגן געבן אַרויס דעם רעפֿלעקט פֿון זײַן ליכטיקער נשמה[46]. און זײַן גרויסער שטערן באַהאַלט אין זיך די געניעלקייט[47] פֿון אַ גרויסן דענקנער – אין זײַן קעגנוואַרט האָב איך פֿאַרגעסן מײַן ראַנג, מײַן רײַכטום, מײַן שטעלע – און שעם מיך ניט אײַך צו באַשטיין, אַז אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר געדאַכט אַז ער שטייט אין געוויסן גראַד העכער פֿון מיר. מיר זײַנען געוואָרן די אינטימסטע פֿרײַנד און מיר זעצן פֿאָר אויך פֿון דער ווײַטן אונדזער קאָרעספּאָנדענץ, ביז דער צופֿאַל וועט אונדז ווידער צוזאַמענברענגען.

דאָקטער: ווי איז זײַן נאָמען?

באַראָן: איך קען אים אונטער דעם נאָמען בן־עמי. דאָס איז אָבער זײַן פּסעוודאָנים ווי אַ זשורנאַליסט, זײַן ריכטיקן נאָמען האָט מיך ניט אינטערעסירט צו וויסן.

שטובמויד: זי איז וואַך געוואָרן[48]. (און לויפֿט צוריק.ביידע כאַפּן זיך אויף אוןווילן צוגיין צו דער טיר. דאָס מיידל קומט אַרויס אויף אירע פּלייצעס אָנגעלענט – רחלע, וועלכע קוקט זיך אַרום מיט אַ פֿאַרוויסטענעם בליק).

מיידעלע[49]: וווּ בין איך?

באַראָן: אין אַ זיכער אָרט, אויסער דער געפֿאַר. דאָס איז דער הער דאָקטער וואָס באַהאַנדלט אײַך.

דאָקטער: און דאָס איז דער נאָבלער הער און דער מאַן, וואָס האָט אײַך געראַטעוועט פֿון מערדערס האַנט.

*אינעם כתבֿ־יד זײַטל 6*

רחל: און וווּ איז מײַן מוטער, מײַן טײַערע מוטער? *(זי וויל לויפֿן צו דער טיר).*

באַראָן: *(מיטן דאָקטער האַלטן זי צו)* מיר קענען[50] אײַך ניט לאָזן גיין אין געפֿאַר צו באַצאָלן מיט אײַער לעבן פֿאַר אײַער מוטערס לעבן, מיר קענען שיקן אַ מענטשן, אַז ער זאָל זי ברענגען אַהער. שרײַבט אויף דעם אַדרעס פֿון אײַער הויז. דאָ איז טינט און אַ פֿעדער. *(זי שרײַבט, באַראָן קלינגט. דער באַלעבאָס קומט אַרײַן).*

הער באַלעבאָס, זײַט אַזוי גוט און גייט אויף דעם אַדרעס אויגנבליקלעך אויפֿזוכן דאָס הויז, וווּ דאָס מיידל וווינט און ברענגט איר מוטער אַהער. *(זי מיט אים דערקאָכטע[51]...)*

דאָקטער: וואַרט, איך גיי אויך מיט אײַך. *(ביידע אָפּ)*

---

46 א״כ - זעעלע

47 א״כ - דעם געניוס

48 א״כ - ערוואַכט

49 עס דאַרף זײַן - רחל

50 א״כ - וויר מוזען

51 די אָ רעמאַרק איז גאָר אומפֿאַרשטענדלעך

רחלע: אָ, מײַן טײַערע מוטער! ווער ווייסט וואָס מיט דיר איז געשען! *(רחל וויינט).*

באַראָן: באַרויִקט אײַך, פֿרויליין! שרעקט אײַך ניט. מיר זײַנען ניט קיין ווילדע חיות[52]. מיר זענען מענטשן, קיינער האָט ניט קיין רעכט אײַך ליַידער צו טאָן. וואָס קוקט איר זיך אַרום?

רחלע: געהערט איר אויך צו יענער ראַסע מענטשן?

באַראָן: זע איך אויך אויס ווי איינער פֿון זיי?

רחלע *(גיט אַ קוק אויף אים פֿאַרשעמט)*: נ־נ־נ־ניין! אָבער איר זענט אַלע געווינט אונדז צו פֿאַראַכטן און פֿאַרפֿאָלגן.

באַראָן: פֿאַר וואָס רעכנט איר, אַז איך זאָל אויך באַגיין אַזאַ טיפּשות[53].

רחלע: ווײַל איר רעכנט, אַז אונדזער ראַסע איז ניט אומשטאַנד פֿײַן צו זײַן.

באַראָן: אויב אין אונדזער ראַסע איז דאָ אַ סך נישט קיין פֿײַנע לײַט, דאָך וואָלט איר נישט גוט געטאָן ווען איר זאָלט מיך אײַנרעכענען צווישן זיי. נישט אמת[54]?

רחלע *(וויינט)*: מײַן גאָט! מיט וואָס האָב איך אַזוי געזינדיקט? וואָס בין איך שולדיק? כ׳בין אײַך שולדיק?

באַראָן: איר זענט פּונקט אַזוי פֿיל שולדיק ווי אַן עלנטע טויב, וואָס (האָט זיך) פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן די רויבפֿייגל.

רחל: און פֿון וואָס פֿאַר אַ סאָרט פֿייגל זענט איר?

*אינעם כתבֿ־יד זײַטל 7*

באַראָן: פֿון דעם סאָרט, וואָס ברענגען דעם איילבערט פֿון פֿרידן אין זייער מויל אויף דער וועלט.

רחל: מײַן מוטער! ווּ איז מײַן מוטער? לאָזט מיך. *(ער לאָזט ניט)* בין איך אַ געפֿאַנגענע?

באַראָן: דער הימל זאָל דיך באַשיצן[55]! איר זענט אויסער דער געפֿאַר! מיטן בעסטן ווילן קען איך אײַך נישט דערלויבן אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, אָבער אין דער אָ שטאָט טאָרט איר אײַך מער נישט געפֿינען. האָט איר אַחוץ אײַער מוטער נאָך פֿרײַנט, באַקאַנטע אין אַנדערע שטעט.

רחל: אַחוץ מײַן מוטער האָב איך נאָך אַ טײַערן ברודער, ער איז אַ לאַנגע צײַט אויף רײַזן, און מיר האָבן לאַנג פֿון אים נישט געהערט. אויסער אים האָבן מיר ווײַטע קרובֿים אין וואַרשע.

באַראָן: געדענקט איר זייער נאָמען? איך בין אין דער שטאָט באַקאַנט.

רחל: די מאַרגאָלינס.

---

[52] א״כּ - טיערע

[53] א״כּ - דומהייט

[54] א״כּ - וואָר

[55] א״כּ - בעוואַרע דיר הימעל

באַראָן: פֿאַוועל ~~פּעטראָוויטש~~ מאַרגאָלין? איך בין גוט באַקאַנט אין דעם הויז. אַהין קען איך אײַך מיט אײַער מוטער באַגלייטן, אָדער שיקן מיט אײַך אַ זיכערן מענטשן. איך וועל אַפֿילו[56] די רײַזע־קאָסטן באַשטיין, אויב איר וועט דערלויבן.

רחל: איך דאַרף נישט קיין פֿרעמדע שטיצע, איך דערנער מיך פֿון מײַן פּראָפֿעסיע.

באַראָן: און זי איז?... אויב איך מעג אײַך פֿרעגן[57]?...

רחל: מוזיק־לערערקע.

באַראָן: אַלזאָ וועל איך אײַך אין אַ סך נאָבלע רײַכע הײַזער רעקאָמענדירן, אויב מײַן פּראָטעקציע וועט אײַך ניט לעסטיק זײַן.

רחל: אָבער, מײַן מוטער, ווּ איז מײַן טײַערע מוטער?

באַראָן: נאָר נישט פֿאַרצווייפֿלט. אָט קומט מען *(דאָקטער קומט אַרײַן)* נו, וואָס הערט מען?

רחלע *(לויפֿט מוטיק אַנטקעגן)*: וואָס מאַכט מײַן ליבע מוטער? האָט איר זי געזען? האָט איר געזאָגט, אַז איך לעב? איז איר גאָר ניט געשען?

דאָקטער: עס האָט איר גאָר ניט געשען. *(רחלע טוט אַ פֿרײלעכן פּליאַסק מיט די הענט צום הימל)* איך בין געווען אין איר צימער און זי געטראָפֿן ליגן מיט אומגערינגלט אייניקע פֿרויען.

---

[56] א״כ - זאָגאַר

[57] א״כ - ווען איך פֿראַגען דאַרף?

*אינעם כתבֿ־יד - ניט נומערירט*

# 1 אַקט

## פּערסאָנאַזשן:

פּאַוועל איסאַאַקאָוויטש מאַרגאָלין, פֿון אַ יאָר 45

פֿעאָדאָסיע, זײַן װײַב פֿון אַ יאָר 40

אָלגאַ, פֿון אַ יאָר 22

פֿעליקס, פֿון אַ יאָר 19

שׂימחה שץ, פֿעאָדאָסיעס ברודער, לערער פֿון העברעיִש, ייִדיש געקליידט, אַ גראָװלעך בערדל, 50 יאָר

נעכע, זײַן װײַב, אַ ייִדענע פֿון אַ יאָר 52, זעט אויס עלטער פֿון איר עלטער

רחלע, מוזיק־לערערין, אַ יאָר 20, נעכעס געשטאָרבענער שװעסטער אַ קינד

נחמיה, איר ברודער, לאַנדשאַפֿט־מאָלער, ליטעראַרישער נאָמען בן־עמי, 24 יאָר

מאַטװײ גריגאָריעװיטש, סעקרעטאַר פֿון דער דומע, מיט אַ רויטער נאָז

*עלעגאַנטער צימער בײַ די מאַרגאָלינס. לינקס פֿון די צושויערס צוויי טירן. צווישן זיי אַ פּיאַנאָ, פֿאָטעלן און אַ רײַכער טיש. רעכטס – אַ טיר און אַ ברענענדיקער קאַמין. אין הינטערגרונט[58] אַ טיר וואָס פֿירט אין אַן עלעגאַנטן פֿאָרצימער. אין הינטערגרונט אַ טיר, דורך וועלכער זעט זיך דער פּאַראַדנע פּאָדיעזד[59], באַלויכטן פֿון דרויסן מיט 2 לאַמטערן. עס זעט זיך אַרויס אַ גאַס, עלעגאַנטער מויער מיט שניי באַדעקט. בײַם געדעקטן טיש זיצן און האַלטן אין עסן און טרינקען פּאַוועל איסאַאַקאָוויטש, מאַטוויי גריגאָריעוויטש און פֿעליקס אין אַ ״זשאָקייסקע קאָסטיום״, לינקס פֿון פּאַוועל זיצט זײַן ווײַב פֿעאָדאָסיע, לעבן איר אָלגאַ. שׂימחה שץ דרייט זיך אַרום אין שטוב, היימיש, רייכערט אַ סיגאַרעט, קוקט אויף די בילדער, און באַלד גייט ער צו צום פּיאַנאָ, קלאַפּט אויף די קלאַווישן, זינגט זיך עפּעס צו.*

מאַטוויי גריגאָריעוויטש צו פּאַוולען: זאַ וואַשע[60]! *(טרינקט)*

פּאַוועל: נאַ זדאָראָוויטשקע[61]! איך וועל דורך דײַן פּראָטעקציע ווערן טשלען[62] אין דער דומע.

[58] הינטערגרונט – הינטערשטער פּאָן, דריטער פּלאַן פֿון דער בינע

[59] רוסיש - דער הויפּט־אַרײַנגאַנג אין הויז

[60] רוסיש - פֿאַר אײַער געזונט!

[61] רוסיש – לחיים!

[62] רוסיש – מיטגליד פֿון דער דומע - פֿונעם רוסישן פּאַרלאַמענט

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 2*

געלט ניע פּאָטשאָם[63]! וואָס, האַ? *(טרינקט אויס און גיסט ווידער אָן)* בײַם טראָיִצע[64]... *(טרינקען)*

*שימחה שך*: אַ שיינע טראָיִצע! געלט גייען בײַ דיר... 10טע כוסה... אַ ייִד דאַרף זאָגן עשׂרה, דאָס איז די צאָל 10, ייִד איז בגמריה 10, עשׂרת הדברות, איז 10, אַ כּוח ???[65]

פּאַוועל: בײַ דיר, ר׳ *שימחה שך*. ר׳ *שימחה*, האָסט דאָך אויך ליב אַ כּוסה! ח־ח־ח! גייסט דאָך אויף חתונות און בריתן, ביסט דאָך געוווינט צו מאַכן אַ ברכה! ח־ח־ח!!!

*שך*: איך גיי צו לוויות אויך און בין אויך געוווינט צו מאַכן אַ מלא!

פֿעליקס: מלא, מלא... דיאַדיע[66], לערן מיך אויך אויס פּאָ יעווריעיסקי[67].

*שך*: זאָג נאָך – יתגדל...

פֿעליקס: אַ סקאַנדאַל.

פֿעאָדאָסיע: וואָס זאָגסטו מיט אים קדיש, ברודער? איך לעב דאָך נאָך.

*שך*: האָב קיין מורא נישט. ועסט אויסלעבן דײַנע יאָרן און ער וועט נאָך אַלץ קיין קדיש ניט קענען.

פּאַוועל *(צו פֿעאָדאָסיע)*: אַזוי, *שוועסטער*, גיס דו אַליין אָן דײַן ברודער אַ כּוס. נאָ? ר׳ *שימחה*, וואָס פֿאַר אַ ברכה מאַכט מען, אַז אַ דאַמע דערלאַנגט אַ כּוס?

*שך*: בורא פּרי אדמה.

פֿעאָדאָסיע: *(פֿאַרגלאָצט די אויגן)* אָמן!

אָלגאַ: מאַמאַשע, פֿוי, ווידער מיט דײַנע זשידאָווסקי זאַבאַבאָנעס! קענסט דיך אַלץ ניט אָפּגעוווינען. ביסט דאָך שוין צו....[68]

פֿעליקס: בײַ די קאָסט שיין ??? דיר[69]. איך בין הונגעריק ווי אַ פֿערד.

פּאַוועל: *(גיט אַ קוק אויף אים און שאָקלט מיטן קאָפּ)* האַ, האַ. דאָס מאכיל וגט! ר׳ *שימחה שך*. בײַ אונדז אויך פֿאַראַנען פֿון גאָלע אייער... וואָס? האַ? אָלגע, ווי הייסט עס?

אָלגע: אָמלעט מיט קאָנפֿיטור...

[63] רוסיש – ס׳געלט מאַכט ניט אויס!

[64] טראָיִצע איז אַ קריסטלעכע חגא

[65] איין וואָרט איז ניט קלאָר

[66] רוסיש - פֿעטער

[67] רוסיש – אויף ייִדיש

[68] ניט קלאָר

[69] דער זאַץ איז אומפֿאַרשטענדלעך

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 3*

פֿעליקס: וואָי, וואָי, אַה... האַמלעט איז באַרימט. איר מעגט עסן דעם...

פֿאַוועל: *שוין* ווידער? וואָס פֿאַר אַ האַמלעט?

פֿעליקס: איך קען אים בעסער פֿון דער ????[70] מיט אים בײַ איין טיש געגעסן אין גראַנד האָטעל אין פּאַריז.

פֿאַוועל: *(צו אָלגען)* וואָס פּלוידערט ער? *(פֿאַרקנייטשט מיט די פּלייצעס)*

אָלגע: אָט דער האַמלעט איז אַ העלד פֿון *שעקספּירן*.

פֿעליקס: און מײַן האַמלעט איז פֿון איינער מײַנער אַ באַקאַנטער פּאָלנישער אַרטיסטין, וואָס *שפּילט* האַמלעט באַרימט.

מאַטוויי: אָבראַזאָוואַני, אַנאַרכיסט, *שעלמאַ*[71]! *(טרינקט)* זאַ וואַשע!

פֿאַוועל: ר׳ *שימחה שץ*, האָסט טאַקע שׂכל ווי די קאַץ. אַז דו ווילסט בײַס ניט צו כּוסען, וואָס נישט כּשר? וואָס, האַ? אַפֿילו דײַן יתומה רחלע וואַרפֿט זיך מיט אונדזערע מאכלים און האָט זיך אָנגעדונגען בײַ דיר איר טראָגן כּשר עסן? וואָס, האַ? אַ ייִד מוז נאָר עסן נאָכן שולחן ערוך? אַ פֿראַנצייזישער קאָך קען נישט בעסער הלכות אַכילה פֿון דײַנע ירושלימער בטלנים? ח־ח־ח... וואָס, האַ? דיר חלומט זיך אַלץ די ייִדישע מאכלים, וואָס מיר האָבן געגעסן בײַ דײַן טאַטן, דעם שווער, אויף קעסט: המוציא מיט האָניק, צרות קניידלעך, כּל נדרי־באַרעלעך? ח־ח־ח... *(פֿעליקס לאַכט אויך)* אויך די אַלטע צײַטן! די צײַט רוקט זיך און מיר מיט איר, – פּראָגרעס, ציוויליזאַציע, אַסימילאַציע!

פֿעליקס: רעסטאָראַציע, קאָראָנאַציע!

מאַטוויי: אַנאַרכיסט, *שעלמאַ*!

פֿאַוועל: אַפֿילו דײַן *שוועסטער* האָט זיך *שוין* אויך צוגעווינט צו די ציוויליזירטע פּאָטראַוועס.

פֿעאָדאָסיע: אַז דיר איז ניחא איז מיר אויך ניחא. נעכײַ בודע טאַק!

פֿאַוועל: דו הערסט זי? וואָס איז אויך געווען אַ כּשרע בהמה ווי דו. איז *שוין*, אויב האָסט געוווּנטשען[72]...

[70] איין וואָרט איז ניט קלאָר

[71] רוסיש - אַ געלערנטער, אַנאַרכיסט, פּלוט! אײַער געזונט!

[72] דער מיין פֿונעם זאַץ איז ניט קלאָר

*אינעם כּתבֿ־יד - זײַטל 4*

שך: אַ טריפֿענע בהמה! נאָך דײַן מויל ליגט די גאַנצע ציוויליזאַציע אין טריפֿענע מאכלים. דאַרף מען זיך ניט קווענקלען צולייגן פֿרעמדע שפּראַכן, נאָר אַרײַנרײַסן עטלעכע בלעטלעך סווינינע[73] איז ער שוין פֿאַרטיק געבילדעטער. ווען שוין עסן טריפֿות איז שוין גלײַכער בײַ אַן אמתן גוי איידער בײַ אַ טריפֿענעם ייִד צו עסן חזיר.

פֿאַוועל: עי, עי, ר׳ שׂימחה שך!

שך: איך הער דיך ווי די קאַץ.

פֿאַוועל: גראַמפּערלעך! זאָגסט גראַמען אויך?

שׂימחה: ווילסט אַן גראַמען? נו, הער איך דיך ווי דעם קאָטער.

אָלגאַ: נו זאָל שוין זײַן גענוג. ווען עס קומען זיך צונויף קאָנסערוואַטיווע מיט ליבעראַלע מוז ווערן אַ סטיטשקע[74]. *(הייבט זיך אויף פֿון טיש)* מאַמאַשע, הייס סערווירן קאַפֿע!

*פֿעאָדאָסיע איז אָפּ. מאַטוויי און פֿאַוועל מיט אים פֿאַררייכערן סיגאַרן. אין דער צײַט זעצט זיך שך צו דער פּיאַנע. אָלגע קוקט אַרײַן אין אַן אַלבאָם. פֿעליקס פֿאַררייכערט אַ סיגאַר.*

פֿאַוועל: וואָס טערעלעקעסטו מיר דײַנע ייִדישע ניגונים. בײַ אונדז זינגט מען אָפּעראַס.

פֿעדאָסיאַ: אָט וועט אָלגע עפּעס שפּילן פֿון דער אָפּעראַ כאָלעריאַ פּיסטיקאַנאַ.

אָלגאַ: מאַמאַשע! ״קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ״.

פֿאַוועל: אָט האָסטו דיר די צווייטע טעג יום־טובֿ, ר׳ אַהרון משה שך.

פֿעליקס: דער דיאַדיע זעט אויס ווי ענלעך דער זשידאָווקאַ. אָה ראַחיל, ראַחיל! מאָיאָ נאַסלאַזשדעניע[75].

מאַטוויי: פֿאָ אוליצאַם סלאָנאַ וואָדילי[76]! טפֿו מיט דײַן זשידאָווסקע וואָדקע. דער קאָפּ האָט זיך מיר פֿאַרדרייט.

פֿעליקס: און די ערד דרייט זיך דאָך, – האָט געזאָגט גאַלי – גאַלי – גאַנוס.

---

[73] סווינינע – רוסיש – חזיר־פֿלייש, חזיר־פֿעטס

[74] רוסיש – צוזאַמענשטויס, קריגערײַ, וויכּוח

[75] רוסיש – מײַן תּענוג, מײַן פֿאַרגעניגן

[76] רוסיש – איבער די גאַסן האָט מען געפֿירט אַ העלפֿאַנד

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 5*

פֿאַוועל: ווערט דאָס געלט וואָס ער האָט מיר געקאָסט. גאַלעלעיס פֿערד!

פֿעליקס: די גאַלעלעיס פֿערד! דער פֿאַפּאַשע איז עפּעס. האָסט מיט[77]...

פֿאַוועל: ווערט דאָס געלט וואָס ער האָט מיר געקאָסט. וואָס, האַ?

אָלגע: וואָס איז ער שולדיק? האָסט אים אײַנראַזבאַלעוועט, האָסט אים צו אויג געשיקט אויף רײַזן אין פֿאַרשיידענע הויפּטשטעט. און אַז מע דערטויפֿט מען אַזוי רוען אַ מאָלאָקאָסאָס[78] מיט אַ סך געלט האָט איר די פֿאַרדאָרבענע געזעלשאַפֿט פֿאַרדאָרבן. פֿאַר וואָס האָסטו אים ניט געלאָזט מאַכן אַן אַקאַדעמישע שטודיעס? אַך, פּאַפּאַ, איך האָב פֿאַרגעסן דיר צו ווײַזן[79] דעם סיורפּריז וואָס מיר האָבן באַקומען. אָט גײ איך דיר אים ברענגען. האָ, מאַטווײ גריגאָריעוויטש איז מיד. קומט אַרײַן אין פּאַפּאַס קאַבינעט זיך אויסרוען. *(זי נעמט אים געאַרעמט).*

מאַטווײ: פֿאַרשיוואַיאַ וואָדקאַ, טפֿו! אַנאַרכיסט! *(אָפּ רעכטס)*

פֿאַוועל: איך זאָל אים געוועזן געבן אין אַ גימנאַזיום, אַז ער האָט ניט קיין חשק ניט, מע האָט אים צוויי מאָל אויסגעוואָרפֿן, און ווי ער האָט קיין קאָפּ צום לערנען זאָלסטו זען ווי ער טויג זיך גוט אויס צו מסחר, צו געלט אינקאַסירן, צו רעכענען, ער האָט פֿאָרט אַן אויג אין קאָפּ פֿאַרמאָגט.

שׂץ: אַ שיינע דערציִונג האָסטו אים געגעבן. אַ יונג רעדט אַלע שבֿעים לשונות און קען קיין איין לשון ריכטיק, איר רעדט שוין ניט פֿון ייִדישקייט. ביסטו דאָך נאָך אַ ייִד, ויחי, לערנט מען אַ קינד ער זאָל וויסן אָם וויניקסטן די נעמען פֿון די נבֿיאים, גיבורים, חכמים פֿון אונדזער ייִדישער געשיכטע. אַנו גיב אים דאָך אַ פֿרעג ווי הייסן די ספּריטנע[80] לאָשיקעס פֿון די ראַסעס פֿערדלעך, וועט ער זײַ דיר אַלע אויסרעכענען אויף די פֿינגער. אַ ייִדיש קינד זאָל ניט וויסן פֿון קיין ייִדיש ספֿר... דאָס שענסטע... ער קען גוייש אויך ניט! אָבער ווי גוט ער קען אויסוועגד די טעאַטער הגדה צו זאָגן מיט די טענצערינס ויהי פריץ בלילה...

פֿאַוועל: וואָס האָסטו געוואָלט, ר' שׂימחה שׂץ? איך זאָל אים פֿאַראידלען? איך האָב אים אוממיסטנע אַרויסגעריסן פֿונעם ייִדישן גאָט! איך האָב אים בײַ צײַטנס

---

[77] איין וואָרט איז ניט קלאָר

[78] רוסיש - אַ זויגלינג

[79] א״כ – צײַגן

[80] הייסע, פֿלייסיקע פֿערדלעך

*אינעם כתבֿ־יד - זייַטל 6*

געזוכט אַרויסראַטעווען פֿונעם דעספּאָטישן רעליגיעזן דרוק וואָס איך האָב אים אַזוי פֿאַראַכטעט. יאָ, איך האָב געוואָלט צערייַסן די קייטן, וואָס וואָלטן אים געדריקט זייַן גאַנץ לעבן צו בלייַבן אַן אומגליקלעך ייִד פֿון דעם אומגליקלעכן ייִדישן פֿאָלק. אַ שיינע דערציִונג האָבן מיר געוווּסט אין די בתּי־מדרשים... אַ שיינער תּכלית וואָלט פֿון אים בײַ ייִדן געוואָרן אַ ייִד אַ שליח צדיק, אַ רבֿ אין אַ קליין שטעטל... קען ער דורך אַ פּראָטעקציע ווערן מיט דער צייַט אַ טשלען אין דער דומע, זיך דערדינען צו אַ הויכן טשין[81]. וואָס, האַ? הלוואַי וואָלט נאָר מקיים זייַן דאָס וואָס איך ווינטש. זעסטו ווי דו קוקסט אים אָן... האָט דעם גאָלאָוואַס טעכטערל אויף אים געוואָרפֿן אַן אויג, זי גייט אויס נאָך אים, און ס׳איז אַן עבֿרה אַז ס׳וועט ווערן אַ שידוך. וואָס פֿאַרקרימט איר אייַך, ר׳ *שימחה שך*? ווילסט אפֿשר נישט?

*שך*: איך וויל ניט? פֿון מייַנעט וועגן? איך מיין, יענער צד וועט ניט וועלן.

*פֿאַוועל*: וואָסי? איך בין קיין מיוחס ניט?

*שך*: נאָך ווי אַזוי. אָט וועל איך דיר אַפֿילו אויסרעכענען אַליין דייַן ייִחוס אויף די פֿינגער *(ער פֿאַרבייגט דעם מינדסטן פֿינגער פֿון דער האַנט)*. ערשטנס ביסטו אַ מיוחס! צווייטנס ביסטו געבילדעט *(ער פֿאַרבייגט דעם צווייטן פֿינגער – ער שפּרינגט אָפּ)*, דריטנס ביסטו אַ פֿייַנער גוטער מאַן *(ער פֿאַרבייגט דעם דריטן פֿינגער – ער שפּרינגט אָפּ)*, פֿערטנס ביסטו ניט קיין גנבֿ *(ער פֿאַרבייגט דעם 4טן פֿינגער – ער שפּרינגט אָפּ)*, און פֿינפֿטנס האָסטו קיין מאָל קיין ליגן ניט געזאָגט *(ער פֿאַרבייגט דעם 5טן פֿינגער – ער שפּרינגט אָפּ און בלייַבט בייַם פֿאַרמאַכטן מינדסטן)*.

*פֿאַוועל*: וואָס זשע איז זייַן ייִחוס, אַז ער האָט ניט קיין גראָשן בייַ זייַן נשמה און דאַרף בייַ מיר לייַען געלט?

*שך*: אַזעלכע ייִדן ווי דו האָבן אים אייַנגעמאָנט פֿאַר אַ מיוחס. אַ מאָל איז דער גוי בייַ דיר געווען אַ טריפֿה, הייַנט ביסטו בייַ אים טריפֿה. עס גלוסט זיך דיר צו פֿאַרדינגען זייַן דירה, און זייַנע קלובן און האָטעלן. אַ מאָל האָסטו אויף אים געזאָגט דעם חרם, הייַנט זאָגט ער אויף דיר החרם, און טוסט

[81] רוסיש - פּאָסטן, מדריגה

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 7*

אַ געפּערלעכן שפּאַן, אַז ס׳פֿאַלט דער קאָפּ אַראָפּ. אַ מאָל ביסטו געווען דער *[82] , דו האָסט עפּעס אויסצוּװײַזן אירע דאָקומענטן פֿון דער תּורה *[83] און צרורהס, און אַז דו האָסט זיך אויסגעטאָן אַליין פֿון דעם ייִחוס, ביסטו געבליבן אַ הוילער ציגײַנער, און ער איז גאָר געבליבן בײַ זײַן ייִחוס פֿון זײַנע *[84] אַ לאַנד בעט ער אויך. אַנדערש שטייט אים נישט אָן צו געבן זײַן טאָכטער אַ הוילן ציגײַנער.

פּאַוועל: איך וועל אים אַ ווײַז טאָן די באָמבע וועט ער זיך דערשרעקן. נאָך אַ צענדליק פּעטש וועט ער מיר פֿאַלן צו די פֿיס.

שך: אויב אַזוי איז עפּעס אַנדערש. קען איך דיר אַפֿילו[85] אויסרעכענען די פֿינגער, דאָס אָרט און דעם טאָג אַפֿילו, ווען ער וועט אַליין פֿירן זײַן טאָכטער מיט דײַן זון אונטער דער חופּה.

פּאַוועל: אַיאָ? וואָס, האַ? נו, נו, ווען?

שך: אַז מע דאַרף זאָגן אַ נבֿואה מוז מען באַגײַסטערט ווערן פֿון דעם גײַסטיקן.

פּאַוועל: *(גיסט אָן ווײַן און טרינקט)* טאָ זאָג זשע ווען.

שך: ווען דאָ וועלן וואַקסן האָר.

*אָלגאַ לויפֿט אַרײַן פֿריילעך און טראָגט אַ סאַמעטן קעסטעלע אין דער האַנט, נאָך איר די מוטער און פֿעליקס.*

אָלגאַ: זע נאָר, פּאַפּאַ, דו ווייסט דאָך, אַז מיר זענען מיטגלידער פֿון טורן־פֿאַראיין־געשטאַלן[86]. אין אָוונט[87] האָט מען די נאָבעלסטע רײַכסטע מיטגלידער געטיילט פּרעמיעס. האָט דער פּרעזידענט מיר און דער מוטער אויך צוגעטראָגן אָט די פּרעמיע בײַם אַלגעמיינעם אָפּלאָד. עס האָט מיר אָבער ניט געפּאַסט דאַן עס צו עפֿענען, וועלן מיר איצט זען דעם סורפּריז.

פּאַוועל: אַנו. ר׳ שׂימחה שך, פֿאַר וואָס ניט? מיר זענען די איינציקע ייִדן אין דעם קריסטלעכן פֿאַראיין. קוק כאָטש אָן ווי מע שעצט אונדז, און ווי מען האָנאָרירט אונדזערע ייִדישע פֿרויען. מיוחסים, וואָס, האַ?

*מע עפֿנט דאָס קעסטעלע און מע נעמט אַרויס אַ סך גרויסע ציבעלעס.*

אַלע: פֿוי!

שך: וואָס מיר פֿוי?... איר וואַרפֿט אײַך מיט אַזאַ טײַערער ציוויליזאַציע? גיט עס מיר, און נעכע וועט עס מיר אײַנהאַקן מיט דער געזונדענער שמאַלץ, וועלן מיר אויך ווערן ציביליזירט.

*ער לייגט אַרײַן די ציבעלעס אין דער קעשענע. אַלע צעלויפֿן זיך.*

[82] דאָס וואָרט איז ניט לעזבאַר

[83] דאָס וואָרט איז ניט לעזבאַר

[84] דאָס וואָרט איז ניט לעזבאַר

[85] א״כ – זאָגאַר

[86] דער מיין פֿונעם וואָרט איז אומפֿאַרשטענדלעך

[87] א״כ – אַבענד

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 8*

פֿאַוועל: קאַי עליעס! נו, ווּ איז ערגעץ מאַטוויי? מיר וועלן גיין כאַפּן אַ פֿאַלקע[88]!

שץ: ווייסט, איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן.

פֿאַוועל: איך האָב איצט צו דיר קיין צײַט ניט. איך דאַרף גיין מיט דעם ייִדן הגדול זאָגן אַ ביסל תּהילים, נאָר נישט דײַן תּהילים פֿונעם מלך דוד, – אונדזער תּהילים איז פֿונעם מלך טרעף[89].

שץ: אַפֿילו דער מלך איז בײַ דיר טריפֿה. נאָר מעגסט זײַן טריפֿה מיטן גוף, אָבער אַ ייִדישע נשמה האָט דאָך געמוזט בלײַבן אין דיר. מע האָט מיך געשיקט צו דיר איך זאָל דיך בעטן צו געבן עפּעס וועגן אומגליקלעכע ייִדן. איך ווייס, די גוים גיבסטו געווג.

פֿאַוועל: פֿון די גוים האָב איך אַ נוץ, איך האָב מיט זיי געשעפֿטן. און מיט דײַנע ייִדישע קהילות געהער איך מיך ווייניק אָן און וויל מער פֿון זיי ניט וויסן. דערצו זענען הײַנט ביטערע צײַטן, די בעסטע געשעפֿטן ליגן איצט אין דער ערד.

שץ: איז טאַקע דאָס גלײַכסטע פֿאַר דיר דאָס צו גיין אין דער ערד, וועסטו מאַכן די בעסטע געשעפֿטן.

*אָלגאַ קומט אַרײַן מיט אַ קאַרטע[90] אין דער האַנט, נאָך איר דער באַדינער.*

אָלגע: פּאַפּאַ, דער באַראָן קומט. איך דאַרף מיט אים זײַן אַליין, אַנטשולדיקט.

*פֿאַוועל גייט אַרײַן צו זיך, רעכטס אין דער טיר.*

אָלגע: *(צום באַדינער)* פֿאַרבעט אַרײַן.

*דער באַדינער איז אָפּ.*

באַראָן: האָ, ווי גייטס, פֿרוילין? *(קושט איר די האַנט).*

אָלגע: ווילקאָמען, ביטע, נעמען זי פּלאַץ. *(באַראָן נעמט פּלאַץ און קוקט זיך אַרום).* איך מערק, אַז איר זענט אין אונדזער פֿערלעגענהייט, הער באַראָן. עס מוז ווירקלעך אומאָנגענעם זײַן, ווען מען קומט און האָפֿט צו טרעפֿן אַ געוווּנטשטע פּערזאָן, און מע טרעפֿט צופֿעליק גאָר אַן אַנדערע, וואָס מע ווונטשט זי ניט.

באַראָן: אײַער[91] באַשיידנקייט וויל מיך צווינגען אײַך צו מאַכן אַ קאָמפּלימענט און אײַך זאָגן, אַז איר זענט זייער ליבענסווירדיק און קענט אויך האָבן אַ רעכט, ווי אַנדערע, מע זאָל אײַך גערן האָבן.

---

[88] רוסיש – אַ שטעקן

[89] אַ שפּילוואָרט – אין קאָרטן ״טרעף״ אויך ״טרעפֿאַ״, אויף ייִדיש – צלם, אייכל, טרעף, שפּאָג

[90] קאַרטע - דאָ מיינט מען אַ וויזיט־קאַרטל

[91] א״כ - אירע

*אינעם כתב־יד - זײַטל 9*

אָלגע: עס שמייכלט מיך אײַער[92] העפֿליכקייט. איר זענט אָבער אַ פֿאַרערער פֿון מוזיק און האָט גערן פּערזאָנען וואָס באַזיצן מוזיקאַלישן טאַלאַנט, וועלכע אייגנשאַפֿט האָט מיט דער נאַטור...[93]*

באַראָן: איר זענט ניט שלעכט באַלוינט, פֿרוילין.

*פֿון דאָ אָן און ביז סוף איז דאָס אַ זײַטל אויסגעמעקט.*

אָלגע: ~~איך בין אַ פּערזאָן,~~ וואָס האָט ניט ליב[94] דעם מיטלוועג. איך האָב ליב עקסטרעמע. איז בעסער[95] זײַן גאָר גרויס אָדער גאָר קליין. קליין וויל איך ניט זײַן, גרויס קען איך ניט זײַן. דערפֿאַר קומט אויף אַזעלכע מענטשן ווי איך אַ מאָמענט פֿון נערוואָזע און מען פֿילט עטוואָס, ווי אַ דערווייטיקן צאָן, אַלע מענטשן אַרום זיך.

באַראָן: איך קען אַזוי ניט אורטיילן, גנעדיקע פֿרוילין, ווען אַ מענטש פֿילט ווי אַ דערווייטיקטן צאָן אַלע מענטשן, איז אויך קיין באַווײַז, אַז אַלע מענטשן זענען אומגערעכט. אפֿשר ליגט דער פֿעלער אין דיר אַליין. מע דאַרף וויסן די סיבה[96], וואָס האָט די פּערזאָן געמאַכט מיאוס געשטימט.

אָלגע: פֿילט איר אַ פֿאַרגעניגן אין דעם צו וויסן די סיבה וואָס אַ פֿרוי קען מיאוס געשטימט מאַכן?

באַראָן: פֿאַרגעניגן? געוויס ניט. איך קען זי נאָר באַדויערן ווען עס זאָל מיך דאַרפֿן אינטערעסירן.

אָלגע: מיט באַדויערן קען אַ מענטש, וואָס פֿילט, אַז ער איז אומגליקלעך, אויך ניט געהאָלפֿן ווערן. און די פֿליכט פֿון אַזאַ אינטעליגענטן נאָבעלן מאַן, ווי איר זענט, צו לערנען און ווײַזן דעם מענטשן דעם ריכטיקן וועג ווי אים אויסצוקורירן פֿון זײַן נערוועזער שטימונג.

באַראָן: עס איז אָפּהענגיק פֿון דעם צי וויל יענער אָננעמען אַזאַ ראַט.

אָלגע: זייער גערן.

באַראָן: איך גלייב, אַז דער איינציקער וועג זאָל זײַן אין אַן ערנסטער באַשעפֿטיקונג און אַ נוצלעכער אַרבעט. איבער הויפּט לעבט מען ניט אין גאַנצן פֿאַר זיך, אָם ווייניקסטן עטוואָס פֿאַר יענעם. טאָן נאָר גוטס, צום ווויל און בעסטן פֿון זײַנע נאָענטע מענטשן[97], דאַן דער מיאוסגאַנג ברענגט צו מעלאַנכאָליע און מעלאַנכאָליע ברענגט צו אַ פֿעלער פֿאַר זיך און פֿאַר יענעם.

~~*דער דינער ברענגט אַרײַן אַ סערוויז מיט פֿרוכטן און ווײַן.*~~

*ביז דאָ איז דאָס זײַטל אויסגעמעקט.*

אָלגע: איך דאַנק אײַך[98]. איר זענט ליבענסווערדיק. געניסען זי ביטע.

*בעת ער געניסט גייט זי צו צום שפּיגל, פֿאַרריכט זיך די האָר.*

[92] א״כ - אירע
[93] אומלעזבאַר וואָרט
[94] א״כ - ליבט ניכט
[95] א״כ - ענטוועדער
[96] א״כ - אורזאַכע
[97] א״כ - נעבענמענטשן
[98] א״כ - איך דאַנקע

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 10*

אָלגע: *(ווענדט זיך צו אים קאָקעטיש)* בין איך שיין?

באַראָן: זייער שיין. *(פּויזע)*

אָלגע: פֿאַר וואָס[99] קומט איר די לעצטע צײַט אַזוי זעלטן צון אונדז. עס וווּנדערט מיך, וואָס איר באַזוכט די לעצטע צײַט אַזוי זעלטן דאָס הויז, וואָס האָט אײַך זייער[100] ליב, געגעבן אַן אַזיל, אַן אָרעם מיידל[101], וואָס האָט דאָס גליק פּראָטעזשירט ווערן פֿון אַזאַ הויכער פּערזאָן ווי איר זענט.

*דער ווײַטערדיקער אָפּשניט איז אויסגעמעקט.*

~~באַראָן: *(פֿאַרלייגט)* איך~~ בין אייגנטלעך ניט פֿאַרפֿליכטעט יענעם אַרויסצוזאָגן מײַנע געדאַנקען, נאָר דערפֿאַר, ווײַל יענער איז נײַגעריק. *(ער קוקט אויפֿן זייגער).*

~~אָלגע: זאָגט~~ אַרויס, זאָגט אַרויס, איך בעט אײַך.

באַראָן: איך קום זעלטן אַהער צוליב איינציקן פּרינציפּ, ווײַל איך ווייס, אַז ווען אַ מענטש איז געווען געצוווּנגען צו יענעמס הילף, איז ער בײַ זיך אַראָפּגעפֿאַלן צו זײַן באַגנאַדיקטער פֿון דעם גנעדיקטן. דערפֿאַר קום איך אַהער ניט אַזוי אָפֿט. איך זאָל ניט אויסזען בײַ דעם מיידל ווי אַ שולדנער, וואָס קומט אַלע מאָל בײַ איר אָנמאָנען אַ שולד דער דאַנקבאַרקייט פֿאַרן גוטן טאַט, וואָס איך האָב איר אַ מאָל צופֿעליק געטאָן, בעת איך האָב נאָר געטאָן מײַן מענטשלעכע פֿליכט, וואָס אַן אַנדער אויף מײַן פּלאַץ וואָלט אויך באַדאַרפֿט טאָן. *(דער ווײַטערדיקער אָפּשניט איז אויסגעמעקט.)* ~~איך וויל פֿאַרהיטן, אַז~~ דאָס מיידל זאָל ניט צו פֿיל דאַנק שולדיק זײַן.

אָלגע: אָבער מיר האָבן קיין פֿאַרפֿליכטן און שולדן צווישן זיך. דערלויבט איר מיר אויסצונוצן אײַערע געפֿעליקייט און אײַך בעטן צו קומען ״ניטלנאַכט״[102] צו פֿײַערן מיט אונדז צוזאַמען דעם קריסטמעס דאָ.

באַראָן: ווען די לאַגע[103] וועט מיר דערלויבן וועט מיר געוויס אָנגענעם זײַן. *(קוקט אויף דעם זייגער)*

אָלגע: איך דאַנקע. וואָס קוקט איר אַזוי יעדע מינוט אויף אײַער זייגער[104]? איר ציילט געוויס די מינוטן וואָס איך לאַנגוויל אײַך?

באַראָן: איר זוכט תּמיד[105] פֿון מיר אויסרײַסן קאָמפּלימענטן, בעת די סיבה איז

---

[99] א״כ - וואָרום

[100] א״כ - צו ליב

[101] א״כ - מעדכען

[102] א״כ - די ווײַך צו אַבענד

[103] א״כ - אומשטאַנדע

[104] א״כ - אור

[105] א״כ - אימּמער

*אינעם כּתבֿ־יד - זײַטל 11*

אַ גאַנץ אַנדערע. אין אַ שעה[106] אַרום דאַרף איך וואַרטן בײַ דער באַן אײנעם פֿון מײַנע אינטימסטע פֿרײַנד, וועלכער האָט מיר אין אַ בריוו געמאָלדן זײַן אָנקומען[107].

אָלגע: אַך, אַזוי... און איך מוז אויך מאַכן אייניקע אײַנקויפֿונגען. אָבער איך זע, אַז דער פֿאָטער קומט און פֿירט אײַך צו אײַער פּראָטעזשע, וועלכע וועט אײַך געוויס ניט לאַנגווײַליקן. אַדיע.

*דערלאַנגט[108] אים ליבלעך די האַנט און אַרויסגייענדיק קוקט אויף אים און אויף איר פֿאָטער, וואָס פֿירט אַרײַן געאַרעמט רחלען.*

פּאַוועל: איר וועט ניט בייז זײַן אויף אונדז, הער באַראָן, וואָס מיר האָבן איבערגענומען אײַער אָרט פֿון פּראָטעקציע. איר זענט געווען דער ערשטער, וואָס האָט דאָס מיידל פּראָטעזשירט און מיר זײַנען ממשיך צו טאָן ~~דאָס זעלבע~~[109].

*ביז דאָ דער אויסגעמעקטער אָפּשניט.*

באַראָן: *(הייבט זיך אויף, דערלאַנגט[110] איר די האַנט)* מעג[111] איך אײַך פֿרעגן ווי גייטס, פֿרוילין? ניט וואָר, אַז איר שרעקט זיך שוין מער ניט פֿאַר מיר, ווי בײַם ערשטן מאָמענט פֿון אונדזער באַגעגעניש. איר האָט אײַך נישט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז פֿון דער זעלבער ראַסע, וואָס האָט אײַך פֿאַרשאַפֿן[112] שמערצן, זאָל דערשײַנען איינער, וואָס זאָל אײַך אויסקורירן פֿון די שמערצן – האָמעאָפּאַטיש. ניט וואָר?

רחל: דאָס אָנגענעמע געפֿיל צו זײַן אויף אַ מאָמענט אויך אַ גאַסט דאָ, רעדן וועגן מײַן געליבטן פֿאַך, האָט מיר שוין גענוג געלינדערט מײַנע שמערצן, נאָר כּדי צו פֿילן מוז מען לעבן, און דערפֿאַר, איידעלער מענטש, בין איך אײַך שולדיק אַ דאַנק, וואָס איר האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן און מיך אײַנקוואַרטירט צווישן אַזוינע גוטע מענטשן.

פּאַוועל: ס׳פֿאַרשטייט זיך, און מיר זענען דאָך אויך אירע אייגענע, בלוט קרובֿים[113].

באַראָן: דאָס, וואָס איך האָב אײַך געראַטעוועט, איז אַ בלאָסער צופֿאַל. אַנדערע אויף מײַן אָרט[114] וואָלטן עס אויך געטאָן.

רחל: ניין, ניין, זאָגט עס ניט, ליבער הער, וואָס האָבן מיר צושטעלן דער מעגלעכקייט די באַדינגונגען[115], וואָלט ער, וואָלט איך... דער פֿאַקט זאָגט, אַז נאָר איר זענט געווען גאָטס שליח, און נאָר אײַער פּערזאָן קומט מײַן אייניקסטע דאַנקבאַרקייט[116].

---

[106] א״כּ - אין אײַן שטונדע

[107] א״כּ - אײַנגעקונדיקט זײַן קומען

[108] א״כּ - רײַכט אים

[109] א״כּ - מאַכן פֿאָרטזעציק פֿאָלגט

[110] א״כּ - רײַכט איר

[111] א״כּ - דאַרף איך

[112] א״כּ - פֿאַראורזעכט

[113] א״כּ - פֿערוואַנדטע

[114] א״כּ - שטעלע

[115] א״כּ - קאָנדיציאָנען

[116] א״כּ - ערקענטלעכקייט

פֿאַוועל: אויך מיר דאַרפֿן אײַך באַדאַנקען וואָס איר האָט אין אונדזער הויז אַרײַנגעבראַכט דאָס טײַערע טײַבעלע.

רחל: איך בין ווירקלעך געווען דאָס עלנטע טײַבעלע, וואָס האָט געמוזט אַנטלויפֿן פֿון איר נעסט, פֿאַרפֿאָלגט פֿון ווילדע רויבפֿייגל. אַן אַנדער טויב האָט מיך געבראַכט אין אַ זיכער אָרט צווישן מײַנע ליבע פֿרײַנד. איר מוזט מיר, אָבער, אַנטשולדיקן, וואָס אײַער פֿרײַנדשאַפֿט קען מיך ניט אויפֿמונטערן, אַזוי ווײַט, אַז איך זאָל קענען אויסמעקן דעם הייסן שטעמפּל, מיט וואָס צוויי פערזאָנען האָבן געשטעמפּלט מײַן האַרץ, פֿון מײַן קינדהייט אָן. די דערינערונגען פֿון מײַן טײַערער מוטער און מײַן ליבן איינציקן ברודער, וואָס איך הער שוין פֿון אים ניט אַ (לאַנגע)[117] צײַט, און ווער ווייסט צי ער לעבט נאָך. *(וויינט)*

באַראָן: נאָר ניט פֿאַרצווייפֿלט. דער צופֿאַל, וואָס האָט אײַך צוריקגעגעבן דאָס לעבן, וועט דערהאַלטן בײַם לעבן יענעם[118], וואָס איר זוכט. און מיר וועלן אײַך העלפֿן זוכן.

פֿאַוועל: ע... ע... פֿרוילין, דאָס איז שוין ניט שיין פֿון דיר זאָלסט מאַכן אומעטיק אַזאַ ליבן הערן. דו ווייסט דאָך, אַז זײַן פֿאַרגעניגן איז דיך צו הערן שפּילן און זינגען. אַנו, פּאָדאַווײַ[119] פֿײַער און מיר וועלן אַ ביסל אונטערגיסן, עס זאָל פֿריילעכער ווערן – ווער עס טרינקט דער וויל געוויס אַ גוט גלעזל שאַמפּאַניער. *(ער באַפֿעלט צו ברענגען שאַמפּאַניער)*

באַראָן: דאַנקע. ווי אומגעמיין מיך פֿרייט דאָס פֿרוילין זינגען צו הערן, וועל איך ניט וואַגן צו זײַן צו דרינגלעך. עס וועט איר ניט פּאַסן מיר אָפּזאָגן און איך וועל זי ניט צווינגען קעגן איר ווילן.

פֿאַוועל: אָבער מיר מעגן זי בעטן, און לאָמיך זען ווי זי וועט מיר אָפּזאָגן.

*מע ברענגט שאַמפּאַניער.*

רחל: ווען איך קען מענטשן אַן אַנטשולדיק־פֿאַרגעבן פֿאַרשאַפֿן, בין איך שטענדיק[120] גרייט[121]. איך האָב אײַך ניט איין מאָל פֿאָרגעזונגען פֿון אָפּעראַס. עס גיבט אָבער נאָך אַ סאָרט מוזיק, וואָס ליגט אין איר אַ געפֿיל און פּאָעזיע, וועלכע זענען מײַנע באַליבטע טעמעס.

---

[117] א״כ - דאָס וואָרט פֿעלט

[118] א״כ - דעם יעניגן

[119] רוסיש – טראָג צו, גיב צו

[120] א״כ - אימּמער

[121] א״כ - בערײַט

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 13*

דאָס זענען די אָריגינעלע ייִדישע לידער, וועלכע מײַן ברודער האָט זיי געשאַפֿן[122], זיי דערמאָנען מיר אין מײַן קינדהייט און באַגײַסטערן מיך פֿאַר מײַן נאַציע. אַזוינע סאָרטן מאָטיוון קענען, אָבער, ווייניק אינטערעסירן אַ מענטשן פֿון אַ פֿרעמדער ראַסע, וואָס פֿאַרשטייט ניט דעם טעקסט.

באַראָן: איך האָב אין מײַנע רײַזעס באַזוכט אַ סך סינאַגאָגעס און כאָטש[123] איך האָב דעם טעקסט ניט פֿאַרשטאַנען, זײַנען מיר דאָך ס׳רובֿ מעלאָדיעס געפֿעלן געוואָרן, ווײַל[124] די שפּראַך פֿון דער מוזיק איז אַלגעמיין פֿאַר אַלע און די נאָטן זענען קאָסמאָפּאָליטיש, האָבן די מעלאָדיעס דאָך זייער אייגענע אָריגינאַלקייט[125], זייער נאַציאָנאַלן טאָן וואָס קומט פֿון האַרצן, מוז אײַנדרינגען אין האַרצן. און דאָס קענט איר ניט באַצווייפֿלען, אַז מיר האָבן אויך אַ האַרץ.

רחל: איך וועל אײַך פֿאָרזינגען אַן אַלעגאָריש ליד פֿון אונדזער נאַציע[126].

## דאָס פֿאַרטריבענע[127] טײַבעלע

.1

פֿאַריאָגט פֿון איר נעסט, פֿאַרטריבן גאַנץ ווײַט,
עלנט אין וואַלד ווי אַ שטיין
אַזוי פֿליט אַרום אַ גאַנץ לאַנגע צײַט
אַ טײַבעלע איינע אַליין.
עס ברויזן די שטורעמס, עס רעגנט, עס האָגלט,
יעדעס באַהאַלט זיך אין זײַן געמאַך,
נאָר זי אַליין איז פֿון איר היים פֿאַרוואָגלט
און האָט ניט איר אייגענעם דאַך.
שלעכט איז מיר אָן דיר, מײַן טײַבעלע!
אַזוי הערט מען זי קרעכצן – קראָ, קראָ!
דערמאָן דיך אין דײַן געליבט ווײַבעלע
און רוף מיך אַהיים שוין – קראָ, קראָ!

---

[122] א״כ - פֿאַרפֿאַסט
[123] א״כ - גלײַך
[124] א״כ - דען ווי
[125] א״כ - אָריגינאַליטעט
[126] א״כ - נאַציאָן
[127] א״כ - דאָס פֿאַרטריבן

.2

עס זיצן אויף צווײַגן פֿיל פֿייגעלעך, איך זע,
און פּיסקלען זיך – מיר אַזאַ יאָר.
אַ לעבן אַ זיס איז דאָרט צווישן זיי,
נאָר איך איינע האָב ניט מײַן פּאָר.
איך האָב מיך געלאָזט פֿון פֿרעמדע פֿאַרפֿירן,
דערפֿאַר זיך פֿאַרזינדיקט שטאַרק בײַ מײַן "ער".
אַז פֿרעמדס איז ניט אייגנס, האָב איך שפּעט ערפֿאַרן (פֿאַרשטאַנען)
ער וויל מיך ניט קענען שוין מער.
שלעכט איז מיר אָן דיר, מײַן טײַבעלע!
אוי, בענק איך נאָך דיר שטאַרק – קראָ, קראָ!
דערמאָן דיך אין דײַן געליבט ווײַבעלע
און רוף מיך אַהיים שוין, – קראָ, קראָ!

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 13*

.3

איך פֿלי דאָך אַרום אין גרעסטע געפֿאַר,
אַפֿילו די לופֿט איז ניט פֿרײַ.
פֿון אויבן טרעפֿט מיך דער רויבפֿויגל שאַאַר,
פֿון אונטן דעם נעגערס אַ בלײַ.
מע רײַסט מײַנע פֿעדערן, צופּן און פֿליקן,
מ׳האָט שוין אויך בלוט גענוג מיר געצאַפּט,
אוי, זאָלסט דײַן געליבטע איצט וועלן אָנקוקן
וואָלט דיך אויך בײַם האַרצן פֿאַרכאַפּט.
שלעכט איז מיר אָן דיר, מײַן טײַבעלע!
אוי, בענק איך נאָך דיר שטאַרק – קראָ, קראָ!
דערמאָן דיך אין דײַן געליבט ווײַבעלע
און רוף מיך אַהיים שוין – קראָ, קראָ!

4.

קיין פּלאַץ אויף דער ערד, ווי גרויס זי מעג זײַן,
יעדער איז גרויס אויף זײַן גוט,
די טויבן לאָזן מיך גאָר ניט אַרײַן,
די רויבפֿייגל זוכן מײַן בלוט.
כ׳זע שוין די פֿרעמד שמעקט מיט סכּנות,
ווער ווייסט, וואָס קען זײַן מײַן ענדע, ווער ווייסט?
רעטן מײַן לעבן קען נאָר דײַן רחמנות
באַהאַלט מיך שוין גיך אין דײַן נעסט.

*

און ווען איך הער קרעכצן אַ ווײַבעלע
נאָך דער היים דער פֿאַרלוירענער – קראָ!
דערקען איך אַ קול, אַז דאָס טײַבעלע
איז די יידישע אומה – קראָ, קראָ!

*באַראָן און פּאַוועל אַפּלאָדירן. דער באַראָן הייבט זיך אויף, דריקט איר די האַנט. קוקט אויפֿן זייגער.*

באַראָן: ווי אָנגענעם מיר איז מיט אײַך צו פֿאַרברענגען, מוז איך מיך אַנטשולדיקן, ווײַל איך מוז גיין וואַרטן אויף מײַן אינטימען פֿרײַנד בײַ דער באַן. איך האָף, איר וועט מיר ניט איין מאָל דאָס פֿאַרגעניגן געבן.

*פּאַוועל באַגלייט אַרויס דעם באַראָן. ראָזאַ*[128] *באַגלייט אים ביזן אַרײַנגאַנג און וויל אַרײַנגיין אין איר צימער לינקס. שׂימחה שיך שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ פֿון דעם אונטערשטן כאָד*[129]*.*

שיך: קום אַרײַן, קום אַרײַן, נעכע, די פּריצים זענען איצט ניטאָ. מיר מוזן זיך שטופּן דורך דער אונטערטיר. האַ, אָט איז טאַקע רחלע. נעכע האָט דיר געבראַכט עסן. גיי גיכער, טראָג אַרײַן דעם מיטאָג אין איר צימער.

*מע טראָגט אַרײַן עסנוואַרג און אַ טישטעך.*

נעכע: כ׳וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן. סטײַטש, רחלע, ווי עסט עס ניט אַ מענטש אַ גאַנצן טאָג?

[128] אַ פֿעלער, עס דאַרף זײַן – רחלע
[129] רוסיש - דורכגאַנג

רחל: איך בין שוין געוווינט צום תּענית. זינט מײַן טײַערע מוטער איז געשטאָרבן האָב איך גאָר ניט אין זינען צו עסן. און פֿון מײַן טײַערן ברודער נחמיה איז קיין ידיעה ניטאָ. *(וויינט)*

נעכע: *(וויינט אויך)* זינט מײַן טײַערע שוועסטער, דײַן מאַמע, אַ גוטע מליצה זאָל זי זײַן, איז געשטאָרבן, טראָג איך אַ ליכט אין שיל אַרײַן און מײַן שׂימחה זאָגט אַלע טאָג קדיש, און בעט גאָט, אַז דײַן טײַערער נחמיה זאָל בשלום אַהיים קומען. דערווײַל טאָר איך אַ יונג קינד ניט אָפּלאָזן און זאַמלען כּוח, ביז דער אייבערשטער וועט העלפֿן. איך האָב דיר דאָך אָפּגעבאַקן אייער־קיכעלעך, דאָס קען מען עסן אומגעוואַשן אַפֿילו, עס זאָל דיר ניט איבערכליאָנען דאָס הערצעלע. מיר ווייסן זיך, אַז דו וועסט ניט עסן בײַ זײַן שוועסטער דוואָסיע די טריפֿניאַטשקע.

שׂץ: ששש... זי וועט דיר הייסן, ווען זי וועט דיך הערן, וועט זי דיך ווידער אַרויסטרײַבן. זי הייסט שוין ניט דוואָסיע – פֿעאָדאָסיע.

נעכע: זאָל זײַן פֿע – דוואָסיע, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד *(זי קלאַפּט זיך אין מויל)*.

שׂץ: און עס שטייט איר שוין ניט אָן צו רעדן מיט אַזאַ פּראָסטער ייִדענע ווי דו ביסט. זי איז שוין געוואָרן אַריסטאָקרעציע.

נעכע: טפֿו, טפֿו, ניט פֿאַר קיינעם ייִדן געדאַכט. איך ווייס אַ רפֿואה, אַז זי זאָל זיך באָדן אין קלײַען.

שׂץ: עס וועט איר שוין קיין טאָטער אויך ניט העלפֿן. זי לײַדט פֿון דער פּאַנעץ־כוזאָבע. רחלען קען זי דען לײַדן און אַלע דאָ אין שטוב?... איך זע דען ניט[130] ווי זי קוקט זי אָן קרום אין שטוב. *(צו רחלען)* איך ווייס באמת ניט וואָס דאַרפֿסטו דאָ זײַן צווישן די ייִדישע גוים. פֿאַרדינסט דיר, דאַנקען גאָט, אַליין, און ווי אָרעם איך בין, קענסטו בײַ אונדז איבערזײַן די צײַט ביז מיר וועלן עפּעס הערן פֿון דײַן ברודער נחמיה.

רחל: איר ווייסט דאָך, פֿעטער, דער איידעלער מאַן, דער באַראָן, האָט מיך דאָ אײַנקוואַרטירט נאָך דעם אומגליק וואָס מיך האָט געטראָפֿן, און עס פּאַסט מיר ניט אָפּצוזאָגן דעם מלאך־הגואל, וואָס האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן. ביז גאָט וועט העלפֿן, און מיר וועלן עפּעס הערן פֿון מײַן טײַערן ברודער... איך בין זייער אומעטיק.

---

[130] א״כ - איך מערק דען ניט

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 16*

*שײַ:* זײַ נישט פֿאַרצווייפֿלט, מײַן קינד. בטחון און געדולד, וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע, עס וועט אַלץ איבערגיין. דו ווייסט דאָך, אַז דאָס איז אונדזער גאַנצע טרייסט אין גלות. מיר, ייִדן, זענען געבענטשט געוואָרן צו וואַרטן. דערווײַל דאַרף אַזאַ שוואַך קינד, ווי דו ביסט, אָפּהיטן דאָס געזונט. גיי עסן. נעכע, גיך טראָג אַרײַן רחלען דעם מיטאָג, גיכער. שטיי ניט, ווײַל באַלד קען זיך אָנטראָגן מײַן שוואָגער פּאַוועל, וועט ער דיך אַרויסטרײַבן מיט מיר אין איינעם.

נעכע: ווער? פּאַוויל דער כּל־בויניק? גאָט זאָל מיך ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד. *(קלאַפּט זיך)*

*שײַ:* רוף אים ניט פּאַויל, נאָר פּײַוול. דאָס פּינטעלע ייִד פֿון דעם ״פּגם״ פֿעלט אים און האָט אויף דעם אָרט אַרײַנגעזעצט אַ פּינטעלע גוי. נו, גיי, גיי. *(צו רחלען)* דער גאָט, וואָס האָט דיר געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון די גויישע הענט, וועט דיך ראַטעווען אויך פֿון די ייִדישע, נאָר זײַ נישט פֿאַרצווייפֿלט, מאַך דיר נישט קאַליע דאָס לעבן, וואָס גאָט האָט דיר געשענקט. קרעפּטיק זיך און היט אָפּ דײַן געזונט. נאָר אַ קאַפּעלע געדולד. מיר וועלן אויך אין דיר נחת דערלעבן.

*ראָזאַ[131] גייט אָפּ לינקס.*

*שײַ:* האָב נאָר בטחון און געדולד אַ קאַפּעלע. דאָס איז דער איינציקער זיסער טראָפּן אין דעם ביטערן כּוס פֿון דעם אָרעמען מענטשנס לעבן. *(ער זינגט)*

## וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע

**.1**

ווען דער מענטש פּלאָגט זיך שווער, האָט גאָרניט פֿון זײַן מי,
און צרות פּילט רײַטן אים פֿון אַלע זײַטן צו
טראַכט ער – אַך, גאָט, איז מעגלעך ס׳זאָל אייביק אַזוי זײַן?
וואָס טויג מיר אַזאַ לעבן פֿון לויטער אומגליק, נויט און פּײַן?
מענטש! די צײַט געיאָרמערט ניט געוויינט געקלאָגט
הער! די זיסע שטימע ווי זי טרייסט און זאָגט:
וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע!
נאָר נישט פֿאַרצווייפֿלט, ניין.
געדולד נאָר אַ טראָפּעלע.
וועט אַלץ איבערגיין.
און ווען דו כאַפּסט אַ קלאַפּעלע
פֿון שיקזאַלס שלאָג אַליין
וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע
עס וועט דיר נאָך גוט גיין.

---

[131] ווידער אַ מאָל ״ראָזאַ״ אַנשטאָט ״רחלע״

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 17*

2.

דער אַרבעטער פּלאָגט זיך שווער, זײַן לעבן איז פֿאַרשקלאַפּט,

אין קערקע־שאָפּ ניצט ער אויס זײַן גאַנצע מוט און קראַפֿט.

טראַכט ער: אַך, גאָט, פֿאַר וואָס זאָל צווינגען מיך די נויט

פֿאַרקויפֿן געזונט און לעבן פֿאַר אַ פּיסנע שטיקל ברויט?

שקלאַף! נאָר נישט געיאָמערט, נישט געוויינט געקלאָגט!

הער! די זיסע שטימע ווי זי טרייסט און זאָגט:

וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע,

נאָר ניט פֿאַרצווייפֿלט, ניין,

געדולד נאָר אַ טראָפּעלע

וועט אַלץ איבערגיין.

און ווען אין דער שאָפּעלע

באַהאַנדלט מען דיך גיין

וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע,

עס וועט דיר נאָך גוט גיין.

3.

ווען דער ייִד אויסצאָלן איז מער חובֿות נישט אומשטאַנד,

און ווערט פֿאַרפֿאָלגט ביז צום טויט אין אַ באַרבאַרן־לאַנד,

טראַכט ער: אַך, גאָט גערעכטער, פֿאַר וואָס קוקסטו אַוועק

צי וויל פֿון דײַן געטרײַ פֿאָלק איצט אַרײַנמאַכן גאָר אַן עק

ייִד! נאָר נישט געיאָמערט, נישט געוויינט געקלאָגט!

הער! די זיסע שטימע ווי זי טרייסט און זאָגט:

וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע,

נאָר ניט פֿאַרצווייפֿלט, ניין,

געדולד נאָר אַ טראָפּעלע

וועט אַלץ איבערגיין.

און ווען דאָס קאַצאַפּעלע

באַהאַנדלט דיך גע מיין

וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע,

עס וועט דיר נאָך גוט גיין.

פּעאָדאָסיע[132]: *(קוקט אַרײַן, טראָגט אַ מענעריש בײַציקל־היטל אין דער האַנט. גייט צו צום שפּיגל.)* וואָס שטייסטו דאָ אַליין, שׂימחה?

שׂך: וואָס, איך בין דיר דאָ איבעריק? ווערסט מיך אפֿשר הייסן אויך אַרויסוואַרפֿן ווי דײַן שוועגערין, וואָס דו ביסט זי ניט מקנא. איך בין דאָ ניט אַליין. מײַן נעכע האָט געבראַכט עסן רחלען דער יתומה. זי האַלט נאָך פֿון די מצוות, ווי דו פֿלעגסט אַ מאָל האַלטן, ווען דו ביסט געווען דעם רבֿס טאָכטער. הײַנט שטייסטו אין דער היים אויף אַ שטריק, ווי אַ טענצערין און הוידעסט זיך טאָ אַהין טאָ אַהער, בילד צו יִדישקייט, בילד צו גוישקייט. אוי, שוועסטער האָב איך מורא, אַז דעם הוידען וועסטו אַ מאָל גיבן אַזאַ טראַך אַראָפּ אויף דער ערד, אַז דו וועסט זיך צעדראַפּן דײַנע ביינער, לײַב און לעבן.

דוואָסיע[133]: פֿאַר וואָס שעלטסטו מיך, ברודער? וואָס זאָל איך טאָן, ס'איז הײַנט געוואָרן אַן אַנדערע נײַע וועלט.

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 18*

גלייב מיר, ברודער, אַז די ערשטע צײַט האָט מײַן מאַן און מײַנע קינדער געהאַט מיט מיר גוט צו טאָן, עס איז זיי אָנגעקומען געגנוג ביטער מיך צוגעוווינען צו דעם לעבן. נאָר ווי זאָגט מען עס, אַז דעם אייבערשטן איז ניחא איז מיר אויך ניחא, נעכײַ בודע טאַק.

שׂך: נעכײַ בודע טאַק. איז נישטאָ קיין עוף, איז אַ ראַק אויף שבת. די נײַע וועלט הייסט דען צו פֿאַרגעסן אין דײַנע פֿײַנע עלטערן, שוועסטער און ברידער? הייסט דיר דען די נײַע וועלט צו פֿאַרלירן דאָס יִדישע מענטשלעכע האַרץ? אויסברענגען אַזוי פֿיל געלט אויף פּוסטע באַלן און מאָדנע שמאַטעס און ניט שפּענדן עפּעס אויף די אָרעמע ברידער? מילא, דו יאַק[134] דו... אָבער פֿאַר דײַנע קינדער וועסטו גוט באַשטראָפֿט ווערן, ווײַל דו ביסט די מאַמע און דו וועסט מוזן אָפּגעבן דין־וחשבון פֿאַר דײַנע קינדער, וואָס דו האָסט זיי געלאָזט אָפּרײַסן פֿון יִדישקײַט. ווי אַזוי שעמסטו זיך ניט פֿאַר דעם טויטן בילד פֿון אונדזער טאַטן, זכרונו לבֿרכה, *(ער טײַזט אויפֿן בילד אויף דער וואַנט).* זײַן גליק וואָס דו וואַרפֿסט אים אויך ניט אַרויס פֿון דײַן שטוב. זעסט ווי ער קוקט אַראָפּ צו דיר מיט זײַנע צוויי טויטע אויגן און איז בלאַס פֿאַר צאָרן וואָס ער זעט צו בײַ דיר אין שטוב *(זי פֿאַרדעקט די אויגן מיט אַ טיכל).* געדענקסט ווי דו ביסט געווען זײַן אויג אין קאָפּ, ווי ער פֿלעגט דיך קושן און בענטשן. געדענקסט, שבת אין שטוב פֿלעגסטו זיצן לעבן אים און אים אונטערגעהאָלפֿן זײַנע זיסע זמירות, ווי ער פֿלעגט זינגען.

*ער דערמאָנט איר אַ יִדישן מאָטיוו ווי דער טאַטע פֿלעגט זינגען. ער זינגט ביז זי ווערט עקזאַלטירט און פּרוּווט אים לאַנגזאַם מיטצוהעלפֿן מיט אַ פֿרומער מינע. אין דעם מאָמענט קומט אַרײַן פֿעליקס און טראָגט אַ פֿאַרוויקלטן פּאַקעט אין דער האַנט און זינגט זיך צו "עך, דובינושקאַ טי מאָיאַ. ראַז, דוואַ"[135]...*

[132] דאָס מאָל "פֿעאָדאָסיע" און ניט "פֿעדאָסיאַ"

[133] דאָס מאָל "דוואָסיע"

[134] אוקראַיִניש – ווי

[135] אַ רוסיש פֿאָלקסליד – עך, דו, מײַן דובינעלע (אַ גראָבער שטאָק), איינס, צוויי...

פֿעליקס: קוק, מאַמאַשע, וואָס מיר האָבן געקויפֿט. דאָס איז דאָס טײַערע בילד פֿון מיסיס עליזאַבעט, וואָס האָט געווינען דעם ערשטן פּרײַז. *(ער צעפּאַקט דאָס בילד פֿון אַ פֿערדל)*. קוק זי אָן פּאַמעלעך, קוק אָן דאָס קליינע קעפּעלע. דאָס האָט אָלגאַ מיר געקויפֿט און האָט עס געהייסן אויפֿהענגען, ווײַל עס דאַרפֿן קומען נאָבעלע קריסטן אויף דעם קריסטמאַס־באַל.

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 19*

ס׳פּאַסט ניט, אַז ס׳זאָל הענגען בײַ אונדז אין שטוב אַזאַ באָראָדאַטע[136] לאַפּסערדאַק מיט פּייסעכעס[137]. *(ער קריכט אַרויף אַראָפּצונעמען דאָס בילד פֿון דער וואַנט)*.

שׂימחה: זאָג נאָר דו, פֿערדישער למדן, דו ווייסט ווער דאָס בילד איז? דאָס איז מײַן און דײַן מאַמאַשעס טאַטע, דײַן זיידע. ער איז געווען דער גרעסטער ראַבינער אין גאַליציע. *(צו פֿעאָדאָסיען, בייז)* נו, דוואָסיע?!

פֿעליקס: און איז געווען אַ קבצן, און מײַן מיסיס עליזאַבעט האָט געוווּנען דעם ערשטן פּרײַז און איז געווען עפּעס גרעסער פֿון אַ דרויבענער רבֿ איז געווען. זי איז געווען די קעניגין פֿון סקאָט... פֿון סקאָטלאַנד.

שׂימחה: גיב אַהער, דו, סקאָט[138], דאָס הייליקע בילד. דאָס טוט קיין גוי נישט. איר זענט ערגער פֿון גויים. איר וועט פּגרן און קיין זכר וועט פֿון אײַך נישט בלײַבן, און אַזוינע טויטע ייִדן האָבן איבערגעלעבט טויזנטער יאָר און וועלן אײַך אַלע איבערלעבן. איך נעם עס צו מיר אַהיים... קוק אָן, ווי די טאָכטער שטייט... זי זאָל זיך אָנרופֿן אַ וואָרט... אוי!

דוואָסיע: וואָס זאָל איך טאָן, אַז גאָט איז ניחא, ברודער, איז...

שׂימחה: רוף מיך נישט ״ברודער״! דו האָסט קיין טאַטן נישט! אַטפֿו! *(אָפּ)*

פֿעליקס: נעכײַ בודע טאַק! אַיאָ, מאַמאַשע?

דוואָסיע: אוי, לאָזט מיך אַלע געמאַך. *(איז אָפּ)*

פֿעליקס: נעכײַ בודע טאַק. די מאַמאַשע איז אויך עפּעס הײַנט פּסיכאָלאָגיש. *(ער קריכט אַרויף דאָס בילד אויפֿצוהענגען)* דאָ, שיין אויג, דאָ, שיינער שטערן. אַ מאָן אַמור. *(עס קומט אַרײַן אָלגע מיט איר פֿאָטער. זי איז בייז)* אָלגע, זע, איך האָב אַ קאַצאַפּיט. קוק אָן!

פּאַוועל: קאַפּאַציטעט פֿערד ווערט דאָס בילד!

אָלגאַ: *(צום פֿאָטער)* ווער האָט דיך געבעטן, אַז דו זאָלסט די ייִדישקע גאָר אַרײַננעמען צו אונדז אין שטוב?

פּאַוועל: וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, טאָכטער? דו ווייסט דאָך, אַז ווען איר זענט אַלע געווען אין דער שווײַץ, האָט זי דער באַראָן אַרײַנגעבראַכט צו אונדז. זי האָט אים געוויס געזאָגט, אַז מיר זײַנען אירע ווײַטע קרובֿים. ווי אַזוי זשע האָט מיר געפּאַסט אים אָפּצוזאָגן

[136] פֿאַרצויגן פֿון רוסיש - אַ באַבערדיקטער
[137] פֿאַרקריפּלט – מיט פּאות
[138] רוסיש – ווילדע חיה, בהמה, נבֿלה

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 19*

נאָך אַזאַ גרויסן אומגליק, ווי איר האָט געטראָפֿן, אַן עלנטע יתומה.

אָלגאַ: ווי לאַנג ביסטו עס געוואָרן דער באַזאָרגער פֿון יתומות? און דײַן אייגענע טאָכטער איז דיר נישט נאָענטער, אַז דו קענסט מיך אומגליקלעך מאַכן? *(אָלגע וויינט)*

פּאַוועל: וואָס מיינסטו מיט דעם, טאָכטער?

אָלגאַ: יאָ! די ייִדישקע האָט אונדז געבראַכט אומגליק אין שטוב. זינט זי איז דאָ, דאַכט זיך מיר, אַז דער באַראָן קוקט זיך שוין מער נישט אום אויף מיר ווי פֿריִער. ער פּראָטעזשירט זי. ער האָט זי ליב[139].

פֿעליקס: *(אַרויפֿשפּרינגנדיק פֿון בענקל)* אָ, זאָסי. כ׳האָב אַ רעוואָלווער, איך שיס. איך האָב זי ליב. יאָ, יאָ. זי איז אַזוי שטיל, אַזוי שיין, אַזוי פּאַרוויינט... אָ, ראַכיל, ראַכיל!...

אָלגאַ: אָט האָסטו דיר, ער אויך.

פּאַוועל: נאָר דאָס האָט מיר געפֿעלט. עי, סינאָק מײַנער, דו פֿאַרגעסט, אַז דעם גאָלאָוואַס טאָכטער איז דײַן כלה.

פֿעליקס: וואָס דולסטו מיר מײַן האָלאָוואַ[140] מיט דײַן גאָלאָוואַ. האַלט זי דיר פֿאַר דײַנעט וועגן.

פּאַוועל: שטיל, באָלוואַן!

פֿעליקס: איך וועל דיר ענטפֿערן ווי פּראַנץ האָט געענטפֿערט שילערן: אַ באָלוואַן האָט אַ באָלוואַן, פּאַפּאַשע! כ׳האָב אַ רעוואָלווער, איך שיס. דו, פּראָסטאַק, דו ווייסט דען עפּעס פֿון אַמאָר? דו ווייסט מער נישט, נאָר ״פּיניאָנדזע[141]״, שמיניאָנדזע״.

אָלגאַ: נו, נעם דיר צו דײַן ״סינאָק״. לאָזט מיך אַליין, זי דאַרף באַלד קומען מיר געבן די פּיאַנע־לימוד[142], וועל איך מיט איר אַליין איבעררעדן.

פּאַוועל: *(גלעט אים)* נו, נו, זײַ נישט בייז אויף דײַן טאַטן. דו ווייסט דאָך, וויפֿל איך גיב דיר, זשאַלעווע דיר קיין מאָל ניט פֿון דײַן פֿאַרגעניגן וועגן. האָב נאָר ליב דײַן טאַטן און פֿאָלג אים. וועסטו אַלץ אויספֿירן. קום, זונעניו, מיר וועלן איבעררעדן געלאַסן. *(ביידע אָפּ. אָלגע גייט צו צום פּיאַנאָ און הייבט[143] אָן שפּילן. רחל דערהערט, קומט אַרויס פֿון איר צימער און זעצט זיך לעבן איר אויף אַ שטול[144].)*

[139] א״כ - ער ליבט זי

[140] רוסיש – קאָפּ, אַ וואָרטשפּיל – האָלאָוואַ - בירגעמײַסטער און אויך דער קאָפּ

[141] פֿאַרצויגן פֿון פּויליש - געלט

[142] א״כ - פּיאַנע־שטונדע

[143] א״כ - פֿאַרנג אָן

[144] א״כ - זעסל

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 19*

אָלגע: *(הייבט זיך אויף אומגעדולדיק)* אַך, איך בין איצט נישט אויפֿגעלייגט צום שפּילן. זעץ זיך דאָ, איך וויל מיט דיר אַ ביסל צו דיסקוטירן.

רחלע: זייער אָנגענעם, אָלגאַ. *(זעצט זיך לעבן אַ טישל, אַנטקעגן אָלגען)*

אָלגאַ: איך צווייפֿל אַפֿילו[145], אויב אונדזער איצטיקע אונטעררעדונג זאָל זײַן פֿאַר דיר אַזוי אָנגענעם. יעדן פֿאַלס מוז איך עס אָפֿן אַרויסזאָגן: זאָלסט וויסן, ראָזאַ[146], אַז איך בין דיר אַ שׂונא.

רחלע: אום גאָטס ווילן, אָלגאַ. וועלכן אַנלאַס[147] האָב איך דיר דערצו געגעבן? האָב איך דיך מיט עפּעס[148] באַליידיקט?

אָלגע: דורכאויס ניט. דו האָסט אייגנטלעך קיין שולד. דו ביסט נאָר די סיבה[149] פֿון מײַן שלעכטער שטימונג[150]. דאָס איז אייגנטלעך אַלגעמיינע מענטשן־שוועריקייט[151], וואָס אונדזער פֿרויען־געשלעכט באַזיצט עס מער ווי אַנדערע, און דאָס איז די אייפֿערזוכט. איך זאָג[152] דיר אָפֿן, אַז זינט כ׳האָב באַמערקט ווי אַזאַ שיינער נאָבעלער פֿײַנער מאַן ווי דער באַראָן נעמט אין דײַן גורל אַזאַ וואַרעמען אָנטייל, פֿיל איך אין מיר אַ מין נשמה־אומרו, אַפֿילו אַ פֿאַרדראָס.

רחל: איך פֿאַרשטיי נישט! דאַרף דען דאָס אַ מענטש זיך ערגערן ווען ער זעט, אַז אַ מענטש פּראָטעזשירט אַן עלנטן נאָענטן מענטשן[153]?

אָלגאַ: דער מענטש איז אָבער אַ מאַן און דו ביסט אַ פֿרוי, און ווי אַ פֿרוי דערוועקט עס אין מיר די גרעסטע אייפֿערזוכט.

רחל: איך ווייס ניט פֿאַר וואָס. די זאַך איז אַ סך איינפֿאַכער ווי דו זעסט זי אָן. דער נאָבלער מאַן האָט געטאָן זײַן מענטשנפֿליכט און מיר געראַטעוועט מײַן לעבן. יאָ, און מײַן פֿליכט איז געוויס אים דאַנקבאַר צו זײַן.

אָלגאַ: מיר קענען די פֿראַזעס, מיר ווייסן, אַז דאַנקבאַרקייט אין אַזאַ פֿאַל איז דער ערשטער שטאַפּל, וואָס פֿירט אַרויף צום הויכן ציל: ליבע.

רחלע: פֿאַר וואָס קרענקסטו מיך, אָלגאַ, און פֿאַרדעכטיקסט מיך אין אַזוינע געפֿילן וואָס קענען מיר קיין מאָל אויף די געדאַנקען נישט קומען.

אָלגאַ: און זיי טאָרן דיר אויף די געדאַנקען נישט קומען. איך מוז דיר דערמאָנען, זאָלסט וויסן, אַז ער

---

[145] א״כ - זאָגאַר
[146] דאָס מאָל – ״ראָזאַ״ און ניט רחל
[147] עס מיינט באַליידיקונג
[148] א״כ - עטוואַס
[149] א״כ - אורזאַכע
[150] א״כ - לויפּע
[151] א״כ - שווערע
[152] א״כ - בעשטיי
[153] א״כ - נעבענמענש

איז אַ נאָבעלער קריסט פֿונעם גרעסטן אַדל, און דו ביסט נישט מער ווי אַ פּראָסטע זשידאָווקע.

רחלע: האָ, האָ, דו גייסט שוין צו ווײַט, מײַן ליבע אָלגאַ.

אָלגאַ: דו זעסט ווי דו האָסט נישט אין זיך אַ טראָפּן זעלבסטגעפֿיל. באַליידיקסט זיך אַפֿילו נישט ווען מע זידלט דיך. דאָס איז די נידעריקע נאַטור פֿון דײַן גאַנצער ייִדישער נאַציע: דאָס בייגן זיך, דאָס קריכן.

רחלע: האָסט אַ גרויסן נאַרישן פֿעלער[154], אָלגאַ, ווען דו האָסט געזען אין מײַן געדולד אַן אַרט פֿעיִקייט נישט זײַן בכוח[155] צו פֿאַרטיידיקן מײַן ערע קעגן אַן אומזיסטן קעגנער. איך האָב געשוויגן, אָבער איך האָב דיר ניט פֿאַרשוויגן. אין מײַן שווײַגן פֿאַר דער פּערזענלעכער באַליידיקונג איז געליגן מער שטאָלץ ווי קליינמוטיקייט, איך האָב מיך אין דעם מאָמענט אַ סך פֿעסטער פֿון דיר! איך האָב געשוויגן איך זאָל ניט אויסזען בײַ דיר אין די אויגן פֿאַר אַזאַ נידעריקע מאַרקפֿרוי[156] ווי דו האָסט אויסגעזען בײַ מיר.

אָלגאַ: דו וואַגסט עס?

רחלע: דו האָסט עס געוואָלט.

אָלגע: איך האַס דיך!

רחל: דאָס איז דײַן זאַך. איך מאַך מיך ווייניק דאַרויס, אָבער אַז איך האָב באַמערקט, אַז דו האַסט ניט נאָר מיך פּערזענלעך, נאָר דו האַסט ייִדן, מײַן הייליקע נאַציע, וועלכעס ערע איך בין גרייט צו פֿאַרטיידיקן מיט מײַן גאַנץ לעבן. דאָ האָסטו, פֿרוילין, צו פֿיל ריזיקירט. דו ווייסט, אומגליקלעכע, וועמען האָסטו געוואַגט צו באַליידיקן? דײַן אייגענע נאַציע, וואָס דו קענסט זי נישט, וואָס דו ווילסט זי נישט קענען און וואָס דו האָסט נישט די ווערט זי צו קענען. אַ טויזנטיאָריקע שטאָלצע נאַציע, וואָס ציילט אַזוי פֿיל בכבֿודיקע געלערנטע, בראַווע העלדן און באַרימטע קינסטלער. אַ נאַציע, וואָס מיט איר מאָראַל און זיטלעכקייט האָט פֿאַרדינט דעם רעספּעקט פֿון אַ גאַנצער וועלט. זאָל וואַגן צו שענדן אַזאַ אומפֿאַרשעמט באַשעפֿעניש, ווי דו ביסט?...

אָלגע: ~~רחל:~~[157]

---

[154] א״כ - נאַרטום

[155] א״כ - אומשטאַנדע

[156] א״כ - מאַרקווײַב

[157] א״כ - דאָס אָ וואָרט איז אויסגעמעקט

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 20*

רחל: קיין וואָרט מער! איצט בין איך דײַן שאַרפֿריכטער און דו די פֿאַראורטיילטע פֿאַרברעכערין! אַן אייגענע טאָכטער פֿון איר פֿאָלק[158] זאָל ניט אָנכאַפּן בײַם האַרצן ווען זי הערט ווי אירע אייגענע ברידער און שוועסטער, גראָזגרויע און יונגע מענער, אומשולדיקע פֿרויען און פּיצעלעך קינדער ווערן אומברחמנותדיק אויסגעשאָכטן אין מיטן העלן טאָג, און זייער בלוט פֿליסט אין דעם געוויסן? דאָס האָסטו די נידעריקע נאַטור זיך לאָזן אומאַרמען פֿון די פֿאַרבלוטיקטע הענט פֿון דײַן פֿאָלקס מערדער. דאָס הייסט בײַ דיר זעלבסטגעפֿיל צו קריכן צו די שׂונאים, און אָנבייגן זיך פֿאַר זיי אַבי צו באַקומען זייער גלעט און לאַסקע. מיר לאָזן זיך בעסער[159] טויטן איידער אָנבייגן אונדזער שטאָלצן קערפּער, וואָס האַלט אין דער הייך די הייליקע פֿאָן פֿון אונדזער ייִחוס! ווער ביסטו און וואָס ביסטו? פֿאַר וואָס פֿרעגסטו זיך ניט אַליין? קיין ייִדישקייט ווילסטו נישט, קיין גוישקייט קענסטו נישט. גיב זשע אַרויס אַם וויניקסטן די מענטשלעכקייט. וואָס, דאָס אויך נישט? ביסטו דאָך געפֿערלעכער פֿון אַ ווילדער חיה. האַ, איצט האָב איך מורא פֿאַר דיר! אַוועק פֿון מײַנע אויגן, דו, חיה אין מענטשן־געזיכט!

פֿעליקס: *(קומט אַרײַן)* טויט אָדער טוראַנדאָט! וואָס איז דאָ פֿאַר אַזאַ קוראַזש? *(צו אָלגען)* דו מיינסט אַן אמתן, שוועסטער, אַז דו ביסט די לוקרעציאַ באָרדזשיאַ? דו וועסט וואַגן צו באַליידיקן מײַן געטין? איך האָב אַ רעוואָלווער, איך שיס. גיי, גיי, מע בענקט ניט נאָך דיר. *(אָלגע גייט אַרויס אויפֿגערעגט. פֿעליקס גייט צו רחלען)* נו, נו, מײַן ליבע, שרעק דיך נישט, מײַן ליבע, פֿאַר דעם רויבער דעם אײַפּל. איך בין דײַן רעטער אין דער געפֿאַר, דײַן ראָמעאָ. נו, זײַ שוין פֿריילעך און קוק שוין גלײַך אין די אויגן. *(ער וויל זי אַ גלעט טאָן, זי שטופּט אים אָפּ)*

רחלע: אָט האָסטו דיר אַ נײַ אָנשיקעניש אויף מיר, אַ נײַער גלות.

פֿעליקס: ווי אַזוי רופֿסטו מיך פּאָ יעווריסקי?

רחלע: גלות, גלות. פֿאַרשטייסט וואָס דאָס באַדײַט? ביסט דאָך אַ שפּראַכן־קענער.

[158] א״כ - נאַציאָן
[159] א״כ - ליבער

*אינעם כתב־יד - זײַטל 21*

פֿעליקס: גוליש, קאַטיש... האַ, דער גולאַש?! עס איז מיט פּאַפּריקע געפֿעפֿערט און אַזוי ביטער.

רחלע: יאָ, אונדזער גלות איז אויך געפֿעפֿערט און גוט ביטער... האָסט רעכט.

פֿעליקס: ווי איך פֿאַרשטיי פּאָ העווריישקו[160]... איך געדענק נאָך ווי דײַן ברודער נחמיה האָט אַ מאָל מיט מיר גערעדט פּאָ העווריישקי. און ער האָט ליב געהאַט אָלגאַן און זי האָט אים ניט געוואָלט, ווײַל ער איז אַ זשידיאָנאָק. און דיך האָב איך ליב, כאָטש דו ביסט אַ זשידאָווקע. דו ווײנסט? אוי, האָב איך דיך אויך ליב אַז דו וויינסט. אַלע מיידלעך וואָס איך קען, נאָר זיי לאַכן און לאַכן, אַזוי מיאוס און דו ווייסט אַזוי שיין. דו געדענקסט ווי יענער קײַזער האָט אַ געשריי געטאָן – "איך וואָלט געגעבן אַ קעניגרײַך פֿאַר אַ פֿערד". איך גיב אַוועק אַלע מײַנע פֿערדלעך פֿאַר דיר. *(ער וויל פֿאַלן אויף די קני).*

*קומט אָן פּאַוועל*

פּאַוועל: אַלץ מיט דײַנע פֿערד? נו, גיי, מײַן סינאָק, טו זיך אָן, וועסטו גיין מיט דער מאַמאַ און אָלגאַן אין צירק, וועסטו זען שיינע פֿערדלעך. איך האָב גענומען אַ לאָזשע.

פֿעליקס: איך וויל שוין נישט די פֿערדלעך, איך וויל בעסער אָ דאָס...

פּאַוועל: יאָ, גוט, גוט...

פֿעליקס: זי וויל אָבער נישט לאַכן... זי איז זייער קאַטאָליש.

פּאַוועל: מעלאַנכאָליש, ווילסטו זאָגן. נו, גיי, לאָז מיך מיט איר אַליין, איך וועל זי לאַכנדיק מאַכן, זי וועט שוין לאַכן. נו, גיי, גיי!

פֿעלעקס: אָ, פּאַפּאַשע, האָב איך דיך ליב. *(ער וואַרפֿט איר פֿון דער ווײַטן קושן. גייט אָפּ.)*

פּאַוועל: *(פֿאַררייכערט אַ ציגאַר און אין דער צײַט פֿאַרזשמורעט איין אויג און דאָס אַנדערע איז אָפֿן און קוקט אויף איר פֿאַרשנדיק.)* ווי איך זע, איז דיר דאָ סקוטשנע. וואָס, האַ? כאָטש איך ווייס ניט פֿאַר וואָס, מיר דאַכט, אַז ס׳פֿעלט דיר דאָ גאָרניט. און דער באַראָן רעקאָמענדירט דײַן שיינע שטים. פֿאַר וואָס זשע אין אַן אמתן ביסטו עפּעס ניט! וואָס, האַ?..

רחל: וואָס זשע, פּעטער, איך האָב גאָר קיין סיבה נישט צו זײַן נישט אויפֿגעלייגט? מײַן

---

[160] א״כ - ניט פֿעסטגעשטעלט – יעווריישקי, יעווריישקו, העווריישקי, העווריישקו

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 25*

ליבע מוטער האָב איך פֿאַרלוירן, פֿון מײַן ברודער נחמיה האָב איך קיין ידיעה ניט. פֿון אַלע זײַטן הערט מען שלעכטע בשׂורות, פֿון אונדזערע אָרעמע קדושים[161] ברידער.

פֿאַוועל: דאָך ביסטו ניט עלנט. ביסט דאָך דאָ נישט קיין פֿרעמדע און דאָ אין הויז איז דאָך פֿריילעך.

ראָזאַ[162]: דאָס וווּנדערט מיך טאַקע, פֿעטער. ווי קען זײַן אין אַ ייִדיש הויז אַזוי פֿריילעך אין דער צײַט ווען אונדזערע ברידער שעכטן מען אויס אומברחמנותדיק, ווי די שאָף.

פֿאַוועל: דײַנע ייִדן זײַנען זיך אַליין שולדיק. ווער הייסט זיי זיך האַלטן אין די אַלע זאַבאַבאָנעס? פֿאַר וואָס ווילן זיי זיך נישט אַסימילירן מיט די קריסטן? ווי אַזוי זאָלן אונדז די גוים ליב האָבן, אַז בײַ ייִדן איז יעדער גוי טריפֿה?

ראָזאַ: איך מיין אַנדערש, ווי אַזוי קענען אונדז די גויים ליב האָבן, אַז מיר האָבן זיך אַליין פֿײַנט. און עס איז דאָ טריפֿהנע ייִדן, ערגער פֿון גויים.

פֿאַוועל: *(אַ בלאָז דעם רויך און אַ זשמורע מיטן אײגל)* ווער זשע נויט דיך, אַז דו זאָלסט ווינען בײַ טריפֿהנע ייִדן? אַז עס געפֿעלט נישט, זוכט מען זיך אַן אַנדער פּלאַץ און מע ציט זיך אַרויס פֿון די טריפֿהנע ייִדן.

רחל[163]: ווי איך פֿאַרשטיי, גיט איר מיר אָנצוהערן, אַז איך מעג זיך אַרויסציִען פֿון דאַנעט.

פֿאַוועל: *(באַשלאָסן)* טאַקע די נאַכט, טאַקע באַלד.

רחל: וואָס, איר מיינט עס ערנסט? וואָס האָב איך אײַך אַזוי שלעכטס געטאָן, פֿעטער?

פֿאַוועל: ראשית, רוף מיך נישט "פֿעטער". "וואָס האָב איך אײַך אַזוי שלעכטס געטאָן"? בוצים[164] ווייסט זי נישט. דו האָסט מיר געבראַכט אומגליק אין שטוב. ווייסטו דען נישט, אַז מײַנע קינדער זײַנען בײַ מיר טײַערער ווי דו אין גאַנצן? דאָס איז די פּאָדיאַקע[165] וואָס איך האָב דיך אַרײַנגענומען צו מיר אין שטוב, פֿאַר רחמנות? זאָלסט מיך אומגליקלעך מאַכן? ווייניק איז דיר נאָך וואָס דו רעדסט אָפּ מײַן אָלגען איר חתן, דעם יונגן באַראָן, האָסט נאָך אַ העזה מײַן איינציקן זון, וואָס ער איז מײַן אויג אין קאָפּ, פֿאַרדרייען אים זײַן קאָפּ מיט ליבעס. וואָס, האַ? *(ער ווײַזט איר די קוליקעס).*

---

[161] א״כ - געמאַרטעטע

[162] א״כ - ניט פֿעסטגעשטעלט דער נאָמען פֿון דער העלדין – איבער הויפּט "רחלע", און אַ מאָל – "ראָזאַ"

[163] א״כ - "ראָזאַ" ווערט ווידער "רחל"

[164] עס מיינט - פּלוצעם

[165] לאָקאַליזם – דאַנקבאַרקייט - פֿון אוקראַיִניש – דיאַקוּוואַטי – באַדאַנקען

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 26*

רחל: מײַן גאָט, וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר? *(זי וויינט)*

פּאַוועל: קוק אָן. זי רעוועט נאָך... איך האָב נישט קיין ווייך האַרץ פֿון אַ ייִדענע, וואָס צעגייט זיך באַלד פֿון אויגן־וואַסער. *(שץ מיט נעכען קומען אָן)* האָ, אָט גייען טאַקע די מחותנים. *(צו שׂימחה)* איר האָט ווידער געבראַכט דער יתומה עסן? וואָס, האַ? בײַ מיר אין שטוב איז נישט קיין כּשרע רעסטאָראַציע. ווילט איר זי קאָרמענען מיט לאָקשענעם קוגל נעמט מען זי צו זיך אַהיים, בײַ מיר אין שטוב איז ניט קיין אַנשטאַלט פֿאַר יתומים. נעמט זי און גייט מיט איר.

ראָזאַ[166]: איר דאַרפֿט אײַך נישט ערגערן, איך גיי אַליין. *(זי גייט אַרײַן אין איר צימער)*

נעכע: איך וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן. אין אַזאַ קעלט, און שפּעט בײַ נאַכט...

שץ: וואָס זשע? דו מיינסט עס טאַקע ערנסט, פּאַוועל? דו ווייסט, אַז דאָס איז די גרעסטע עבֿירה אין דער וועלט?

*דער ווײַטערדיקער אָפּשניט איז אויסגעמעקט*

~~פּאַוועל: אַזוי? די~~ גרעסטע עבֿירה? אָטשען פּריאַטנאָ[167]. קליינע עבֿירהלעך האָב איך זייער פֿיל געטאָן. וויל איך טאַקע עס איצט וויסן דעם מיין פֿון אַ גרויסער עבֿירה *(ראָזאַ קומט אַרויס מיט אַ רענצל אין דער האַנט, אָנגעטאָן)*. און נעמט אײַך צונויף אײַערע כּשרע טעפּלעך מיט דער גאַנצער כּשרער משפּחתע און, טאַקע די אויך, במחילה, כּבֿוד הלא הוא התורני המופֿלג מהור״ר ר׳ שׂימחה שץ מק״ק קאָנסטאַנטין ישן, ואשתו הכּבֿודה הדריפּקע המפֿורסמת מרת נעכע תּחיה, און גייט אײַך אַלע צו אַלדע שוואַרץ יאָר. נו, מאַרש!

*דוואָסיע, אָלגאַ, פֿעליקס עלעגאַנט געקליידט קומען אָן פֿון רעכטס.*

פּאַוועל: וואָס? איר זענט נאָך נישט אַוועקגעגאַנגען?

פֿעליקס: פּאַפּאַשאַ, וווּהין גייט זי?

פּאַוועל: זעסט שוין ווער זי איז? זי האָט געמיינט, אַז מיר זײַנען שוין אַלע אַוועקגעגאַנגען אין צירק, האָט זי זיך געוואָלט אַרויסגנבֿענען פֿון דער שטוב און אַנטלויפֿן. אַ שיינע פּאָדיאַקע.

*ראָזאַ וויינט אויף דער ברוסט פֿון נעכע. גייען אָפּ.*

פֿעאָדאָסיע: נו, אַז איר איז ניחא איז מיר אויך ניחא, ניכּײַ בודע טאַק!

שץ: קום, נשמה[168], קום, לאָמיר אַוועק פֿון דער געפֿערלעכער שלאַנגען־נעסט. קום מיט אונדז אין אונדזער אָרעם שטיבל, מיר וועלן טיילן מיט דיר דעם לעצטן ביסן. מיר זײַנען רײַכער פֿון

166 א״כ - אַן איבערגאַנג פֿון ״רחל״ צו ״ראָזאַ״
167 רוסיש – זייער אָנגענעם
168 א״כ - זעעלע

זיי, מיר האָבן אַ גאָט. האָ, אייגענע שׂונאים זענען ערגער פֿון די פֿרעמדע. קום, ~~לאָמיר אַנטלויפֿן פֿון זיי. קום! (זיי ווילן זיך לאָזן גיין צום אַרויסגאַנג)~~

*ביז דאָ אַן אויסגעמעקטער אָפּשניט*

דוואָסיע: אַז איר איז ניחא, איז מיר אויך ניחא, נעכײַ בודע טאַק.

פֿעליקס: ניין, מוטער! מיר איז נישט ניחא, מיר איז נישט "נעכײַ בודע טאַק". *(ער וויל צולויפֿן צו רחלען כדי זי נישט לאָזן גיין)*

*דורך דעם פֿענצטער זעט מען אַ שליטן בײַם פּאַראַדנע כאָד מיט צוויי מענטשן, באַראָן און נחמיה בן־עמי.*

רחלע: נחמיה, מײַן ברודער.

נחמיה: מײַן טײַערע שוועסטער!

פֿעליקס: נחמיה!

*פֿאָרהאַנג פֿאַלט*

*אינעם כתבֿ־יד איז דאָס זײַטל ניט נומערירט*

# 2 אַקט

פּערסאָנאַזשן:

די זעלבע וואָס אין ערשטן אַקט.

פּעשקאָוו – אַ פֿאָטאָגראַף פֿון אַ יאָר 32

פֿאַרשיידענע לײַט וואָס קומען זיך פֿאָטאָגראַפֿירן

צמח – אַ יונג קינד פֿון אַ יאָר 12, אַ לערן־ייִנגל בײַ נחמיה

פֿאַרשיידענע קינדער, תּלמידים פֿון שץ

*די בינע שטעלט פֿאָר אַן אַטעליע פֿון אַ מאָלער. לינקס פֿון די צושויער – אַ טיר, וואָס פֿירט אַרײַן אין נחמיהס אַלגעמיינער וווינונג, איבער דער טיר אַ באַלקאָן מיט טרעפּ, וואָס פֿירט אַרײַן אין נחמיהס קאַבינעט. לעבן דער הינטערשטער טיר אַ שיין טישל מיט צוויי פֿאָטעלן. העכער אויף אַ טרעפּל נחמיהס אַרבעטפּלאַץ. ער זיצט און מאָלט אַן איילבילד. לעבן אים שטייט ראָזאַ[169] און צמח און קוקן זיך צו. די ווענט זענען באַהאָנגען מיט לאַנדשאַפֿטן פֿון דער פּאַלעסטינער געגנט. רעכטס פֿון די צושויער – אַ טיר וואָס פֿירט אין דרויסן. ניט ווײַט – אַ טיש מיט בענקלעך[170], אויף דעם טיש אַ וואַזע. ניט ווײַט פֿון דעם טיש אַ שראַנק מיט פּאָטאָגראַפֿישע בילדער. לעבן אים אַ ביוראָ פֿאַרן פֿאָטאָגראַף. דער שטאָף[171] פֿונעם הינטערגרונט איז אַ פֿאָהאַנג. ווען מען צעעפֿנט אים זעט מען דעם עטודיאה[172] מיט דער פֿאָטאָגראַפֿישער מאַשין. לאַנגע פֿענצטערוואַנט און אַנדערע פֿאָטאָגראַפֿישע מאַשינען. דאָס אָרט פֿון פֿאָטאָגראַפֿירן. בײַם אַרויפֿגיין פֿון פֿאָרהאַנג שטייט פּעשקאָף לעבן ביוראָ און גיט אָפּ אַ קונה זײַנע פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער, וועלכער באַצאָלט אים און לאָזט זיך אַרויסגיין. שימחה שץ זיצט לינקס בײַ נחמיהס טיש און שרײַבט אונטער ווערטער פֿון אַ ליד אונטער די נאָטן, וואָס ער דאַרף שטודירן מיט זײַנע תּלמידים.*

נחמיה: פֿאַרשטייסטו, מײַן קינד, וואָס איך האָב דיר דערקלערט? די אָפּטיילונגען פֿון שאָטן און פּערספּעקטיוו[173] וועסטו שפּעטער לערנען אין פּאַריזער אַקאַדעמיע, וווּהין מיר וועלן דיך אַוועקשיקן שטודירן.

---

[169] דער זעלבער שפּיל - אַ מאָל ראָזאָ, אַ מאָל ״רחל״ אָדער ״רחלע״

[170] א״כ - זעסל

[171] א״כ - די לענען

[172] דער מיין איז ניט קלאָר - עס ווײַזט אויס, אַז עס רעדט זיך וועגן אַ סטודיאָ־ווינקל

[173] א״כ - פּערספּעקטיווע

צמח: איר האָט דאָך, דאַכט מיר, געזאָגט, מײַסטער, אַז די בעסטע גאַלעריע בילדער איז אין דער שטאָט מינכען אין בײַערן.

נחמיה: אויך דאָרטן וועסטו זײַן און זיך באַקענען מיט דער אַרבעט פֿון די באַרימטע קינסטלער - ראַפֿאַעל, מיקעלאַנדזשעלאָ, רעמבראַנדט און דער גלײַכן. דען – די אַלע שיינע קונסט, איבער הויפּט,

*אינעם כּתבֿ־יד - זײַטל 1*

די מאָלערײַ און די פּלאַסטיק איז מער אַנטוויקלט בײַ די אומות־העולם ווי בײַ אונדזער פֿאָלק[174].

צמח: איך ווייס פֿאַר וואָס. ווײַל משה רבינו האָט אונדז פֿאַרבאָטן, – לא־תעשׂה לך פּסל כּל תּמונה.

נחמיה: דאָס איז געווען אַ רעליגיעזער פֿאַרבאָט אין יענער צײַט ווען קיין קונסט האָט נאָך ניט עקזיסטירט, און יעדער סלויף, אויסגעהאַקטע פֿיגור פֿון האָלץ אָדער פֿון שטיין האָט דאָס עם־הארצישע[175] פֿאָלק געהאַלטן פֿאַר הייליק און דאָס פֿאַרגעטערט, און משה האָט דעמאָלט געמוזט אָפּהיטן זײַן גײַסטיק פֿאָלק פֿון אַזא עם־הארצישקייט[176], אָבער זינט די גריכן האָבן אַנטוויקלט די עלעניסטישע קונסט, קוקן מיר מיט אַנדערע אויגן אויף די בילדער, און מיר שעצן אין זיי נאָר די קונסט, נישט דעם אינהאַלט.

רחל: פּונקט ווי אַ ייִדישער פֿרומער גאָלד־אַרבעטער פּראָדוצירט גאָלדענע צלמלעך צו פֿאַרקויפֿן און קוקט אויף זיי נאָר פֿאַר אַ סחורה[177], בעת דער קויפֿער באַטראַכט עס גוט פֿאַר זײַן הייליקן קעגנשטאַנד.

נחמיה: דערפֿאַר מוזן מיר אַרײַנגיין צו די אומות־העולם אין גאָרטן אָנצורײַסן בלומען פֿון דער קונסט נאָר כּדי צו פֿאַרצירן אונדזערע נאַציאָנאַלע סוזשעטן, ניט ווי אַנדערע פֿון אונדז טוען, ווען זיי גייען אַרײַן אין פֿרעמדע קונסט־גערטנער, ווערן זיי אַזוי פֿאַרכּישופֿט, אַז זיי פֿאַרבלײַבן שוין דאָרטן אויף שטענדיק און וועלן זיך מער צום אונדזער פֿאָלק ניט אומקערן.

רחל: פּונקט אַזוי די פֿרומע ייִדן קויפֿן פֿון אייביק אָן דאַוו בײַ גריכן פֿון דאָרטן דער גוים קיין איינציק...[178]

נעכע: זאָל איך דיר ווידער אַרײַנברענגען די מילך צי וועסט טרינקען אין שטוב? *(נחמיה טוט אַ הוסט)* כ'וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן. ער הוסט שוין ווידער. אויף מײַן שוואָגער דעם רשע און

---

[174] א״כ - נאַציאָן
[175] א״כ - דומע
[176] א״כ - דומקייט
[177] א״כ - אַרטיקעל
[178] דער זאַץ איז אומפֿאַרשטענדלעך

מײַן שוועגערין די טריפֿנאַטשקע געזאָגט געוואָרן. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד. *(זי קלאַפּט זיך אין מויל)*

*אינעם כתבֿ־יד איז דאָס זײַטל ניט נומערירט, אָבער עס זעט אויס ווי דער צווייטער וואַריאַנט פֿון דער פֿריערדיקער סצענע, זײַטל 40*

נחמיה:

... די מאָלערײַ און די פּלאַסטיק איז מער אַנטוויקלט בײַ די אומות־העולם ווי בײַ אונדזער נאַציאָן.

צמח: איך ווייס פֿאַר וואָס. ווײַל משה רבינו האָט אונדז פֿאַרבאָטן, – לא־תעשׂה לך פּסל כּל תּמונה.

נחמיה: דאָס איז געווען אַ רעליגיעזער פֿאַרבאָט אין יענער צײַט ווען קיין קונסט האָט נאָך ניט עקזיסטירט, און יעדער סלויף, אויסגעהאַקטע פֿיגור פֿון האָלץ אָדער פֿון שטיין האָט דאָס דומע פֿאָלק געהאַלטן פֿאַר הייליק און דאָס פֿאַרגעטערט, און משה האָט דעמאָלט געמוזט אָפּהיטן זײַן גײַסטיק פֿאָלק נישט פֿון אַזא דומקייט, אָבער זינט די גריכן האָבן אַנטוויקלט די עלעניסטישע קונסט, קוקן מיר מיט אַנדערע אויגן אויף די בילדער, און מיר שעצן אין זיי נאָר די קונסט, נישט דער אינהאַלט.

רחל: פּונקט ווי אַ ייִדישער פֿרומער גאָלד־אַרבעטער פּראָדוצירט גאָלדענע צלמלעך צו פֿאַרקויפֿן און קוקט אויף זיי נאָר פֿאַר אַן אַרטיקעל, בעת דער קויפֿער באַטראַכט עס גוט פֿאַר זײַן הייליקן קעגנשטאַנד.

שץ: ס׳פֿאַרשטייט זיך. פּונקט ווי אַ פֿרומער ייִדישער גאָלד־אַרבעטער פֿאַבריצירט גאָלדענע צלמלעך נאָר צום פֿאַרקויפֿן, ער זאָל קענען פֿאַר זײַן הויזגעזינד דערפֿאַר קויפֿן פֿיש אויף שבת. אָבער בײַם גוי, וואָס ער קויפֿט עס, איז דאָס צלמל הייליק און ער קושט עס געשמאַק, און דעם ייִדן האָט קיין מאָל ניט אָנגעכאַפּט דער חשק זיך צו שיידן.

נחמיה: דערפֿאַר מוז ער אַרײַנגיין צו די אומות־העולם אין גאָרטן אָנצורײַסן בלומען פֿון דער קונסט נאָר כּדי צו פֿאַרצירן אונדזערע נאַציאָנאַלע סוזשעטן, ניט ווי אַנדערע פֿון אונדז טוען, ווען זיי גייען אַרײַן אין פֿרעמדע קונסט־גערטנער, ווערן זיי אַזוי פֿאַרכּישופֿט, אַז זיי פֿאַרבלײַבן שוין דאָרטן אויף שטענדיק און ווילן זיך מער צו אונדז ניט אומקערן.

שץ: ס׳פֿאַרשטייט זיך. וויפֿל יאָרן זיצן ייִדן בײַ די גרעקן[179] צו קויפֿן בײַ זיי קאָרפֿירער אתרוגים און ס׳איז נאָך קיין איין ייִד ניט אײַנגעפֿאַלן[180] צו ווערן אַ גרעק[181], און קיין איין גרעק האָט זיך ניט אָנגעכאַפּט אַ חשק זיך מגייר זײַן כּדי ער זאָל קענען בענטשן אַן אתרוג.

נעכע: זאָל איך דיר אַהער אַרײַנברענגען די ציגענע מילך צי וועסט טרינקען אין שטוב? *(נחמיה טוט אַ הוסט)* כ׳וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן. ער הוסט שוין ווידער. אויף מײַן שוואָגער דער רשע

---

[179] רוסיש - גריכן

[180] א״כ - אָנגעפֿאַלן

[181] רוסיש - אַ גריך

מרושע געזאָגט געוואָרן מיט מײַן שוועגערין די טריפּניאַטשקע. *(זי קלאַפּט זיך מיט האַנט אין מויל)*. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד.

*שיך*: נעכע!

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 3*

רחל: לאָז זײַן שטיל, מומע. מיר האָבן אײַך געזאָגט, אַז נחמיה דאַרף פֿון גאָרניט וויסן, וואָס בײַ אונדז איז פֿאָרגעגאַנגען, ער זאָל זיך ניט אויפֿרעגן, ער איז קראַנק. *(נעכע קלאַפּט זיך אין מויל)*.

*שיך*: נו, גיי, גיי אַרײַן און הער זיך אויף צו קלאַפּן אין די ציין, קענסט זיי נאָך צעברעכן, וועל איך דיר דאַרפֿן אַרײַנשטעלן נײַע. *(נעכע איז אָפּ לינקס)*.

*דער ווײַטערדיקער אָפּשניט איז אויסגעמעקט ביזן זײַטל 7 פֿונעם כתבֿ־יד*

~~פעשקאָוו: (צו אַ יונגן־מאַן, וואָס האַלט זײַן בילד)~~ נו, וואָס זשע ווילט איר פֿון מיר? ס'איז דאָך אײַער ריכטיק בילד.

מאַן: וואָס מײַן בילד? דערפֿאַר זאָל איך אײַך נאָך צאָלן געלט? קוק אָן אַ נאָז ווי אַ שופֿר. האָב איך דען אַזאַ נאָז? הײַנט, ווי איז נאָך אַן אויער? און וואָס האָט איר מיר אַרויסגעשלאָגן אַן אויג? איך האָב, ב״ה, צוויי אויערן און קוק, ב״ה, אויף בײדע אויגן.

פעשקאָוו: מע קען דול ווערן פֿון אײַך. פֿריִער האָב איך אײַך פֿאָטאָגראַפֿירט אַן־פֿאַס, פֿאָרט גלײַך, האָט איר געשריגן, אַז איך האָב אײַך צעפּלייטשט די נאָז. איצט האָב איך אײַך געמאַכט מיט איין זײַט, אוודאַי, אַז איר האַלט אַזוי דעם קאָפּ, איז דער אַנדערער אויער און דאָס אויג פֿון יענער זײַט, ווײַל דאָס איז אין פּראָפֿיל.

מאַן: אײַערע לשונות פֿאַרשטיי איך ניט. איך ווייס מיין ניט, אַז איך בין ניט איך, ווי ער האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַן אַנדערן און לאָז אײַך דער אַנדערער באַצאָלן. איך שענק אײַך דעם אַדערויף. *(אָפּ)*

פעשקאָוו: עס איז אַן אומגליק מיט דעם נאַרישן[182] אומגעהובלעוועטן פּראָסטן נאַראָד[183], יעדער האָט זיך זײַן נאַרישן קאַפּריז און מיך רעגט עס אויף. מיט דעם באַלעב איך דעם אַרטיסט דעם מײַסטער, וואָס זײַן קונסט איז נאָר פֿאַר מבֿינים פֿונעם אינטעליגענטן קלאַס און פֿאַרשטייען צו באַצאָלן אַ גרויסן פּרײַז.

*שיך*: איינער לעבט בײַם אַנדערן אין טעות. בײַ אײַך גייט עס אָבער שנעלער

---

[182] א״כ - דומען

[183] רוסיש - פֿאָלק

מיט דער מאַשין ווי בײַ אײלבילד־מאָלער מיט די בילדער, ווײַל ביז ער מאָלט אויס אַ פֿייגל קען ער דערווײַל אויפֿפֿאַסן אַן אָקס, בעת איר באַקט אָפּ אַלע מינוט הייסע בולקעס און כאַפּט אַלע מאָל אַ פֿרישן גראָשן.

פעשקאָוו: איך וועל מוזן אַרויס פֿון דעם געטאָ און זיך אַרײַנצִיִען אין דעם פֿראַנצייזישן קוואַרטאַל, אַם ווייניקסטן וועלן אַהין קומען נאָבלערע מענטשן, און דאָ האָט מען נאָר צו טאָן מיט חס דריגות, די נידעריקסטע שיכט פֿון יִדישן פעביל[184] מיט זייערע שמוציקע מאַנערן, וואָס כאַפּט מיך אָן אַן עקל און מאַכט מיך נערוועז.

נחמיה: ווען איר זאָלט שטעלן אַ פּאַראַלעל, אַפֿילו אונדזער נידעריקסטער פעביל מיט דעם פעביל פֿון אַן אַנדערן פֿאָלק וועט איר אויך געפֿינען, אַז אונדזער פלעביי שטייט פֿיל העכער אין פֿעִיקייט ווי אַנדערע. אויב איר האָט געלייענט[185] די געניעלע רוסישע שרײַבער, וועלכע שילדערן נאַטירלעך[186] די נידעריקע שיכט פֿון זייער פֿאָלק, וואָס רופֿן זיי "באָסיאַקעס", שטעלט זיי אין פּאַראַלעל מיט אונדזערע פעביל פֿונעם געטאָ, וועט איר אַליין מוזן קומען צו דער איבערצײַגונג, אַז אונדזער שטייט אַ סך העכער אין מאָראַל און זיטלעכקייט, אונדזער יִדישער פּראָלעטאַריאַט איז אפֿשר עם־הארציש[187], אָבער ערלעך, לעכערלעך, אָבער ניט שעדלעך, אין אונטערשייד פֿון יענע פֿאַרשיכּורטע באָסיאַקעס זענען פֿון נאַטור אַזוי ווילד, אַז אונטערצינדן אַ פֿאַבריק מיט אַרבעטער, וועלכע וועלן פֿאַרברענט ווערן, איז בײַ זיי אַ שפּילעכל און הרגענען אַ מענטשן איז בײַ זיי אַ וואָענדיקער גאַנג. געפֿערלעכע אינדיווידומס, שעדלעך פֿאַר זיך און פֿאַר דער געזעלשאַפֿט.

רחל: מײַן טײַערער ברודער איז אַזוי פֿאַרליבט אין אונדזער געליבט פֿאָלק ווי אַן אמתע[188] מוטער אין איר פֿאַרצערטלט איינציק קינד, וואָס וויל גאָר קיין פֿעלער ניט זען אין אים. און דאָך געפֿינען זיך בײַ אונדז, דווקא אינעם אינטעליגענטן קלאַס, אַ סך שעדלעכע מענטשן, וואָס מע געפֿינט זיי ניט בײַ קיין שום אומה ולשון. דאָס זענען אונדזערע אייגענע יִדישע שׂונאים. דערפֿאַר בין איך צו מאָל ניט אַזוי בייז אויף די גוים, וואָס האָבן אונדז אומזיסט פֿײַנט. דאָס יִדנטום לײַדט פֿון אַן אַלטער כראָנישער קראַנקהייט – קראַצשמערצן. – און אַזוי לאַנג ווי די קראַץ וועט עקזעסטירן, וועלן מיר מוזן תּמיד לײַדן שמערצן. קען זיך אונדזער קראַנקהייט קיין מאָל ניט פֿאַרבעסערן.

---

[184] דאָס וואָרט זעט אויס ווי פֿאַרצויגן פֿון ענגלישן "פיפל" און באַדײַט "לומפּ"

[185] א"כ - געלעזען

[186] א"כ - נאַטור טרײַ

[187] א"כ - דום

[188] א"כ - וואַרע

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 5*

ווי איך קען נישט בייז זײַן אויף די עגיפּטישע פֿליגן, וואָס זיי פּראָוואָצירן מיט זייערע פֿליגנ־בײַסן געוויסע הויט־קראַנקהייטן, ווען מיר ווינען דאָרטן. איז ווייניקסטן דענסטמאָל פֿאָרן מיר איבער אויך אין אַ ריינער געגנט, זענען מיר פֿרײַ פֿון זייער שעדלעכקייט, וואָס העלפֿט אונדז אָבער? אונדזערע פֿײַנע שיינע ריינע געגנטן, אַז מיר פֿירן מיט זיך אַהין מיט אייניקע גיפֿטיקע מיקראָבן, וואָס פֿאַרדאָרבן אונדזער נאַציאָנאַלן קערפּער, אונדזער יונגן צוויט, וואָס האַלט בײַם וואַקסן. דערפֿאַר האָט מײַן טײַערער ברודער רעכט, ווען ער זאָגט, אַז אונדזער וויכטיקע אויפֿגאַבע דאַרף זײַן – זיך אָפּגעבן זאָרגפֿעלטיקער מיט דערציִונג פֿון די יונגע קינדער פֿונעם נײַעם דור, אום אָפּהיטן זיי פֿונעם שעדלעכן אײַנפֿלוס. און פֿון די אַלטע איז ניט צו רעדן, זיי זענען שוין ניט צום פֿאַרבעסערן. קום, ברודער, אַרײַן עפּעס טרינקען, שטרענג זיך ניט אַזוי אײַן.

שץ: איך האָב שוין געענדיקט און אונטערגעשריבן די ווערטער. נחמיה, איך גיי אין מײַן חדר שטודירן מיט מײַנע תּלמידימלעך און זיי דערוויגן אויף דער נאַכט אָדער צו אַ פּראָבע. צמחל, דו וועסט אַליין אײַנשטודירן. *(איז אָפּ)*

נחמיה: *(בעת ער לייגט אַוועק די אַרבעט)* אײַ, שוועסטער־לעבן, וואָס איז פֿאַר אַ וווּנדער, אַז אונדזער פֿאָלק איז אַזוי פֿאַרנאַכלעסטיקט, און וואָס איז ער נעבעך שולדיק, ווען אַ געוויינלעכער פֿאַמיליע־מענטש זאָל זיך האַלטן אַ גאַנץ נאַר אין אַן אַריבערציִען פֿון קוואַרטיר צו קוואַרטיר, וואָלטן אויך געמוזט אַ סך זאַכן פֿון זײַןווירטשאַפֿט געשעדיקט ווערן, אַ סך גלאָזוואַרג צעבראָכן ווערן, און אַ סך ווערטפֿולע זאַכן[189] פֿאַרלוירן ווערן. בפֿרט אַ פֿאָלק, וואָס האַלט זיך זײַן גאַנץ לעבן אין איין ציִען פֿון לאַנד צו לאַנד, צוויי טויזנט יאָר, און ווערט נאָך אויפֿן וועג באַרויבערט פֿון די וואַלד־גזלנים, וואָס פֿאַר אַ וווּנדער, אַז אַ סך פֿון זײַנע גוטע מעלות, גײַסטיקע ווערטפֿולע זאַכן האָבן געמוזט טאָן אים פֿאַרלאַסן גיין. אוי, מײַן אָרעם פֿאָלק, וויפֿל האָסטו פֿאַרלוירן פֿון דײַן ערשטער ווערט אין דער לאַנגער צײַט פֿון דײַן אַרומוואַלגערן זיך אין גלות. *(באַגײַסטערט)* אוי, דער געדאַנק צו זען דיך, מײַן טײַער פֿאָלק, אין דײַן אַמאָליקן גלאַנץ. פֿילט אויס אַלע ווינקלען פֿון מײַן

[189] א״כּ - ווערטהזאַכען

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 6*

געטרײַעם האַרץ, און בלאָזט אויף אין מיר דאָס הייליקע פֿײַער, וואָס גליט אונטערן אַש פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, און צינד אָן אין מיר דעם פֿונק פֿון דער האָפֿענונג צו פֿאַרטרײַבן די פֿינצטערע שאָטנס פֿון דער קעגנוואַרט צו באַלויכטן די גלענצנדיקע צוקונפֿט. *(ער הוסט. רחל פֿירט אים אַרײַן אין הינטערשטן צימער. צמח גייט זיי נאָך. אַלע אָפּ.)*

~~פעשקאָוו~~ אַ ייִדענע: *(קומט אַרײַן פֿון לינקס און טראָגט אַ בילד צו פעשקאָוון)* איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס האָט איר מיר דאָ אָנגעשמאַדשעבעדט?

פעשקאָוו: וואָס איז שוין ווידער?

ייִדענע: קוקט אָן, איך בין, ב״ה, אַ ריינער מענטש און וואַש זיך אַלע טאָג דעם האַלדז מיט כשרער זייף און איר נעמט און שמירט מיר אים אויס מיט סאַזשע. דערפֿאַר זאָל איך אײַך צאָלן געלט?

פעשקאָוו: נאַרישע ייִדענע, לאָזט אײַך דערקלערן, דאָס איז דער שאָטן. קוקט אײַך צו אין שפּיגל, וועט איר זען, אַז אײַער פּנים און די באָרד וואַרפֿן אַ קליינעם שאָטן אויפֿן האַלדז. דאָס מוז זײַן.

ייִדענע: וואָס מיר שאָטן, וואָס מיר שמאָטן?... מײַן האַלדז איז קלאָר ווי דער געפֿאַלענער שניי און איך וועל אײַך ניט צאָלן ביז איר וועט מיר אים ניט ווײַס מאַכן. איך בעט אײַך ניט איר זאָלט מיך אָנשמירגען.

פעשקאָוו: נו, גייט, גייט, עס וועט שוין זײַן רעכט. *(ייִדענע אָפּ. פעשקאָוו בייז)* דאָס איז אַ נאַראָד! *(ער לייגט צונויף די זאַכן און שמיצט זיך)* אַטפּו זאָלן זיי ווערן! דאָס מאַכט מיך נערוועז. צום טײַפֿל! *(גייט אַוועק הינטערן פֿאָרהאַנג)*

באַראָן: *(קומט אַרײַן. קוקט זיך אַרום. גייט צו צו די בילדער און באַטראַכט זיי מיט אַ בינאָקל, זעצט זיך אין אַ פֿאָטעל און ווישט מיט אַ טיכל די ברילן. באַטראַכטנדיק)* מערקווירדיק! ווי פּראַקטיש דער מענטש זאָל ניט זײַן, ווי פֿעסט זאָל ניט זײַן זײַן ווילן, ווי שטאַרק זאָל ניט זײַן זײַן איבערצײַגונג, קומט אַ קליינער אומדערוואַרטער צופֿאַל און צעשטערט מיט אַ מאָל אַלע זײַנע פּלענער. אומזיסט זוכט דער מענטש אויפֿצולעזן די פּראָבלעמען פֿון אַ לעבן. איך, דער פֿאָרשער , וואָס מײַן באַרוף איז – לויט געשיכטלעכע קוואַלן נאָכצופֿאָרשן די אומשטאַנד, די סיבות פֿון יעדער באַזונדערנער דערשײַנונג אין דער נאַטור ווי אויך אין סאָציאַלן לעבן פֿונעם מענטשן, זאָל פֿאַרגעסן אויסצופֿאָרשן

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 7*

אַ גוט באַקאַנטע פּערזאָן, וואָס גייט פֿאָר אין זײַן אייגענעם ״איך״. איך, דער פּאַקטישער דענקער, וואָס איז געווינט מיט מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט אויסצורעכענען אַלע עוואָלוציעס פֿונעם מענטשנס געדאַנקען און באַטראַכטונגען, זאָל פּלוצעם אַרײַנפֿאַלן אין אַ סענטימענטאַליטעט פֿון אַ האַרצן־געפֿיל, וואָס לאַכט זיך אויס פֿון אַלע רעכענונגען... איך פֿיל אין מײַן לעבן אַ מערקווירדיקע פֿאַרענדערונג, איך הייב אָן צו זײַן נישט דער, וואָס איך בין געווען. *(טראַכט)* איך האָב מיך גוט אויסגערעכנט, אַז די דאַנקבאַרקייט פֿון דעם אומשולדיקן מיידל ראַשעל זאָל זיך ניט אויסבילדן אין ליבע צו אַזאַ פּערזאָן, וואָס זי קען אים ניט דערגרייכן[190]. איך האָב עס געוואָלט צו פֿאַרהיטן, מיט איין מאָל דײַטלעך אָפּהאַקן די באַקאַנטשאַפֿט, האָט מיך די באַקאַנטשאַפֿט מיט איר ברודער געצוווּנגען מיך ווידער מיט איר זיך באַגעגענען. איך האָב זי געוואָלט פֿאַרהיטן און כ׳בין אַליין אַרײַנגעפֿאַלן – זי וועט דאָך די רעליגיע פֿון איר נאַציע ניט בײַטן[191] פֿאַר קיין זאַך אויף דער וועלט. איך, דער העלד פֿון אַ ראָמאַן *(שמייכלט)*. דער אינסטינקט גרײַפֿט בלינד און איז שטאַרקער פֿון אונדזער ווילן. איצט באַגרײַף איך, אַז מײַן ווען זיך צוריקציִען דאָס איז שוין דער קאַמף, וואָס דאָס האַרץ פֿאָדערט אַרויס דעם קאָפּ, און דאָס האַרץ האָט ענדלעך געטיקט – איך האָב ליב ראַשעל[192].

*נחמיה, ראָזאַ, צמח קומען אַרײַן – צמח לויפֿט צום בילד און אַרבעט.*

*ביז דאָ דער אויסגעמעקטער אָפּשניט, וואָס הייבט זיך אָן אויפֿן זײַטל 3 פֿונעם כתבֿ־יד*

באַראָן: *(גייט זיי אַנטקעגן און גרײַפֿט זיי ביידע בײַ די הענט)* נו, ווי גייטס מײַנע ליבע פֿרײַנד? די ווערטער פֿון אײַער ברודער האָבן רעכט געהאַט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז דער צופֿאַל איז שטאַרקער פֿון אונדזער ווילן און פֿאַראורטיילט אַ מאָל דעם דענקנערס פּלענער. אַ רײַזנדער, וואָס פֿאָרט אַרויס פֿון זײַן היים, פֿעסט אַנטשלאָסן צו דערגרייכן אַ געוויסן ציל, וואָס ער (האָט) בײַ זיך אויספּלאַנירט, קומט דער צופֿאַל און שעדט אים אונטער מערקווירדיקע אומדערוואַרטע אַוואַנטורן און צווינגט אים צו זײַן אַ פֿאַרמיטלער צוזאַמענפֿירן מענטשן[193], וואָס האָבן זיך פֿאַרלוירן. די באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ ברודער פֿון איין זײַט, די באַקאַנטשאַפֿט מיט דער שוועסטער פֿון דער אַנדערער. און די אינטימע ליבע מענטשן, וואָס האָבן זיך פֿאַרלוירן פֿאַר צופֿאַל, צוזאַמענברענגען. דערציילנדיק אים די געשיכטע פֿון אַ פֿרוילין ראַשעל, האָט ער גאָר ניט געצווייפֿלט, אַז דאָס איז ניט זײַן שוועסטער, און כ׳האָב געמוזט מיט אים אויגנבליקלעך לויפֿן אײַך זען – ער האָט אײַך געפֿונען. איך האָב מײַן מיסיע[194] אויסגעפֿילט[195] און דענק, אַז איך

[190] א״כ - ערגרײַכען

[191] א״כ - אַ טעכנישער פֿעלער - געביטען

[192] א״כ - איך ליבע ראַשעלען

[193] א״כ - פּערזאָנען

[194] א״כ - מיסיאָן

[195] א״כ - ערפֿילט

האָב פֿאַרדינט צו זײַן אַ ווידערבינדער פֿון דעם דריטן, וועלן מיר שאַפֿן[196] אַ גליקלעכן טריומוויראַט!

נחמיה און רחל: *(דריקן אים די הענט)* זייער, זייער אָנגענעם!

רחל: ווען גאָט האָט אַזוי געוואָלט, ווי קענען[197] מיר, זײַנע קינדער, זײַן קעגן אונדזערע פֿרײַנד, (דאָס)[198] איז אומאויסדריקלעך.

באַראָן: נאָר נישט אַזוי סענטימענטאַל, נישט אַזוי שטאָלץ. מיט אײַער ליבן ברודער זענען מיר פֿריִער באַקאַנט ווי מיט אײַך. ער איז אין דער ערשטער ריי. אַזוי אַרום[199], ווי בעט עס מײַן ליבער אידעאַליסט – נאָך שטענדיק[200] באַשעפֿטיקט נישט אײַער אידעאַל?

נחמיה: מיר, וואָס זענען, לײַדיר, ניט אַזעלכע פֿאַרצערטלטע קינדער פֿון דער מאַטעריעלער קעגנוואַרט, פֿאַרגינט אונדז צו לעבן מיט אונדזער אידעאַל *(ווײַזט אָן[201] אויף אַ בילד)* איר האָט מיך געטראָפֿן צום ערשטן מאָל אין ירושלים[202] קאָפּירנדיק די נאַטור־געגנטן, כּדי צו מאַכן אַ בילד. אונטערטראַגט מוזן מיר פֿאַרבינדן דאָס רעאַליסטישע מיט דעם אידעאַליסטישן. איצט קומט די דערהויבענע פֿאַנטאַזיע און פּאָעזיע. איר זעט, אויפֿן מויער זיצט די אַלעגאָרישע אַלמנה בת־ציון אין איר טרויערקלייד און בעט בײַ גאָט, ביז זי וועט געהאָלפֿן ווערן, זאָל ער איר דערווײַל דורכפֿירן און ווײַזן אירע ליבע קינדער, וואָס זײַנען צעזייט אין דער גאַנצער וועלט. גאָט דערהערט איר געבעט. דאָס צווייטע בילד איז לעבעדיקער. עס גייען איר פֿאַרבײַ[203] אירע קינדער, מוטיקע בראַווע קעמפֿער, יעדער אין אַ מיליטער־קאָסטיום פֿון זײַן לאַנד ווו ער וווינט, און זאָגן איר צו[204] מיט די פֿענער אין די הענט, צו קעמפֿן אויך פֿאַר איר זעלבסטשטענדיקייט, און איר אָנטאָן די הייליקע קרוין, ווען די צײַט וועט קומען. *(פּעשקאָוו גייט צו צו דער גרופּע און באַטראַכט דאָס בילד)* נאַטירלעך זעט מען נאָר דעם אומרוים, עס איז נאָך ניט פֿאַרטיק, דאַן קומט נאָך דער לעבעדיקער קאָלאָריט פֿון די פֿאַרבן, די שאַטירונגען און די פּערספּעקטיוו.

צמח: וואָס הייסט פּערספּעקטיוו, הער מײַסטער?

נחמיה: איך האָב דיר שוין, מײַן קינד, דערקלערט, אַז דו וועסט דײַטלער לערנען אין די אַקאַדעמיעס, וווהין מיר וועלן דיך שיקן שטודירן. איך האָב אײַך, עס דאַכט מיר, דערציילט, אַז דאָס קינד האָב איך געטראָפֿן

---

[196] א״כּ - אויסמאַכן
[197] א״כּ - ווי דאַרפֿן
[198] א״כּ - דאָס וואָרט פֿעלט
[199] א״כּ - אַלזאָ
[200] א״כּ - אימער
[201] א״כּ - צייַגט
[202] א״כּ - יערוזאַלעם
[203] א״כּ - עס פּאַסירן פֿאָר
[204] א״כּ - און פֿערשפּרעכען איר

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 9*

אין ירושלים, געבראַכט צווישן אַנדערע עמיגראַנטן־יתומים, וואָס האָבן פֿאַרלוירן זייערע עלטערן אין די אומרוען. איך האָב אים אַדאָפּטירט פֿאַר מײַן שילער אים צו לערנען אַ האַנטווערק, ער זאָל זײַן אַ מאָלער פֿון דער ייִדישער צוקינפֿטיקער יוגנט אַרבעטסטום, געבילדעט און אַ געטרײַער קעמפֿער פֿאַר זײַן פֿאָלק[205].

צמח: און ווען איך וועל שוין קענען גוט מאָלן אַ בילד, וועל איך נאָר אויסמאָלן ווי איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן בעט און נאָר געציטערט, ווען די מערדער האָבן אונדז באַפֿאַלן, מײַן פֿאָטער און די טײַערע מוטער *(וויינענדיק)* און האָבן זי געקוילעט און געטראָטן מיט די פֿיס, און זייער בלוט איז צוגעשווומען צו מיר. *(ער וויינט)*

רחל: נו, נו, קינד, אַז דו וועסט פֿאַרגיסן דײַנע אויגן מיט טרערן, וועסטו ניט זען צו מאָלן. גיי, שטודיר אָן דײַן העברעיִשע רעדע, וואָס דו וועסט די נאַכט האַלטן צו באַקומען אַ שיינע פּרעמיע. *(זי פֿירט אים אַרויס. בעת באַראָן און נחמיה פֿאַרענדיקן מיטן בילד).*

פּעשקאָוו: *(קוקנדיק די גאַנצע צײַט אויפֿן בילד)* איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מײַסטער, ווען איך וועל אײַך אויפֿמערקזאַם מאַכן, אַז דער סוזשעט פֿון אײַער... *(עס לויפֿט אַרײַן אַ ייִדל מיט אַ רויט בערדל)* וואָס איז שוין ווידער?

אַ ייִדל: ווו איז ערגעץ דער פֿאָטאָגראַף?

פּעשקאָוו: *(גייט צו)* וואָס ווילט איר?

אַ ייִדל: דאָס בין איך? עס הייבט זיך אַפֿילו ניט אָן. איר זעט דאָך, אַז איך בין אַ רויטער און ווער האָט מיר געמאַכט גאָר אַ שוואַרץ בערדל? הײַנט, אַז מײַן כּלה וועט באַקומען דאָס בילד וועט זי מיינען, אַז דאָס איז גאָר אַן אַנדער און זי קען איר חתן מיט רויטע האָר וואָס איז איר אַזוי געפֿעלן.

פּעשקאָוו: אָך, אויב איר ווילט קען איך אָפּפֿאַרבן מיט רויטער פֿאַרב. זאָגט זשע אַז איר ווילט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע מיט פֿאַרבן. דאָס קאָסט טײַערער.

אַ ייִדל: וועט מיר קאָסטן טײַערער? אָט האָט ער מיך פֿאַרסטראַשעט. מאַכט נאָר, מאַכט. *(איז אָפּ)*

פּעשקאָוו: *(פֿאַרקנייטשט מיט די פּלייצעס און קומט צוריק צום בילד)* איך האָב אײַך געוואָלט נאָר דאָס באַמערקן, אַז דער סוזשעט פֿון אײַער בילד איז ענג נאַציאָנאַליסטיש. איך מיין, אַז דער קינסטלער מוז זײַן אומפּאַרטייִש און אויסוועלן פֿאַר זיך אַלגעמיינע טעמעס פֿון אַלע אַנדערע ראַסעס פֿון דער גאַנצער וועלט. ווי מיינט איר, הער באַראָן? *(רחל קומט צוריק מיט צמחן און בעט דעם באַראָן זיך זעצן צום טיש, אַנטקעגן איר.)*

נחמיה: מיר, ייִדישע קינסטלער, מוזן נאָר אויסוויילן טעמעס פֿון אונדזער געשיכטע, ווי רפֿאל

[205] א״כ - נאַציאָן

מיט זײַנע מאַדאָנעס־בילדער. גענוג שוין געזונגען ״מה יפֿית״ פֿאַר אַלע פּריצים, גענוג קאָקעטירן מיט אונדזערע פֿעיִקייטן אַנדערע פֿעלקער, אַבי צו געווינען בײַ זיי אַ שמייכל. עס איז פֿאַלש ווילן אונדז ניט קענען אַפֿילו מיט אונדזערע בעסטע מעלות. האָבן מיר, ייִדן, ווייניק אויפֿצוצאָלן געניעלע מענטשן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט און מאַכן נאָך וועגן דער אַלגעמיינער מענטשהייט, אין אַלע בראַנזשעס פֿון דער קונסט, וויסנשאַפֿט און אינדוסטריע. ווידער, דעם כּלל ייִדנטום איז פֿון זיי קיין מאָל קיין טויג ניט אויסגעקומען. אונדזערע געניעלע מענער, וואָס די וועלט האָט געמוזט אָפּשאַצן זייער ווערט, האָבן ניט געקענט באַאײַנפֿלוסן די שׂונאים, זיי זאָלן שעצן און ליב האָבן אונדזער גאַנצע ראַסע, ניט יוצא זײַן פֿאַר זי. זיי אַליין האָבן אונדז אָפּגעזונדערט פֿון זיך און אונדז פֿאַרשלאָסן אין די געטאָס און דערנאָך באַשולדיקן זיי אונדז, אַז מיר איזאָלירן זיך. טוען מיר זיי צוליב און באַפֿרײַדן זיך מיט זיי, און נעמען אָן זייער שפּראַך, זייערע מנהגים, זייער קולטור, און גייען מיט זיי צוזאַמען צו פֿאַרגיסן אונדזער בלוט פֿאַר זייערע קאַפּריזן, בלײַבט אויך איינער פֿון אונדזערע העלדן, גראָד צופֿעליק, מיט אַ גאַנצן קאָפּ און פֿאַרדינט אַ הויכן ראַנג, וויל מען אים נישט געבן. ווילן מיר דערפֿאַר נישט דינען, באַשולדיקט מען אונדז, אַז מיר ווילן נישט אויספֿילן אונדזער מיליטער־פֿליכט. ווילן מיר זיך בילדן[206], לאָזט מען אונדז נישט אַרײַן אין די שולן. ווילן מיר ווערן איינפֿאַכע ערדאַרבעטער, פֿאַרבאָט מען אונדז קויפֿן ערד און מע טרײַבט אַרויס פֿון די דערפֿער. ווערן מיר אַרבעטזאַמע ערלעכע בעל־מלאָכות, נעמט מען אונדז נישט אָן אין די פֿאַבריקן. מוזן מיר זיך נעמען צו דער מחיה בזויה און זיך מאַכן אַן אָרעם שענקל. מאַכט פֿאָניע אַ בילבול, אַז מיר פֿאַרשיכּורן נעבעך זייערע ניכטערע שיכּורים. גיסן מיר אונטער וואַסער, שרײַט מען, אַז מיר באַגנבֿענען דעם אַקציז. ווילן מיר אַוועקפֿאָרן צו אַלדע שוואַרץ יאָר, גיט מען אונדז קיין פּאַס נישט. אַנטלויפֿן מיר אַזוי, שרײַט מען, אַז מיר גנבֿענען די גרענעץ. ווילן מיר שוין בלײַבן אויף צרות, באַשולדיקט מען אונדז, אַז מיר ווילן לעבן. ענדלעך, ווילן מיר שוין שטאַרבן, הייסט עס אַז מיר זײַנען בונטאָווטשיקעס און מיר שמאַכטן אין קראַטעס[207]. ניין, ברידער, עס איז שוין נישט צום אויסהאַלטן פֿון די פֿרעמדע שטיפֿמוטערס, און עס איז די עכסטע צײַט פֿאַר אונדזער פֿאָלק זיך באַשטרעבן צו ווערן זעלבסשטענדיק און אַלע אונדזערע בעסטע קראַפֿטן פֿאַרווענדן ליבער פֿאַר אונדזער פֿאָלק און אונדזער אייגן לאַנד.

*הוסט. גייט צו צום באַראָן.*

[206] אויסבילדן, לערנען, שטודירן
[207] עס מיינט – אין טורמע

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 11*

פעשקאָוו: יאָ, ווי קומט מען אָבער צום אייגענעם לאַנד? עפּעס אַזוי לײַכט טוט עס זיך ווי ס׳רעדט זיך? אַ קונסט צו בויען לופֿט־שלעסער און חלומען זיסע חלומות.

רחל: פֿאַר וואָס זענט איר אַזוי שלעכט צו זען ווי אונדזער עלנט פֿאָלק אומברחמנותדיק[208] איז באַרויבט פֿון זײַן מאַטעריעלן און גײַסטיקן פֿאַרמעגן, קומט איר און נאָך אזוינע ווי איר, בײַ אים רויבן זײַן לעצט ביסל טרייסט און האָפֿענונג. איז דען אונדזער לאַנד אָנגעזאָגן, ווי סדום און עמורה, אָדער פֿאַרשיט געוואָרן ווי גערקולאַן און פּאָמפּעוס, וואָס מע דאַרף דינגען פֿרעמדע אַרבעטער כּדי אויסצוגראָבן זייערע אוצרות? קענט איר דען דענקען, אַז דער מלאך־טובֿ פֿון דער צוקונפֿט וועט ברענגען די גוטע בשׂורה פֿון באַפֿרײַיונג פֿאַר אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער, נאָר פֿאַר אונדז ניט? לאָזן נאָר פּרוּוון אויפֿשטיין און אונדזערע גרויסע געלערנטע, קינסטלער, פּובליציסטן, דאַקטיסטן[209] און אונדזערע געשעפֿטס־לײַט[210], וואָס גליט נאָר אין זיי אַ פֿונק ייִדישקייט, וועלן זיך ברידערלעך פֿאַראייניקן צוזאַמען, ווי לײַכט וואָלטן זיי געקענט אָפּקויפֿן אונדזער שטיקל נחלה, און באַזעצן אונדזערע היימלאַנדסלאָזע[211] ברידער. זוכט וואָר, דר׳ באַראָן, איר זענט דאָך אַ פּעלקער־פֿאָרשער און אַ גרויסער פּאָליטיקער. מיר אַפּעלירן צון אײַער אומפּאַרטעיִשן ראַט און איר דאַרפֿט אונדז ניט אָפּזאָגן[212].

פעשקאָוו: לויט[213] מײַן מיינונג, אָפּצוקויפֿן אַ פֿאַרלוירן לאַנד, וואָס איז באַרויבט, איז נאָר אַן אײנפֿאַכע קאָמערציעלע ספּעקולאַציע. אַ לאַנד קויפֿט מען אָפּ, אַ פֿאַרלוירן לאַנד, דאַרף מען צוריקטרײַבן דורך אַ רעוואָלוציע בײַ אַ גינסטיקער צײַט און געלעגנהייט. די רעוואָלוציע מוז אָבער נישט פֿאָרקומען אויף דער זעלבער טעריטאָריע ווי דאָס לאַנד געפֿינט זיך. דאָס פּראַקטישע איז צו גרינדן אין פּאַלעסטינע פֿאַרשיידענע זעלבסט־אינסטיטוציעס, ווי אַ צענטראַל אָרט פֿאַר דער דאָרטיקער געבילדעטער יוגנט, וואָס וועלן זיך אײַנאײגענען די לאַנדסשפּראַך, זײַן באַלאַנדערט[214] אין אַלע געאָגראַפֿישע פּונקטן פֿון דעם לאַנד, און ווען עס וועט קומען די צײַט, ווען די טערקישע געבילדעטע יוגנט וועט זיך אויך רעוואָלטירן אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך דעם דעספּאָטישן יאָך, דאַן וועט די דאָרטיקע ייִדישע יוגנט אויך קענען אויפֿהייבן די פֿרײַהייט־פֿאָן, און ניט וואַרפֿן אײַן די העלדן אַרויספֿאָדערן זייער גערעכטלעך היימלאַנד, פֿאַר[215] אַלע אונדזערע גלייבנס־ברידער

---

[208] א״כ – אונערבאַרעמלעך

[209] אומפּאַרשטענדלעך וואָס דאָס מיינט. עס קען זײַן אַ טעכנישער פֿעלער – דאַנטיסטן

[210] א״כ – געלטקעניקע

[211] א״כ – היימאַטסלאָזע

[212] א״כ – אַנטזאַגען

[213] א״כ – נאָך

[214] עס מיינט – וועט זיך באַזעצן

[215] א״כ – וועגן

### *אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 12*

פֿון פֿאַרשיידענע לענדער בלײַבן געטרײַ זייערע רעגירונגען און קעמפֿן דאָרט יעדער פֿאַר זײַן לאַנד, ווו ער וווינט. נאָר שטענדיק[216] שטייען פֿאַרטיק בײַם ערשטן סיגנאַל פֿון דאָרטן זיך אָנרופֿן מיט אַ מאַטעריעלער און פֿיזישער הילף, זיי צושיקן געלט אין זשענעווע אונדזערע סטראַטעגן[217], וואָס האָבן געוויזן זייער בילדונג אין ציוויליזירטע לענדער און דאַן – איז דער זיג געוווּנען.

רחל: דערפֿאַר, ברודער, האָבן מיר ניט וואָס מורא צו האָבן. וואָס אַלע מוסר־ספֿרים, דרשות פֿון די גרעסטע רבנים האָבן נישט געקענט ווירקן אויפֿצוהאַלטן דעם ייִדישן גײַסט אין דעם ייִדן, ס׳וועט קומען גאָר אַ קליין שייגעצל מיט אַ רויט העמדל און וועט אים דערמאָנען, אַז ער זאָל זיך ניט פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייִד! *(עס קומט פֿון דער רעכטער זײַט אַ מאַן, זיך פּאַטאָגראַפֿירן. פּעשקאָוו רעדט מיט אים און פֿירט אים אַרונטער הינטערן פֿאָרהאַנג).*

נחמיה: עס איז צײַט, הער באַראָן, אַרײַנגיין אין אונדזער לערן־צימער[218], פֿאָרזעצן אונדזערע העברעיִשע שטודיעס. צמחל, קום מיט אונדז, וועסטו הערן ווי מײַן תּלמיד איז אַ מתמיד און האָט פֿאָרשריטן געמאַכט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

באַראָן: אַ רבי מוז גיין פֿאָרויס. *(אַלע דרײַ זענען אַרויף אויף די טרעפּ. רחל – אין דער הינטערשטער טיר).*

### *פֿון רעכטס קומען אָן*

שץ: *(אין באַגלייטונג פֿון פֿעליקס)* וואָס זשע מאָראָטשעסטו מיר מײַן קאָפּ. גיי רעד דו אַליין מיט איר איבער! וואָס טוסטו גאָר אין גאַנצן דאָ? דײַן פּאַפּאַשע וועט געוויר ווערן וועט ער אונדז אַלע איבערקערן.

פֿעליקס: בראַוואָ! כ׳האָב אַ רעוואָלווער, איך שיס. ער האָט זיך דערשראָקן, אַז איך האָב אויף אים אַ געשריי געטאָן, און די ערד דרייט זיך דאָך!

שץ: שלעכט האָסטו געטאָן. דו דאַרפֿסט ניט שרײַען אין דער ערד!

פֿעליקס: וואָס איז? איך טאָר נישט גיין צו מײַנע ראָדסטוועניקעס[219]? נחמיה איז אַ מאָל געווען מײַן רבי

---

216 א״כ – אימער

217 א״כ – סטראַטעגיקער

218 א״כ – שטודירצימער

219 פֿאַרצויגן פֿון רוסיש – קרובֿים, משפּחה, אייגענע

*אינעם כתב־יד - זײַטל 13*

און האָט מיך ליב געהאַט. און ראַכיל! ווי רופֿט איר זי פּאָ יעווריייסקי? ראָ... ראָכעלע?

*שץ:* וואָס מיר רחלע? ווו זענען ערגעץ דײַנע פֿערדלעך? איך קוק דיך אָן און איך דערקען דיך גאָר ניט. עפּעס ביסטו געוואָרן גאָר ערנסט. בלאַס... ווו איז ערגעץ דײַן פֿרעכקייט? וואָס איז מיט דיר?

פֿעליקס: דיאַדיאַ, ביסט זיך אַ גוטעטשקער ייִדליק. כ׳וועל דיר זאָגן ווסיאַ פּראַוודאַ[220] איך האָב ליב רחלען.

*שץ:* אַ ווונדער צי דו האָסט ליב. אַ וועלכעס מיידל האָסטו דען נישט ליב? דו האָסט דען מער צו טאָן וויי, ווי ליב צו האָבן מיידלעך. און פֿערדלעך האָסטו געגנוג!

פֿעליקס: ניין, ניין, דיאַדיע, זאָגט עס ניט. איך קען אײַך ניט אָביאַסניאַיען[221] אַזוי גוט. עפּעס זינט ר... רחלע איז אַרײַן צון אונדז אין שטוב, ווייס איך אַליין ניט וואָס מיר איז געוואָרן. עפּעס איז זי ניט ווי יענע, וואָס האַלדזען מיך, קושן מיך, טרינקען מיט מיר, טאַנצן מיט מיר, זיי האָבן זיך מיר צו געניסן. זי וויל אויף מיר ניט קוקן, לאָזט אַראָפּ אירע אייגעלעך, אַזוי אומעטיק, זי ווײַנט אַזוי שיין און שווײַגט אַזוי זיס... און ווען איך טראַכט וועגן[222] איר ווער איך אויך אַזוי אומעטיק און פֿיל עפּעס אָט דאָ... וואָס מיר עסן, וואָס מיר פֿערד?... אין דר׳ערד, אין דר׳ערד...

*דער ווײַטערדיקער אָפּשניט איז אויסגעמעקט*

~~*שץ:* ער איז~~ גוט אָפּגעקאָכט!

פֿעליקס: האָ, מאָן אַמור. דײַנע שיינע אויגן, דײַן שיינער שטערן, דו ביסט מיר דאָ...

*שץ:* פֿון אַ וואָסער בוך האָסטו עס אויסגעלערנט?

פֿעליקס: ס׳איז מײַן אייגנס. איר לאַכט פֿון מיר, דיאַדיע, אַזוי קאַלט, און דאָ ברענט מיר אַזוי דאָס האַרץ. כ׳האָב מורא, איך זאָל ניט פֿאַרברענט ווערן.

*שץ:* עס שאַט ניט, אויב דו ביסט אַסיקורירט, מעג עס ברענען!

פֿעליקס: דיאַדיע, אַז זי וועט ניט זײַן מײַנע, האָב איך מורא, אַז איך וועל זיך שיסן.

*שץ:* זאָל איך אַרײַנרופֿן אַ פּריסטאַוו[223]?

פֿעליקס: דיאַדיע! איך וויל זי זען, מיט איר רעדן, זי איז בעסער פֿון אײַך, זי לאַכט ניט פֿון מיר.

*שץ:* נו, גיי זשע, רעד מיט איר אַליין. ~~וואָס ווילסטו פֿון מיר?~~

*ביז דאָ איז דער אויסגעמעקטער אָפּשניט*

פֿעליקס: איך ווייס, זי וויל איך זאָל קענען לערנען פּאָ יעווריעיסקי ווי אַלע ייִדלעקעס. איך וועל איר צוזאָגן

---

[220] קאַליע רוסיש – דער גאַנצער אמת
[221] קאַליע רוסיש – דערקלערן
[222] א״כ - פֿון
[223] רוסיש – אַ געגנט־פּאָליציאַנט

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 14*

צו לערנען חומש מיט קאַשע, צו עסן שבת־קאַווע כלה, צו גיין אין דער סינאַגאָגע און שרײַען מיט אַלע ייִדלעקעך – אײַ־אײַ־יאײַ!

שיך: נו, ביסט דאָך אַ פֿאַרטיקער ייִד.

פֿעליקס: יאָ, אַ ייִד!...

שיך: יאָ, אַ ייִד־דיאָט! גיי נאָר אַרײַן צון איר, זי וועט דיך שוין ליב האָבן. *(פֿעליקס איז אָפּ)* אַזאַ תּכלית האָבן מײנסטנס פֿון אונדזערע משׂכּילים געמאַכט פֿון זײערע קינדער. זײ, די העברעיער האָבן זי פֿאַרבאָטן, געטויט אין די קינדער די העברעיִשע שפּראַך, און דערנאָך אַליין געשריִען, אַז זי איז אַ טויטע שפּראַך. זיי האָבן אַליין די קינדער פֿאַרגויִישט און דערנאָך געשריִען, אַז דאָס ייִדנטום גייט צו גרונט. און וואָס איז שולדיק דאָס קינד?...

נעכע: כ'וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן. גיי נאָר, זע, וואָס האָט זיך געטראָפֿן. פֿעליקס איז געשטאַנען און האָט עפּעס גערעדט מיט רחלען. פּלוצלינג איז אים די פֿיס, מישטיינס געזאָגט, אונטערגעהאַקט געוואָרן און ער האָט אַ פֿאַל געטאָן אויף די קני, עפּעס ווי אַ חולה־נופֿל *(שרײַט אויס און קלאַפּט זיך אין מויל)*. איך האָב אים געהייסן באַשמירן מיט שפּײַעכץ די ליטקעס. ווייל ער ניט. גיי נאָר דו אַרײַן, זע וואָס דאָס איז, צי דאַרף מען רופֿן אַ דאָקטער.

שיך: *(אַרויסגייענדיק)* בהמה[224] דאַרף קיין דאָקטער ניט. ער לערנט זיך צו זײַן אַ ייִד און פֿאַלן כּנעים. אָט וועסטו זען ווי ער וועט אַליין אויפֿשטיין. *(ביידע אָפּ אין רחלס צימער, לינקס)*

*פֿון רעכטס קומט אַרײַן*

פּאַוועל: *(קוקט זיך ארום)* ניטאָ קיינער. מײַן תּכשיט איז געוויס בײַ איר. אויף אַזאַ אָ אומגליק האָב איך מיך ניט גערעכנט. מײַן ערשטער פּלאַן איז נישט געראָטן. איך האָב זיי דערווײַטערט פֿון דער שטוב, כאַפּט ער זיך אַרויס צון איר אָן מײַן וויסן. איך מוז נאָך אויספּראַווען[225] דעם פּלאַן, מיט אַ בן־ייִד מוז מען גיין מיט גוטן.

פֿעליקס: *(גייט אַרויס פֿון רחלס צימער, פֿון לינקס, דערזעט דעם פֿאָטער און בלײַבט שטיין פֿאַרלעגן)* האָ, פּאַפּאַשע...

פּאַוועל: וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן פֿאַר מיר, מײַן טײַערער סינאָק? ווייסט דען נישט, אַז דײַן טאַטע האָט דיך ליב ווען דו פֿאָלגסט אים? איך ווייס וואָס דו טוסט דאָ, - האָסט ליב ראַכילען. אַבי דיר מאַכט פֿאַרגעניגן, בין איך צופֿרידן. ווען האָב איך זיך געמישט צו דײַנע מיידלעך? און וואָס איז זי ערגער פֿון אַנדערע?

---

[224] א״כ - בהמהמען

[225] דאָ - פֿאַרריכטן

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 15*

פֿעליקס: פּאַפּאַשע, זי איז בעסער פֿון אַנדערע קאָזי[226], נאָר זי האָט מיך אָבער ניט אַזוי ליב ווי די אַנדערע.

פּאַוועל: דאָס זאָל דיך ניט אַרן. לאָז זי נאָר דערפֿילן דעם גרויסן נדן, וואָס איך וועל דיר געבן, וועט זי באַלד לויפֿן מיט דיר חתונה האָבן. אָט וואָס האָב איך דיך געזוכט, איך זאָל דיר זאָגן, אַז איך האָב באַקומען אַ בריוו פֿון אונדזערע אָדעסער קאָמיסיאָנערן, אַז דאָרטן איז שרעקלעך, ס׳איז אַ רעוואָלוציע און קיינער איז ניט זיכער מיט זײַן פֿאַרמעגן. דו ווייסט דאָך, אַז אונדזער גאַנץ קאַפּיטאַל איז דאָרט פֿאַרשטעקט בײַ די ייִדן און פּריצים. מוזסטו אויגנבליקלעך פֿאָרן אַהין מיט דעם ערשטן צוג און אײַנקאַסירן אונדזער קאַפּיטאַל, ווײַל עס שטייט אין אַ געפֿאַר. אַז דו וועסט עס ברענגען צוריק, דאָס איז דאָך דײַן גאַנצער נדן. נו, וועלן מיר באַלד פּראַווען אַ וועסעליע[227]. זעסט, וואָס פֿאַר אַ פּאַפּאַ דו האָסט? וואָס, האַ?

פֿעליקס: יעי באָגו[228], פּאַפּע, אַז דו זאָגסט ניט קיין ליגן... *(פֿאַלט אים אויפֿן האַלדז און קושט אים)* טײַערער פּאַפּאַ!

פּאַוועל: נאָר ניט פֿאַרלירן קיין צײַט, דער צוג גייט אין דרײַ פֿערטל שעה אַוועק. קום, פּאַקעווע זיך אײַן, מאַך דיך פֿאַרטיק.

פֿעליקס: פּאַפּאַ, איך וויל מיך געזעגענען מיט איר און איר דערציילן...

פּאַוועל: ניין, מײַן קינד, וועסט קאַליע מאַכן... מיר וועלן בעסער[229] מאַכן שפּעטער אַן איבערראַשונג. זאָלסט מיר באַלד שרײַבן וואָס דאָרט טוט זיך און נישט צוריקקומען ביז איך וועל דיר ניט הייסן. נו, קום, קום שנעלער! *(ביידע אָפּ)*

נחמיה: *(מיטן באַראָן קומען אַראָפּ פֿון די טרעפּ, רעדנדיק)* מיר האָבן אײַך צו פֿיל פֿאַרהאַלטן, נאָר דערפֿאַר וואָס איר שיידט זיך פֿון אונדז[230], בעט איך אײַך נאָר איין זאַך, - איר זאָלט מיך ניט האַלטן פֿאַר אַזאַ טרוימער און שווערמער[231], ווי איך ווײַז אײַך אויס. איך בין לײַדנט אין מײַן איינציקער טרייסט, מײַן לעבנס־אָטעם איז מײַן אידעאַל, און ווי אַ מענטש, וואָס ער טרענקט זיך, פֿרייט אים אויך נאָר די סעקונדע, דאָס שטרויעלע[232], וואָס ער רײַסט זיך אין איר אָן. ווי מער קען מיך פֿרייען דער מאָמענט, וואָס דער צופֿאַל האָט מיר צוגעשיקט אַ מענטשן־פֿרײַנדלעכע האַנט. טאָרט איר אַזאַ האַנט צוריקציִען?

באַראָן: *(דריקט זײַן האַנט)* מײַן האַנט ליגט שוין לאַנג אין אײַערער, און איך בין גרייט[233] אײַך דאָ צו שטיין אַזוי ווײַט, ווי מײַן מעגלעכקייט וועט מיר דערלויבן. איך האָב באַשלאָסן אפֿילו[234] אײַך צוגרייטן[235] אַ ווילע הינטער דער שטאָט, ווו די פֿרישע לופֿט וועט אײַך קרעפֿטיקן.

---

[226] דער כתבֿ איז ניט קלאָר, עס זעט אָבער אויס ווי ״קאָזי״, מערצאָל פֿון ״קאָזאַ״ - אַ ציג

[227] רוסיש - אַ שׂימחה, אַ פֿײַערונג

[228] רוסיש – אין גאָטס נאָמען

[229] א״כ - ליבער

[230] א״כ - איר נעמט אַפּשיד פֿון אונז

[231] אומפֿאַרשטענלעך וואָס דאָס באַדײַט

[232] א״כ - די שטרוי

[233] א״כ - בערײַט

[234] א״כ - זאָגאַר

[235] א״כ - פֿאָרבערײַטען

*אינעם כתבֿ־יד - זײַטל 16*

נחמיה: נישט די הילף האָב איך פֿון אײַך געוואַרט[236]. איך פֿאָדער אײַער גײַסטיקע הילף. איך דאַרף, אַז אײַער נשמה[237] זאָל ירשענען דעם גײַסטיקן אוצר, וואָס איך וועל אײַך איבערלאָזן נאָך מײַן אָפּלעבן. איר זעט ווי איך בין ערנסט קראַנק און וועל לאַנג ניט לעבן[238].

באַראָן: נאָר ניט פעסימיסטיש. אַ סך[239] שווערערע פֿון אײַך לעבן איבער אַ סך געזונטע.

נחמיה: איר זענט מיר געקומען צו רעכטער צײַט. אויף מײַן פֿיזישן אָרגאַניזם לייג איך ניט קיין סך אַכט[240], איך האָב מײַן גוף נאָר געהאַלטן פֿאַר אַן אַרון־קודש צו באַהאַלטן אין אים די קדשי־קדשים פֿון מײַנע הייליקע געפֿילן – די טײַערע אוצרות פֿון מײַנע זכרונות[241] און האָפֿענונגען. די ליבע צו מײַן אומגליקלעך געמאַרטערט פֿאָלק און זײַן בטחון אויף אַ בעסטער צוקונפֿט איז געווען שטענדיק מײַן אידעאַל. מײַנע געדאַנקען זענען געווען באַשעפֿטיקט מיט געפֿינען אַזאַ וויכטיקע פערזאָן, וואָס זאָל קענען ממשיך זײַן[242] הייליקע מיסיעס[243], נאָך מײַן אָפּלעבן.

*דער ווײַטערדיקער אָפּשניט איז אויסגעמעקט*

~~דער געדאַנק האָט~~ מיט דער צײַט געבוירן אין מיר די האָפֿענונג, די האָפֿענונג פֿאַר אַ בטחון, און דער בטחון, די נבֿואה און די באַגײַסטערונג פֿון דער קולטור פֿון אַלע נאַציעס, די פערזאָן דאַרף זײַן פֿיזיש געזונט צו באַזיצן די קראַפֿט אַרײַנצובלאָזן דעם פֿרישן נאַציאָנאַלן גײַסט אין אונדזער פֿאַרנאַכלעסיקטן פֿאָלקס־אָרגאַניזם, אים אויפֿלעבן ~~צו אַ נײַ לעבן.~~

*ביז דאָ דער אויסגעמעקטער אָפּשניט*

דאָס בילד פֿון מײַן באַגײַסטערונג האָט זיך לאַנגזאַם לאַנגזאַם איבערגעצויגן מיט פֿלייש און אָדערן, און שטייט אין דער ווירקלעכקייט פֿאַר מיר לעבעדיק אין אײַער פערזאָן!

באַראָן: איר האָט, מײַן ליבער פֿרײַנד, וואַרשײַנלעך שוין פֿאַרגעסן מײַנע ערשטע ווערטער בײַ אונדזער ערשטער באַגעגענונג, אַז איך בין גרייט מיט לײַב און נשמה אײַך בײַצושטיין, און אַז איך בין אַן אייבערפֿרײַנד פֿון אײַער ראַסע, און צייל מיך ניט צווישן אײַערע גלויבנס־ברידער.

נחמיה: אַזוינע קליינע הונדערטסטע ***[244] האָבן ניט געהאַט די קראַפֿט צו פֿאַרצאַמען דעם וועג

---

[236] א״כ - ערוואַרטעט
[237] א״כ - זעעלע
[238] א״כ - און האָב לאַנג ניט צו לעבן
[239] א״כ - פֿיעלע
[240] א״כ - אַכטע איך ווייניג
[241] א״כ - ערינערונגען
[242] א״כ - פֿאָרטזעטצען
[243] א״כ - מיסיאָנען
[244] איין וואָרט איז ניט לעזבאַר

*אינעם כתבֿ־יד – דאָס זײַטל איז ניט נומערירט און איז ניט קיין המשך פֿונעם פֿריִערדיקן.*

באַראָן:

... וואָס מײַן וועלטאַנשויוּנג איז אַ סך גרעסער, אויסגעביינטער ***[245] – צו אַרבעטן פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט, בעת אײַערע אַנשויוּנגען זענען באַגרענעצט אין אַ קליינער ראַם פֿון אײַער נאַציאָנאַליטעט און אַבעט נאָר פֿאַר אײַער פֿאָלק.

נחמיה: די מענטשהייט צו פֿאַרבעסערן איז אַ וויכטיקע, אָבער אַ שווערע אויפֿגאַבע. מיר מוזן דערווײַל לאָזן אַנדערע מער גליקלעכע פֿעלקער, וועלכע האָבן מער צײַט, וועלכע האָבן אַ פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַכט, וועלכע באַזיצן רויִק אײַן זייער אייגן היים מיט זייערע געטרײַע גלויבנס־ברידער, אַלע צוזאַמען, יעדער אונטער זײַן נאַציאָנאַלן דאַך. און זייער שטים ווערט אָנגענומען אינעם אַלגעמיינעם וועלט־קאָנצערט. אָבער אונדזערע צעוואָרפֿענע ברידער זענען נאָך אַליין נישט פֿאַרזאָרגט. מיר זענען נאָר ניט־געבעטענע טאָלערירטע שכנים. מיר זענען די פֿאַריער פֿון דער מענטשהייט!... מיר זענען אַזוי קליין בײַ דער וועלט אין די אויגן, אַז מע פֿרעגט אונדז קיין דעה נישט. און ווען מיר זאָגן אַ קלוג וואָרט, וויל מען אונדז ניט הערן. ווי אַזוי זשע קענען מיר מיטאַרבעטן מיט אײַך, אַנדערע, אַז מיר ווערן שטענדיק געטריבן פֿון אָרט צו אָרט, און ווען אונדז באַוועליקט אַנידערזעצן זיך אין אַ רויִק ווינקל, ווערן מיר געשטערט פֿון די האַרץ רײַסנדיקע געשרייען און ביטער געוויין פֿון אונדזערע דערמאָרדעטע ברידער, און ציטערן יעדע מינוט פֿאַר אונדזער אייגן לעבן, אַז יענע גליקלעכע זאָלן אויף אונדז ניט אָנפֿאַלן. דערפֿאַר מוזן מיר פֿאַר אַלעמען זיך באַשטרעבן צו באַזעצן אונדזערע געניעלע נע־ונד־ברידער אין זייער אייגענער רויִקער היים, ווו זיי וועלן אויך קענען דאָרט אַרבעטן מיט דער גרעסטער מוט און פֿלייס, ווי אַלע אַנדערע, פֿאַר דעם פּראָגרעס פֿון דער גאַנצער מענטשהייט.

באַראָן: איך גלייב, די לאַגע פֿון אײַער פֿאָלק און זײַנע האָפֿענונגען קענען פֿאַרלויפֿיק מײַן האַרץ אַזוי טיף ניט באַרירן, ווי אײַערס. אין מײַן גײַסט קען איך ניט זען די וויזיע וואָס איר זעט, דאָך בין איך מיט דער גרעסטער פֿאַרטיקייט גרייט אײַך מיטצוהעלפֿן לויט מײַן מעגלעכקייט. אײן זאַך מוז איך אײַך באַשטיין, אַז פֿון איצט אָן וועל איך מיך מער ווי פֿריִער באַשטרעבן צו לופֿטן דעם ענין פֿון מײַנער מיסטעריעזער געבורט, אויף וועלכער איר האָט מיך אויפֿמערקזאַם געמאַכט. מיר מוזן וואַרטן ביז איך וועל גרונטלעך נאָכפֿאָרשן מײַן פֿאַרגאַנגענהייט, דערנאָך וועל איך באַשליסן[246] צי שטייט מײַן לעבן אין קאָנטאַקט מיט אײַערע ווונטשן און לעבן.

נחמיה: דיר צו פֿיל...

*סוף פֿונעם אויסגעמעקטן אָפּשניט און פֿונעם ניט־נומערירטן זײַטל*

---

[245] איין וואָרט איז ניט לעזבאַר

[246] א״כ - זען פֿון מײַן לעבן צו שליסן

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל 17 און דאָס איז דער המשך פֿונעם זײַטל 13*

נחמיה: אַזוינע קליינע הונדערטסטע ***[247] האָבן ניט געהאַט די קראַפֿט צו פֿאַרצאַמען דעם וועג פֿון גרויסע גײַסטלער, וואָס מוזן זיך באַגעגענען און זיך פֿאַראייניקן כּדי אויסצופֿירן אַ גרויסע מיסיע אין דער וועלט. האָט איר אײַך ניט געשטעלט די פֿראַגע – ווי קומט עס וואָס מיר האָבן זיך פּלוצלינג באַגעגנט? וואָס און ווער האָט אײַך געפֿירט גראַדע אין דער שטאָט צו זײַן דער שליח צו ראַטעווען אַ מיידל דאָס לעבן? וועלכע איז גראַדע מײַן שוועסטער? פֿאַר וואָס בײַ אונדזער ערשטער באַגעגענונג זענען מירביידע פֿאַרציטערט געוואָרן, ווי בלעטער פֿון אַ בוים, וואָס ציִען די זאַפֿט פֿון איין וואָרצל? ווער וועט זאָגן, אַז דאָס איז אַ צופֿאַל? ניין, דאָס איז מער פֿון אַ צופֿאַל, דאָס איז איינע פֿון די געהיימע נאַטור־געזעצן, דאָס מיסטעריעזע פּראָבלעם פֿון ספּיריטיזם, וואָס דער שוואַכער מענטש וועט זיך נאָך לאַנג קווען מיטן ענטפֿער[248]. דאָס זענען די אינזיכבאַרע צאַרטע פֿעדעם אין דער פּלאַנעטן־וועלט, וואָס בינדט צונויף פֿאַרשיידענע גײַסטער, דאָס איז דער טעלעגראַף אָן דראָט, דורך וועלכע עס קאָרעספּאָנדירן צווישן זיך די נשמות, וואָס זוכן זיך צו באַגעגענען און געפֿינען זיך ענדלעך יאָ.

*דער ווײַטערדיקער אָפּשניט איז אויסגעמעקט*

~~און איצט, ווען~~ מיר זענען שוין אַזוי נאָענט באַקאַנט, וואָס וווּנדערט אײַך מיר צו אַנטדעקן צו וועלכער ראַסע איר געהערט און ווער זענען געווען אײַערע עלטערן.

באַראָן: דער אַלטער באַראָן הוידענשטעטער האָט מיר פֿון קינדהייט אָן דערציילט פֿאַר וואָס איך רוף אים פֿעטער[249] און נישט פֿאָטער. האָט ער נישט געפֿונען פֿאַר נויטיק מיר דערקלערן און, מעגלעך, איך האָב נישט געוואַגט בײַ אים אויספֿאָרשן. ער האָט מיך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און ניט געשפּאַרט בײַ גרעסטע אומקאָסטן מיר געבן, אַ הויכע בילדונג, און מיך צוגעגרייט צו ***[250] גרעסטע שטאַטסמענער, וואָס די רעגירונג שטיצט זיך אויף זיי. איך האָב אויך, מײַן פֿרײַנד, דעם זעלבן גורל[251] וואָס איר. אין אידעאַל איז אויך געווען אויפֿצוטאָן עפּעס גרויס, נוצלעכס פֿאַר דער לײַדנדיקער מענטשהייט. מײַנע געדאַנקען זענען אויך געווען באַשעפֿטיקט מיט אויפֿצוזוכן אַן אינטעליגענטן מאַן, איך זאָל קענען זיך טיילן[252] מיט אים מיט מײַנע מיינונגען און געפֿילן, און איך האָב אײַך געפֿונען. נאָר אין איין זאַך זענען מיר מיט אײַך פֿאַרשיידן, וואָס די לאַגע פֿון אײַער פֿאָלק און זײַנע האָפֿענונגען קען מײַן האַרץ נאָך ניט אַזוי טיף דערגרייכן, ווי אײַערס. און מײַן גײַסט קען נאָך ניט זען די וויזיע ווי איר זעט זי. באַזונדער בין איך מיט דער גרעסטער פֿאַרטיידיקונג גרייט אײַך מיטצוהעלפֿן.

---

[247] איין וואָרט איז ניט לעזבאַר
[248] א״כ - צו ענטרעד לאָזען
[249] א״כ - אָנקעל
[250] איין וואָרט איז ניט לעזבאַר
[251] א״כ - שיקזאַל
[252] א״כ - וועקסלען

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל 18*

נחמיה: דער צופֿאַל, וואָס האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט, וועט מוזן זײַן אַרבעט פֿאַרענדיקן[253]. איך בין זיכער, אַז איר וועט מיר שטיין צו רעכטער האַנט אויף דעם הויכן באַרג פֿון מײַן פֿאָלקס־האָפֿענונג און וועט זען זײַן ווידעראויפֿלעבן. האָ, איר האַלט מיך ניט פֿאַר קיין טרוימער? איז דען אונדזער גאַנץ לעבן נישט ווי אַ טרוים? לעבט דען נישט יעדער מענטש איבער בעת זײַן חלום ווי זײַן מזל פֿאַלט אויס צו גוטן צי אַ שלעכטן? ניין, איר קענט ניט זײַן אַזוי שלעכט פֿון דעם שוואַכן מענטשן אַוועקנעמען זײַן שטיצע. דאָס ביסל האָפֿענונג אין זײַן גלויבן אין דער צוקונפֿט. אײַ, ווי גוט איז פֿאַרן אומגליקלעכן דאָס גלויבן. עס מעג זײַן ניט וואָר, און זײַן האָפֿענונג, זי מעג זיך אַפֿילו ניט פֿאַרווירקלעכן. מײַן פֿאָלק איז ניט טויט. ער לעבט, נאָר ער לײַדט צו פֿיל, צו פֿיל...

רחל: מײַן טײַערער ברודער שטרענגט זיך צו פֿיל אָן. קום, דערפֿריש זיך צו דער צערשטרויונג[254], וואָס מיר גרייטן דיר פֿאָר. עס וועט דיך דערמוטיקן. און איר, הער באַראָן!

באַראָן: און איך וועל גיין פֿאָרלויפֿיק צוגרייטן[255] די ווילע, ווו די געזונטע לופֿט וועט אײַך אַ סך קרעפֿטיקן, און אײַערע געטרײַע שוועסטער וועט וואַכן איבער אײַער געזונט־צושטאַנד. אַדיע, מײַנע ליבע פֿרײַנד! *(זיי באַגלייטן אים אַרויס).*

שיך: *(מיט נעכע קומען אַרויס פֿון דער טיר, פֿון לינקס)* יאָ, קינדער, גרייט זיך צו צום אָוונט. דו, רחלע, מאַך פֿאַרטיק עפּעס צוצובײַסן. די מומע נעכע וועט דיר העלפֿן. און דו, נחמיה, לייג אַוועק די אַרבעט, וואַש זיך אַרום און דערפֿריש זיך. איך וועל דיר ברענגען מײַנע קליינע תּלמידימלעך, די נײַע מכבי׳עלעך, ווי דו רופֿסט זיי. דאָס איז דאָך דײַן ***[256] און וועסט זיי דרשהנען, און זיי וועלן דיר זינגען. איך וועל דערווײַל דאָ צוראַמען די געצײַג און מאַכן מער פּלאַץ. *(אַלע גיין אַרײַן אין צימער. שיך באַשעפֿטיקט זיך מיט אַוועקראַמען די פּילדען און טישלעך, זיי שטעלן אין אַ ווינקל. אין דער צײַט, רעכטס, קומען אַרײַן אָלגאַ מיט דער מוטער, פֿערן בײַ די הענט אַ בײַציקל. אָנגעטאָן אין ברייטע הויזן און מענער־היטלעך. זיי גייען צו צו פּאַשקאָוון).*

פֿעאָדאָסיע: קען מען זיך בײַ אײַך טעלעגראַפֿירן?

~~אָלגאַ: איז נאָך צײַט זיך איצט פֿאָטאָגראַפֿירן?~~

אָלגאַ: אום גאָטעס ווילן, מאַמאַשע. לאָז מיך רעדן. איז נאָך צײַט צו פֿאָטאָגראַפֿירן?

---

253 א״כ - באַענדען

254 דער מיין פֿונעם וואָרט איז ניט קלאָר

255 א״כ - אײַנריכטען

256 איין וואָרט איז ניט לעזבאַר

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל 19*

פעשקאָוו: לײַדער, עס איז שוין צו שפּעט. איר קענט קומען מאָרגן אין דער פֿרי.

אָלגאַ: נישטאָ קיינער. איך בין נאָר נײַגעריק צו וויסן צי דער באַראָן קומט אַהער. האָ, דער פֿעטער שׂימחה... פֿעטער, איר באַלעבאַטעוועט[257] דאָ ווי בײַ זיך אין דער היים. ס'איז אײַך דאָ פֿריילעך. אײַער רחל איז שוין מער ניט פֿאַרוויינט. זי האָט איר ברודער און דער באַראָן קומט געוויס אויך אַהער צו הערן זי זינגען לידעלעך. וואָס, ניין? וואָס קוקט איר אַזוי היסטעריש?

שׂין: *(די גאַנצע צײַט מוסטערט זיי ביידע מיט די אויגן)* איך קוק ניט אויף דיר. איך קוק אויף דער ייִדענע פֿון פּונטשעווער קנאָבלעסע!

*דער ווײַטערדיקער אָפּשניט איז אויסגעמעקט*

~~דוואָסיע: איך בין~~ ניט קיין ייִדענע, איך בין שוין אַ מאַדאַם, ב״ה.

שׂין: אַ מאַדאַם! אַ קאַטשקע האָט אויך אַ פּרעטענזיע און שטאָלצירט, אַז זי געהערט צו דעם מין פֿון פֿייגל, זי זעט אָבער, אַז אָנשטאָט דאָס שיינע מײַלעכל פֿון אַ טויב, קלאַפּט צו מיט איר פּיסק אויף אַ פֿײַנער לאָנקע האָנקלעפּלעך ***[258] אָנשטאָט דער לאָנקע. שיינע פּיס פֿון אַ זשוראַוועל, טעלעפּעט זי מיט עפּעס אַ פּאָר ברייטע פֿײַפּעצעס, און זי קאַטשעט זיך ווי אַ מעוברתטע ייִדענע, און אָנשטאָט דאָס זיסע קולכל פֿון אַ קאַנאַריקל, קאַליאַקעט זי מיט איר צעדראַפּעט קול אַ גאַנצע נאַכט, ווי אַ הייזעריקע שוויגער.

אָלגאַ: יאָ, יאָ, אָבער ווען איר קומט אײַך צונויף, איז ניטאָ קיין פֿרידן צווישן אײַך.

שׂין: כ'האָב געוואָלט נעכע זאָל זי זען ווער זי זיך געוויס אַ מעשׂה אָנטאָן. נעכע, נעכע. *(נעכע קומט)* קום אַהער, זע נאָר, האָסטו (זי)[259] דערקענט? *(נעכע קומט אַרויס)* דאָס איז דײַן שוועגערין, וואָס פֿלעגסט מיט איר תּמיד גיין צו תּשליך.

דוואָסיע: קום, טאָכטער. וואָס טויג דיר רעדן מיט די קבצנים.

נעכע: כ'וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן. אַזוי גייסטו אויף דער גאַס? מיט אַ פּאָר מאַצבילשע פּלודערן? וואָס, האָסטו ניט עפּעס אַ קליידל אויף זיך? *(אָלגאַ מיט דער מוטער לאָזן אַרויס אַ בלאָז)* און ווייסט לייגן איר די רעדלעך?

שׂין: דאָס גייען זיי קאַטשען מצות אין דער בלאָטע , און דער חובֿ, דו אָביאַזאַנע[260], שעמט זיך ניט פֿאַר אונדז. דײַן שוועסטער, עליה השלום, איז געווען אַן אמתע ייִדישע טאָכטער און אַן ערלעכע פֿרומע נשמה. זע וואָס פֿאַר אַ טײַערע קינדער זי האָט דערצויגן. *(די קינדער פֿון דער תּלמוד־תּורה קומען אָן)* אָט קומען אונדזערע ייִדישע קינדערלעך. קומט, שטעלט אײַך אויס אונטערן פֿאָרהאַנג, מיר וועלן ~~אים איבערנויטן~~.

*ביז דאָ דער אויסגעמעקטער אָפּשניט*

---

[257] א״כ - ווירשאַפֿט

[258] איין וואָרט איז ניט לעזבאַר

[259] א״כ - דאָס אָ וואָרט פֿעלט

[260] רוסיש – מאַלפּע

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל 20*

*די קינדער מיט שׂימחהן אַרונטער אונטער פֿאָרהאַנג, פֿון דער זײַט פֿאָרהאַנג פֿון ביידע זײַטן זעצן זיך אויס עלטערע מענטשן און די עלטערן פֿון די קינדער און אויך פֿרעמדע משׂכּילים. בעת נחמיה קומט אַרײַן פֿון דער רעכטער טיר אין באַגלייטונג פֿון זײַן שוועסטער, הערט מען אַ קינדערכאָר פֿון אונטערן פֿאָרהאַנג. דער פֿאָרהאַנג צעעפֿנט זיך און אין מיטן, צווישן די קינדער שטייט צמח אָנגעטאָן גאַלאַ און הייבט אָן צו רעדן:*

לאחי ולרעי הנעורים היושבים לבטח בארץ מולדתם ואשר אזננהם קשובות לזעקת שבר בת עמם בעת צרה וָצעקה, להם אשה דעי למרחיק. וגם אתם אחי ואחותי היתומים האומללים אשר עינכם ראו שׂונאינו בשבט עברתם אשר הרבו, טבחו אבותיכם היקרים ואחותכם חללו חרב בראש חוצות ולא נעילו על הילָלים ויונקים אשר יקאלו בדם אימהים המדוקרים לעיניהם. לכם אקרא קומו התעוררו להדליק נר תמיד בל ביתיכם בעד נשמת הקדושים הנאדבים בחייהם. והיה הנר הזה כעמוד אש להאיר לכם הדרך החושך, נתיבות חייכם האפלת אשר תלכו בהם עד תביאו בשלום אל אדמת קדשינו. וכאם רנינן גבור חיל מימי קדם. שאו ביד  שם אלכם לפידי אש, אש אהבה לעם סגולתינו, וביד ימנכם שופרות האבל ותריעו תרועה גדולה להעיר לבית כל אחינו הצעירים בכל קצוי תבל. עד תפול חומת ברזל המבדלת בין איש ואיש ונקוה קוממיות לארצנו להרים נס הדרור והחופש על כל הר גבוה! והיה ביום ההוא ובחוצות כל עיר ועיר נראו גם בני בנהם מצבות לזכרונכם אשר תספרנה לדור אחרון מעשיכם מקדם ומיליו יקרא שמותיכם הקדושים אשר נלחמו בראש גדודות אנשי חיל מלחמת תנופה בעד הצרור והחופש, בעד אמאותנו ובעד עמנו וארצנו סלה!

*אַלע אָנוועזנדע אַפּלאָדירן*

שׂימחה שיך: די צווייטע אָפּטיילונג פֿון מײַן פּראָגראַם איז שוין מוזיקאַליש. אַנו, חבֿרה, יעדערער נאָך זײַן ריי וגם אני בתוכם.

# די גאולה

ערשטער:
ווייל (איז)[261] דעם, וואָס וועט אַ מאָל דערלעבן
זײַן בײַ דער גדולה
ווען שופֿרות וועלן סיגנאַלן געבן
צו דעם ייִדנס גאולה.
ווען צוריק וועט גאָט קיין ציון
ברענגען זײַנע קינדער,
וועלן פֿעלקער אַהין פֿליִען
צו זען דעם גרויסן וווּנדער[262].
אוי, ייִדישע קינדער, וועט דאָס זײַן אַ צײַט
ווער ס'וועט עס נאָר דערלעבן,
זי מעג זײַן ווי נאָענט, זי מעג זײַן ווי ווײַט,
מיר דאַרפֿן נאָר האָפֿן און שטרעבן.
צווייטער:
*(כאָר ווי דערפֿילט)*
דער סיני וועט צום יום־טובֿ טײַערן
זײַן פֿײַערווערק אויסניצן
מיט זײַנע ראַקעטן וועט ער פֿײַערן
מיט דונערן און בליצן.
און אַ שײַן פֿון פֿײַער־שטראַלן,
וועט מען דערזען אַ וווּנדער,
און גאָטס קול וועט דאָרטן דערשאַלן:
"כ'האָב ווידער מײַנע קינדער!"
אוי, ייִדישע קינדער... *און אַזוי ווײַטער...*

---

[261] א"כ - דאָס אָ וואָרט פֿעלט
[262] א"כ - די גרויסע ווינדער

*כאָר חזרט איבער*

דריטער:

אויף די מדבר, די אַלטע העקסע[263]

וועט זיך יום־טובֿדיק באַקליידן

מיט פֿרישע קוואַלן און געוויקסן[264]

וועט זי טראַקטירן יעדן.

זי געדענקט נאָך ווי אין איר זאַמד די זיידעס

זענען 40 יאָר געגאַנגען,

איצט האָט זי דערלעבט די פֿריידן[265]

די אייניקלעך צו עמפֿאַנגען.

אוי, ייִדישע קינדער... *און אַזוי ווײַטער...*

פֿערטער:

אַ שלום־עליכם דיר אַ ברייטער

דו, אַלטער באַאס – מצרים

קוק אָן דײַנע צוגעקנייטער

אין זייער לאַנד דעם פֿרײַעם!

אונדזערע מכּות און כוואַראָבעס,

צי קענסט זיך נאָך דערמאָנען?

האָבן מיר געמאַכט די ערשטע פּראָבעס

ווי שיין מען קנאַקט טיראַנען.

אוי, ייִדישע קינדער... *און אַזוי ווײַטער...*

פֿינפֿטער:

עפֿן גיך אויף דײַנע טירן

דו, אַלטער פֿרײַנד לבֿנון

לאָז דײַנע קינדער דורכמאַרשירן

מיט זייערע פֿרײַהייט־פֿאָנען.

---

[263] דײַטשמעריש - אַ מכשפֿה

[264] א״כ - געוועקסע

[265] א״כ - פֿריידעס

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל 22*

נו, וואָס האָפּסטו, אַלטער דידאָ[266]
נעם אין דער האַנט דײַן לירע,
זע – ישׂראל און יהודה
דיר קומען זינגען שירה.
אוי, ייִדישע קינדער... *און אַזוי ווײַטער...*
*שׂימחה שין:*
קיין שׂינאה וועט ניט זײַן בײַ קיינעם,
אויס זידלען זיך און פּאַטשן!
אַ פֿאַס ביר וועלן זויפֿן אין איינעם
פֿראַנצייזן מיט די דײַטשן.
עס וועלן שפּאַצירן וועלף מיט צאַפּעס
פֿרײַנדלעך גאַנצע אָרדעס...
און טערקן וועלן זיך מיט קאַצאַפּעס
סמאָטשיק אין די מאָרדעס.
אוי, ייִדישע קינדער... *און אַזוי ווײַטער...*
שוועלבעלעך וועלן זיך מאַכן נעסטן
אין מײַלער פֿון קאָקאָדילן,
און קעניגן וועלן מיט אַנאַרכיסטן
מיט באָמבעס אין פֿוסבאָל שפּילן,
מיט זײַן אַרבעטער אַן עקספּלואַטאַטאָר
וועט טיילן זײַן קאַסע אין גאַנצן
און מיט אַ רביצין אַ רעפֿאָרמאַטער
אַ כשר־טענצל טאַנצן.
אוי, ייִדישע קינדער... *און אַזוי ווײַטער...*
קיין לויער וועט מער ניט זאָגן ליגן,
קיין זשורנאַליסט, קיין שדכן...
פֿאָניע וועט זען אַ פּויער לײַטער ליגן

---

[266] אוקראַיִניש - זיידע

און וועט זיי ניט צעלאַדכן.

עס וועלן רינדער, שאָף און ווידער

זיך לעקן מיט ווילדע טיגערס,

און צו די איידעמס וועלן ליבע־לידער

זינגען זייערע שוויגערס!

אוי, ייִדישע קינדער... *און אַזוי ווײַטער*...

נעכע: כ׳וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן!

*אַלע אַפּלאָדירן. רחל איז מונטער און קוקט אויף איר ברודער, וועלכער זיצט פֿאַרטראַכט פֿאַרטיפֿט אין זײַנע געדאַנקען.*

*רחל טוט אַ ווונק צום עולם. די קינדער אַראָפּ פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע און שטעלן זיך אין צוויי רייען פֿון ביידע זײַטן.*

רחל: נו, טײַערער ברודער, האָבן דיך נאָך ניט צערשטרייט די פֿײַנע קינדער מיט זייער מוטיקן נאַציאָנאַלן גײַסט? דאָס איז דאָך דײַן בעסטער נחת.

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 23

## *דער ווײַטערדיקער אָפּשניט איז אויסגעמעקט*

~~נחמיה: (פֿאַרטראַכט, באַגײַסטערט)~~ עס גייען איבער אין מײַן זכרון טויזנטער פֿון אונדזערע אַמאָלעדיקע פֿאַרפֿאָלגטע געמאַרטירטע ברידער, וועלכע שטעלן אויף אַלע טאָג די אויערן צו הערן דאָס זיסע קול פֿון משיחס שופֿר, וואָס וועט זיי באַפֿרײַען פֿון דעם עלנט, און אָנשטאָט דעם דערבאַרן זיי גאָר די שרעקלעכע קולות פֿון זייערע פּײַניקער, די קרייצצוגן מיט זייער ווילד געשריי: לאָמיר אויסקוילן די יִדן! און דאָס ווילדע געשריי וועקט בײַ אומגליקלעכע אויך פֿון זייער זיסן חלום און פּלוצעם זעען זיי זיך פּנים־אל־פּנים מיט זייערע טיראַנישע מערדער. אין די אויגן פֿון די אומגליקלעכע צינדט זיך אָן מיט אַ מערקווירדיקער ליכטיקער גלאַנץ. זיי באַקומען אַן איבערנאַטירלעכן מוט, שפּאַנען צו מיט שטאָלצן טריט, זיי דענקען אויף זייער נאַקעטער ברוסט צו די שאַרפֿע שפּיצן פֿון זייער שווײַיונג שווערסטן. און ווי מוטיקע גיבורים טרעטן זיי אַרויף אויף דעם ברענענדיקן שײַטערהויפֿן אָן שרעק, נאָר מיט אַ מוטיקער שטאָלצער שטים שרײַען זיי אויס: *שמע, ישׂראל* – און שטאַרבן. *(אויפֿן פּאָן ענדערט זיך די נאַכט און עס ווערט טאָג)* און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם פֿאַרשווינדן די קולות פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, נאָך דערוואַכט ווי אין אַ חלום. די גרוי־שוואַרצע נעפּלען פֿון מיטל־אַלטער צעגייען זיך און בײַ דער העלער שײַן פֿון דער אויפֿקלערונג, איך זע אויך ווי מײַן פֿאָלק לעבט ווידער! אויף די אַלטע קבֿרים זענען אויפֿגעוואַקסן פֿרישע בלומען פֿון די נײַע דורות בײַ די שטאַרקע אייניקלעך ~~פֿון זייערע גענײַעלע זיידעס.~~

## *ביז דאָ דער אויסגעמעקטער אָפּשניט*

איך, דאָס גליקלעכע קינד פֿון דער נײַער צײַט, האָב איך ווידער געוואָלט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דאָס שוואַרצע טרויערקלייד פֿון דער אומגליקלעכער פֿאַרגאַנגענהייט און זיך אויספּוצן יום־טובֿדיק, גלײַך מיט אַלע מײַנע נאָענטע חבֿרים. די ***[267] צו דיר פֿאַר צײַט פֿונעם נײַעם פּאָרל - פֿרײַהייט און פּראָגרעס! מיר האָבן שוין אַפֿילו געהאַלטן אין די הענט די זיגפֿאָן פֿונעם טריומצוג פֿונעם לאַנג דערוואַרטן זיג פֿון דער מענטשהייט פֿאַר די טויערן פֿונעם 20 יאָרהונדערט, אַ פֿונק, ווען אַלע טישן פֿון דער גלײַכקייט זענען געווען געדעקט, ווען די בלענדנדע באַלויטונג פֿון דער פֿרייהייטס־פֿאַקעל האָט געשעמעריקט, ווען די שאַמפּאַניער־גלעזער פֿון דער ברידערלעכקייט זענען געווען אָנגעגאָסן. האָט זיך געטאָפּן אַ שרעקלעך ערייגנס[268] וואָס האָט געמאַכט שטייען אַלע געסט. אָנשטאָט וואָס מיר האָבן געוואַרטן אויף דער געטלעך שיינער כלה, אויסגעפּוצט זויבער מיט איר

---

[267] איין וואָרט איז ניט לעזבאַר

[268] דאָס וואָרט איז אומפֿאַרשטענדלעך

### *אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 24

מיט וואָס – בלויען הימל־מאַנטל, מיט אַ זיסן פֿרידלעכן שמייכל און איר ליכטיק פּנים איז זיי גאָר דערשינען, אוי וויי! מיט העסלעך פֿײַנטלעכער מינע, געבליצט מיט אַ פֿײַער בייזע טײַוולישע אויגן... געקריצט מיט אירע גרויסע שאַרפֿע ציין, ווי אַ מכשפֿה, און אירע קליידער זענען געווען רויט... פֿאַרפֿלעקט מיט פֿרישן מענטשנבלוט. שוידערהאַפֿט!!! וואָס? איז דאָס אויך אַ חלום? ניין, ניין, דאָס איז די ריינעווירקלעכקייט! ס׳איז ניט פֿינצטער, ס׳איז ליכטיק! און בײַ דער שײַן פֿון דעם געמאָנטן פֿרימאָרגן זע איך ווי זיך חזרן איבער[269] די זעלבע שוידערהאַפֿטלעכע בילדער. איך זע ווידער אַן עטאַפּ פֿון מײַנע יונגע גײַסטרײַכע ברידער געשלאָסן אין קייטן און געטריבן אין די ווײַטע שניי־סטעפּן פֿון סיביריען! איך זע ווי די אומשולדיקע פֿאַמיליען שמייכלען אין די קערקערס פֿאַר אומזיסטיקע בלבולים. ניין, ניין, ס׳איז ניט קיין חלום! איך זע מיט מײַנע אויגן אַרום מײַן קאָפּ פֿליִען און פּאַטשן מיט זייערע פֿליגל שטעקלעך־פֿאָרמאַט פֿון מײַנע צעריסענע ספֿר־תּורות! אײַ, אײַ, עס שפּריצט מיר אין פּנים אַ פֿאָנטאַן פֿון הייס־זידנדיק בלוט פֿון מײַנע פֿריש דערמאָרדעטע ברידער, שוועסטער, טאַטעס, מוטערס און פּיצל קינדער!... האַ? וואָס איז זיי די צוואַנציק טויזנט יאָריקע געטין הומאַניטעט, וואָס האָט אונדז אַלע אָרעמע אונטערדריקטע געטרייסט און געהייסן גלייבן אין אַ גלענצדיקער צוקונפֿט? וואָס שווײַגט זי איצט? פֿאַר וואָס שרײַט זי אָם ווייניקסטן ניט כאָטש אויף די טיראַנען בלוטזויגערס, וואָס פֿאַרשאַפֿן אַ בושה איר ראַסע[270]. וואָס? זי ליגט פֿאַרשיכּורט, די בולערין[271] און די אָרעמע אירע ריינע ליבהאָבער און העל באַלײַכטע סאָליסטן און אונדז, אָרעמע אונטערדריקטע, לאָזט זי אין דער פֿינצטער, מאַכט זיך פֿון אונדז ניט! קינדער! עס איז די העכסטע צײַט צו דערמאָנען זיך אין זיך אַליין! מעגן די טיראַנען אַלע האָהנען[272] די קעפּ אָפּדרייען. טאָג וועט מוזן ווערן פֿאַר אַלע גלײַך!!! האָ, איך גלייב אין דעם גרויסן טאָג, ווען אַלע נאַציעס וועלן זיך רײַכען פֿרײַנדלעך די הענט, און מיר מוזן זיך באַשטרעבן צו ווערן די אַמאָליקע זעלבסטשטענדיקע נאַציע, מע זאָל אונדז אויך קענען אויסשטרעקן די פֿרײַנדלעכע האַנט מיט כּבֿוד, גלײַך מיט אַנדערע! ניט ווי איצט, ווען מיר שטופּן זיי אונדזערע הענט און זיי דרייען אַוועק פֿון אונדז די קעפּ מיט פֿאַראַכטונג, ווײַל מיר ווילן זיי און זיי אַליין אָנריידן, אַז מיר זענען קיין נאַציע ניט, ווײַל מיר האָבן פֿאַרלוירן אונדזער מוט, אונדזער נאַציאָנאַלן גײַסט, אונדזער געפֿיל צו דער זעלבסטשטענדיקייט, ווײַל מיר זעען אויס בײַ אַלע אין די אויגן ווי אַן אָפּגעשטאָרבענע אַלטע ראַסע, ווי פּאַראַזיטן, וואָס

[269] א״כּ - איבערהאָלען

[270] א״כּ - מאַכן איר ראַסע צו שאַנדע

[271] דער מיין פֿונעם וואָרט איז ניט קלאָר, אפֿשר – באַלערינע

[272] דער מיין פֿונעם וואָרט איז ניט קלאָר

**לעבן ניט, נאָר עקזיסטירן... אונדזער נאַציע איז טויט? עס זאָל לעבן אונדזער נאַציע! ייִדישע קינדער! לאָמיר זיך נאָר אַלע פֿאַראייניקן און אויפֿהייבן אונדזער זיגרײַכע פֿאָן פֿון אונדזערע אַמאָליקע גבורים אנשי־שם און איבערצײַגן די וועלט, אַז מיר לעבן נאָך! אַז מיר האָבן אויך, ווי אַלע, אַן אייגן לאַנד און קענען זײַן גלײַך מיט אַלע, - אַ זעלבסטשטענדיקע גרויסע נאַציע!!! אַלע... הוראַ הידד!**

*אויפֿן פֿאָן זעט מען די אויפֿגעדעקטע זון מיט שטראַלן. דער הימל ווערט רויטלעך.*

*דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט.*

# 3 אַקט

## פּערסאָנאַזשן:

פּאַוועל איסאַאַקאָוויטש מאַרגאָלין – געקליידעט אין פֿראַק מיט אַ הייבעלע אויף די האָר

פֿעאָדאָסיע – רײַך געקליידעט מיט אַ קוועישע ***[273] פּריזור

אָלגאַ - באַלמעסיק רײַך געקליידעט געשמאַקפֿול "אַ ליאַ מאָד"

באַראָן – אין פֿראַק

מאַטוויי גריגאָריעוויטש – אין אַן אַלטן טשינאָווניק־פֿראַק מיט מעשענע קנעפּ - אַ הויכע פֿאָטערמערדער קראַגן

דער גאָלאָוואַ פֿון דער דומאַ מיט זײַן טאָכטער

אַן אַלטער פּאָלקאָווניק אין זײַן אוניפֿאָרם מיט זײַן אַלטער פֿרוי

אַ פֿראַנצייזישער פּאַריקמאַכער – אין אַ רויטן אַטלאַסענעם פֿראַק מיט זײַן פֿרוי, אַ פּאַריזער קאָקעטקע

אַן ענגלענדער מיט זײַן פֿרוי

דערנאָך – נחמיה, שׂימחה שיק, נעכע און פֿעליקס

*די סצענע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ פּראַכטפֿולן סאַלאָן בײַ מאַרגאָלינען, מיט רײַכע פֿאָטעלן. רעכטס פֿון די צושויער זעט אַרויס דורך דער אַרקע אַ באַלײַכטן סאַלאָן, וואָס פֿירט אין דרויסן. לינקס פֿון די צושויער – דורך דער אַרקע זעט מען אַרויס אַן אונטערגאָרטן – אין דער מיטלסטער אַרקע זעט מען אַרויס אַ העל באַלויכטן עסצימער. אין דער טיף אַ העל לײַכטענדער קריסטבוים. מע הערט שפּילן די מוזיק. בײַם אויפֿגאַנג פֿון פֿאָרהאַנג זעט מען שפּאַצירן געסטפּאָרלעך, מען איז פֿרײַ, געאַרעמט.*

---

[273] דער מיין פֿונעם וואָרט איז ניט קלאָר, דאָס צווייטע וואָרט איז ניט לעזבאַר

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 2

*דאָס ערשטע פּאָרל:*

זי: איר גלייבט[274] עסווירקלעך, אַז דער יונגער באַראָן וועט זיך פֿאַרליבן אין דעם ייִדישן וויכערעס טאָכטער?

ער: ווער ווייסט? אפֿשר איז ער פֿאַרליבט. זי איז זייער היפּש און פֿאַרשטייט דעם שיק.

*דאָס צווייטע פּאָרל:*

ער: אויך דער פֿראַנצייזישער פּאַריקמאַכער מיט זײַן פֿרוי זענען אײַנגעלאַדן?

זי: אַן אינטערעס וועקן ניט די פּאַריזער מאַנערן אָבער עפּעס אַ בורלעסק.

*דאָס דריטע פּאָרל:*

אָלגאַ: איר זענט דער לייב[275] פֿונעם באַל, אויך דער שולדנער פֿון דעם־אָ אָוונט.

באַראָן: איר זענט זייער ליבע־ווירדיק.

*דאָס 4־טע פּאָרל:*

מאַטוויי: פּריזנאַטסיאַ[276], איך האָב ניט ליב צו דרייען זיך מיט די באַבעס[277].

פֿעאָדאָסיע: יאַקע ווי שוטניק[278].

מאַטוויי: איך קען ניט די קיטײַסקע[279] צערעמאָניעס. פּאַוועל איסאַאַקאָוויטש, נעם דיר צו דײַן באַבע. פּאָידיאָם וויפּיעם![280]

פּאַוועל: נישט איבער דער מאָס. דו קענסט זיך נאָך פֿאַרכלינען און אָנמאַכן אַ סקאַנדאַל. פֿאַרגעס ניט, אַז דאָ זענען אַלע סליווקעס פֿון דער וועלט.

מאַטוויי: פּליעוואַט מעניע![281]

פֿראַנצויזין: מעסיע מאַדאַם, שטעלט אײַך אויס אין דער ריי און איך וועל אײַך ווײַזן[282] די פֿיגורן "אַ לאַ מאַדאַם מאַקסים". *(מוזיק שפּילט. אַלע שטעלן זיך אויס. זי ווײַזט זיי די מאַנירן. אַלע מאַכן איר נאָך, אויך דוואָסיע, קאָמיש. מע שפּילט אַ טאַנץ. אַלע טאַנצן)*

*באַראָן קומט אַרײַן און רעדט עפּעס מיט פּאַוועלן.*

---

[274] א״כּ - זי גלויבען

[275] א״כּ - לעווע

[276] רוסיש – זיך מודה זײַן

[277] רוסיש – ווולגאַר - פֿרויען

[278] אוקראַיִניש – איר זענט אַ וויצלער

[279] רוסיש – כינעזישע

[280] רוסיש – קום, לאָמיר אויסטרינקען!זי

[281] רוסיש – איך שפּײַ זיך אויס!

[282] א״כּ - צײַגן

אָלגאַ: *(קומט צו)* אָבער וואָס הייסט דאָס, הער באַראָן, איר פֿילט זיך ווי פֿאַרלאָזן, אפֿשר עלנט?[283]

באַראָן: עס טוט מיר זייער לייַד די געזעלשאַפֿט צו פֿאַרלאָזן, דאָך בייַם בעסטן ווילן איז מיר אוממעגלעך צו בלייַבן. לייענט איבער די טעלעגראַם, וואָס איך האָב איצט באַקומען[284].

אָלגאַ: *(לייענט)* "טייַערער רודאָלף, דער פֿעטער באַראָן האַדענשטאַטער ליגט אין דעם לעצטן צוגען[285]. קומט שנעל מיט עקסטראַ־צוג". עס טוט מיר זייער לייַד!

באַראָן: אַזוי אַרום[286], איך מוז מיך געזעגענען[287]. איך ווינטש אייַך אַ גוטע אונטערהאַלטונג. אַדיע! *(איז אָפּ. ער נעמט ביַי אַלע די הענט, אויך ביַי פּעאָדאָסיען.)*

פּעאָדאָסיע: איך האָף, אַז איר וועט אונדז נאָך באַערדיקן[288] מיט אייַער וויזיט.

אָלגאַ: מאַ־מאַשע!

### *אינעם כתב־יד – זייַטל 3*

*די געזעלשאַפֿט זעצט זיך אויס האַלב רונד. די פּראָווינציזין זינגט אַ שאַנסאָנעט מיט אַ טאַנץ. אַלע אַפּלאָדירן. די באַדינער ברענגען אַרייַן אַ בריוו. אָלגאַ נעמט אים און טראָגט אים צו צום פֿאָטער. ער גייט צו אין אַ ווינקל, עפֿנט דעם בריוו, לייענט אים מיט די אויגן און ווערט פּלוצעם בלאַס. די הענט הייבן אים אָן צו ציטערן.*

אָלגאַ: וואָס איז געשען, פּאַפּאַ? שנעל, אַ דאָקטער! *(די באַדינער לויפֿן אַרום, טראָגן צו. פּאַוועל קען ניט ענטפֿערן, פֿאַלט אויף אַ קויקע אָן כוחות[289], מיט איין האַנט שטרעקט ער איר אויס דעם בריוו.)*

דוואָסיע: וואָס איז געשען, טאָכטער? פּאַוועל, וואָס איז דאָס, ווײ איז מיר. *(זי גייט צו צו אים ראַטעווען, בינדט אים אויף דעם האַלדזטיכל. אָלגאַ ברענגט אָדעקאָלאָן, רייַבט אים די שלייפֿן. די געסט ציִען זיך לאַנגזאַם. דער דאָקטער קומט.)*

דוואָסיע: פּאַוועל, שטאַרק דיך, לאָז דיך ניט אָפּ, ווײ איז מיר!

אָלגאַ: פּאַפּאַ, מוטער, פּאַפּאַ, איז דיר לייַכטער? *(פּאַוועל עפֿנט אויף די אויגן)*

דוואָסיע: אַ דאַנק דעם השם התברך, ער האָט געעפֿנט די אויגן! אָלגאַ, טאָכטער, וואָס שטייט דאָרט אין בריוו. לייען העכער. ווײ איז מיר!

---

[283] א״כ - זי ווינטשען איינס פֿאַרלאַסען, וויסטע מעגלעך?

[284] א״כ - ערהאַלטען האַבע

[285] גוססט

[286] א״כ - אַלזאָ

[287] א״כ - עמפֿפֿעהלען

[288] פּעאָדאָסיע נוצט דאָס וואָרט "באַערדיקן" אַנשטאָט "באַערן"

[289] א״כ - אָנמאַכט

אָלגאַ: *(לייענט)* 12 אַ זייגער[290] בײַ נאַכט קומט דער עקסטראַ־צוג פֿון[291] אָדעסאַ. קומט עמעצער[292] צו דער באַן צו נעמען אײַער זון פֿעליקס, ער איז שווער פֿאַרוווּנדעט אין אַ קאַמף מיט פּאָליציי האָט ער זיך אָנגעשלאָסן מיט דער ייִדישער זעלבטשוץ־פּאַרטיי, און איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן. מיר האָבן אים געבראַכט אין האָספּיטאַל, ער האָט געבעטן אים וואָס שנעלער שיקן אַהיים[293]. די הוצאָות וועלן רעכלעך אַראָפּגענומען ווערן. דאָקטער פֿינקעלשטיין.

אָלגאַ: יאָ, ווער קען איצט פֿאָרן? שיק גיך אַריבער צו נחמיהן און בעט אים ער זאָל צופֿאָרן צו דער באַן.

דוואָסיע: לאָז ער מונטערן זײַן ברודער שׂימחהן וועט אים היימישער זײַן. ווײ איז מיר. אַזאַ אומגליק. *(באַדעקט די אויגן)*

*אינעם כּתבֿ־יד – זײַטל* 4

פּאַוועל: *(שוואַך)* זיי האָבן מיר אים דערהרגעט, די מערדער!

אָלגאַ: דער בריוו שרײַבט, אַז ער איז נאָר פֿאַרוווּנדעט. מיט הערצליכער הילף וועלן מיר אים ראַטעווען. אָבער ניט זײַ פֿאַרצווייפֿלט, פּאַפּאַ. איך האָב געשיקט אים ברענגען.

פּאַוועל: *(ווײַטער די גאַנצע צײַט[294] שוואַך)* אָלגאַ, מײַן טאָכטער, מיר זענען רויִנירט. אונדזער קינד איז פֿאַרלוירן אין איינעם מיט אונדזער פֿאַרמעגן. ווער האָט אים געהייסן, ווער האָט אים געשיקט, ער זאָל...

דוואָסיע: דו האָסט אים אַליין פֿאַרשיקט, גאָט ווייסט דעם ***[295], דאָס קינד האָט ניט געוואָלט פֿאָרן, אָבער ס'איז פֿאַרפֿאַלן. אַז גאָט איז ניחא...

פּאַוועל: דו טענהסט אַלץ מיט דײַן גאָט? גיי בענטש אים דערפֿאַר!

דוואָסיע: אוי־אוי־אוי! דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל איך האָב אים אויפֿגעהערט צו בענטשן, און דו האָסט אים אָנגעהויבן צו שעלטן! ווײ איז מיר!

*נחמיה מיט שׂימחהן מיט אַ באַדינער ברענגען אַרײַן דעם פֿאַרוווּנדעטן פֿעליקס. בײַם אָנבליק ווערט מער געשרייען.*

דוואָסיע און אָלגאַ: מײַן טײַער קינד! מײַן טײַערער ברודער.

*פּאַוועל רײַסט נאָר אָפּ פֿון זיך דעם ראָק, צערײַסט דאָס העמד, צעוויינט זיך, אומאַרעמדיק פֿעליקסן. אין דער צײַט לייענט נחמיה דעם בריוו. שׂימחה הערט זיך אונטער.*

---

[290] א״כ - אוהר

[291] א״כ - אויס

[292] א״כ - יעמאַנד

[293] א״כ - נאַך הויזע

[294] א״כ - ווײַטער איממער שוואַך

[295] דאָס וואָרט איז ניט לעזבאַר

פּאַוועל: די מערדער האָבן אים דערהרגעט. ווען וואָלט אים גאָר אײַנגעפֿאַלן ער זאָל זיך גאָר אָננעמען פֿאַר דעם ייִדן. עס האָבן אים די חבֿרה אַזוי פֿאַרייִדישט. ווער האָט אים געלערנט אײַנשטעלן זײַן לעבן פֿאַר די אָרעמע שלעפּערס, וואָס ער קען זיי גאָר ניט?

נחמיה: ווער אים האָט געלערנט? אַ בעסטער לערער פֿון זײַן טאַטן. דער צײַטגײַסט! האָ, איר, קינדער־מערדער! איר, עלטערן, האָט געזוכט צו פֿאַרלעשן אין אײַערע קינדער דעם פֿונק ייִדישקייט, און ווען דאָס בראַווע קינד האָט דערזען ווי אוממענטשלעך אײַערע פֿרײַנד האַנדלען קעגן זײַנע אומשולדיקע ברידער, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דאָס הייליקע פֿײַער. די העלדנמוט פֿון זײַנע זיידעס, די מכבּיער, צו קלאַפּן קעגן זײַנע שׂונאים, וואָס איר קושט זיי אין די הענט. אַ שיינעם סורפּריז האָבן אײַערע טײַערע פֿרײַנד געמאַכט צו זייער יום־טובֿ, וואָס איר האָט געמאַכט פֿאַר[296] זיי! זיי האָבן אײַך און אים נישט געוואָלט קענען לעבעדיקערהייט, און בײַ אונדז איז טײַער אַפֿילו טויטערהייט. ער איז בײַ

*אינעם כּתבֿ־יד – זײַטל* 5

אונדז אַ קדיש, אַ הייליקער מאַרטירער. זײַן טויטער קערפּער איז בײַ אונדז הייליקער און געטרײַער פֿון אײַערע לעבעדיקע. שׂימחה שיַ, שיקט נאָך דער חבֿרה־קדישא, לאָזן זיי אים צונעמען, אַ ייִדיש קינד, פֿון זײַנע טריפֿה עלטערן. וויינען קענט איר? קען עמעצער קדיש זאָגן נאָך זײַן כּשרער נשמה. הער שׂימחה, זאָגט קדיש. יתגדל...

*אַלע צעוויינען זיך היסטעריש. דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט שנעל.*

[296] א״כ - אויף

# 4 אַקט

## פּערסאָנאַזשן:

נחמיה – ראָזאַ – שׂימחה שץ – נעכע – באַראָן – אָלגאַ – אַ מנין ייִדן – חתונה־כאָר

*די בינע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ שיינע ווילע הינטער דער שטאָט. לינקס פֿון די צושויער – דער פֿאַסאַד פֿון דעם הויז מיט אַ לאָדן. גלײַך – קאָרידאָר און אַ באַלקאָן מיט טרעפּ אַראָפּ. רעכטס – אַ קליין הײַזל אַרומגעצוימט מיט ביימער. אין דער מיט – אַ פֿאָנטאַן מיט בלומען־בייטן. אַ גאָרטנטישל מיט גאָרטן־בענקלעך, לעבן דעם טישל, אונטער אַ בוים – אַ גראָזבאַנק. פֿון יענער זײַט שטאַכעטן פֿון דער ווילע זעט זיך אַרויס אַ ברייטער וועג. פֿון גאַנץ ווײַט זעען זיך אַרויס הײַזער פֿון דער שטאָט. בײַם אויפֿגאַנג פֿון דעם פֿאָרהאַנג זעט מען זיצן – רייזעלע אויף אַ גאָרטן־פֿאָטעל*[297]*, אָנגעשפּאַרט אויפֿן טישל, פֿאַרטראַכט. נעכע שטייט לעבן איר.*

נעכע: איך האָב צוגעשטעלט די מילך. איך וויל, אַז נחמיה זאָל אויסטרינקען אַ גלאָז מילך מיט פּוטער, כּל־זמן זי איז נאָך וואַרעם, דאָס וועט אים מאַכן גוט צום לייכעץ. וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי און דאגהסט. וואָס שפּילסטו ניט עפּעס?

רייזעלע: ער האָט זיך געלייגט אָפּרוען, וויל איך אים ניט שטערן. אַך, ווי רויִק דאָ איז און שטיל. די לופֿט שמעקט אַזוי. איר פֿילט עס? *(טראַכט)*

נעכע: איך האָב ניט פֿאַר דיר געזאָגט. צוליב דעם קאַטער קען איך אַזוי ניט פֿילן, אָבער איך האָב שוין מײַן רפֿואה. כ׳וועל מיר מאַכן פֿאַרן שלאָף אַ גאָגעל־מאָגעל, וועט מיר איבערגיין.

רייזעלע: איר זענט אַליין, מומע, אַ גוטער דאָקטער. מומע, איך וויל אײַך עפּעס פֿרעגן. אַז איר זענט יונג געווען, אַזוי ווי איך, האָט איר עמעצן ליב געהאַט?

נעכע: יאָ, אַז איך בין געווען אין דײַנע יאָרן, האָב איך שוין געהאַט מיט מײַן באַשערטן דאָס ערשטע קינד, וואָס מײַן גאַנץ לעבן איז געהאָנגען אין אים.

רייזעלע: נישט דאָס קינד מיין איך. איך מיין, אײַער באַשערטן האָט איר ליב געהאַט?

נעכע: ס׳פֿאַרשטייט זיך. איך האָב אים שטענדיק ליב געהאַט צו הערן זינגען זמירות,

---

[297] א״כ - גאָרטנזעסל

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 2

נישט נאָר איך, אַפֿילו אַלע ווײַבער אין שיל פֿלעגן זיך מחיה זײַן, ווען ער האָט אַרײַנגעשטעקט זײַן פֿינגער אין גאָרגל און האָט אַרויסגעשריגן ״שמעקאָליינײ״, אָבער הײַנט האָט שוין זײַן גאָרגל קיין ייִדישן טעם ניט, ער גרייט זיך שוין אויף מושב זקנים[298].

רייזעלע: חוץ זײַן זינגען האָט זיך אײַך נישט געטראָפֿן אין אײַער לעבן ליב צו האָבן?

נעכע: יאָ, מײַן ליבע איז געווען רעטשענע קאַשע מיט גענדזנשמאַלץ. ס׳דערוויקט מיך פּשוט.

רייזעלע: איך מיין, צי האָט איר נישט געהאַט אָדער געפֿילט בײַם האַרצן אַ מין קלעמעניש, אַ מין אָנגענעם ציטערניש, אַ ציִעניש צו אַ קעגנשטאַנד, וואָס איר האָט ליב געהאַט?

נעכע: אוי, אוי, אוי, נישט איין מאָל פֿלעגט מיך ציִען בײַם האַרצן. איך בין שיעור אַנידערגעפֿאַלן, אַזוי האָט מיר געחלושט מײַן האַרץ דעם לעצטן יום־כּפּור, כ׳האָב געהאַט אַ שווערן תּענית. ~~ס׳איז אָבער מיט גאָטס הילף איבערגעגאַנגען.~~

רייזעלע: *(נעמט איר האַנט און לייגט זי צו צו איר האַרץ)* אַנו, לייגט צו אײַער האַנט. איר פֿילט ווי מיר איז שווער צו אָטעמען? עפּעס ליגט דאָ ווי אַ שטיין. אַך, איך זאָל קענען אַרויסגעבן, וואָלט מיר גרינגער געוואָרן.

נעכע: נעם ווערעמקרויט, דער וואָרעם איז דיר אַרונטערגעגאַנגען אונטערן לעפֿל, און נאָגט דיך.

רייזעלע: יאָ, ער נאָגט מיך...

נעכע: דאָס קומט פֿון אַ גוט־אויג אָדער פֿון אַן איבעריק ביסן. דאָס בעסטע איז אַרײַנשטעקן דעם פֿינגער אין מויל און דאָס אַרויסגעבן. עס ווערט באַלד ליכטיקער אין די אויגן.

רחלע[299]: איר האָט רעכט. ווען איך זאָל קענען אַרויסגעבן וואָס מיר דריקט בײַם האַרצן, וואָלט מיר געקענט לײַכטער ווערן. איך האָב אָבער קיין פֿאַרטרויטן מענטשן אין דער וועלט איך זאָל אים קענען עפֿענען מײַן האַרץ. אַך, איך ווער דערשטיקט.

נעכע: כ׳וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן. וואָס איז דיר עפּעס?

רייזעלע: מומע, דער באַראָן געפֿעלט אײַך?

נעכע: פֿע! דער באַראָן איז אַ גוי. ער איז אַפֿילו אַ גוטער, ער איז פֿאַר אַ ייִדן אַ כּפּרה.

---

[298] פֿאַרצויגן פֿון מושבֿ־זקנים

[299] דער שפּיל מיטן נאָמען קומט אַלץ ווײַטער - רחל, רחלע, ראָזאַ, רייזעלע

*אינעם כתב־יד – זײַטל 3*

רייזעלע: ער האָט מיך געראַטעוועט. *(מע הערט נחמיה הוסטן)*

נעכע: אוי, נחמיה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. איך וועל גיין זען, אַז די מילך זאָל ניט אויסלויפֿן. *(זי איז אָפּ, רעכטס)*

*נחמיה באַווײַזט זיך, אין אַ כאַלאַט געקליידט. בלאַס. גייט אַראָפּ, זעצט זיך לעבן דער שוועסטער און גלעט זי.*

רייזעלע: ווי פֿילסטו זיך, טײַערער ברודער? עס איז שוין צײַט דו זאָלסט אײַננעמען די מעדיצין. וואַרט, איך וועל עס אָנגיסן. וויפֿל האָב איך געוואַרט אויף דער פֿרייד, איך זאָל קענען מײַן ברודער באַדינען, אָבער ניט מיט אַ מעדיצין.

נחמיה: אויב די מעדיצין קען מיר העלפֿן צי ניין דאָס אונטערליגט נאָך אַ צווייפֿל. פּאָזיטיוו פֿיל איך, אַז די האַנט, וואָס גיסט מיר אָן, דערקוויקט מיך מער ווי די מעדיצין. איך זופּ דעם זיסן נעקטאַר פֿון דײַן געטרײַשאַפֿט און לעבע, אַז איך פֿיל מיך אין דעם מאָמענט פֿולקאָם געזונט, מונטער און גליקלעך.

*X אַ צוגאָב אויף די ראַנדן פֿונעם זײַטל:*

נאָך מער פֿרייט עס מיך, אַז איך זע, אַז די ווירדיקע שוועסטער פֿון דײַן ברודער און טיילסט מיט אים זײַן ~~נאַציאָנאַלן~~ גײַסט, און דײַן יוגנט און דײַן שיינקייט האָט דיך ניט אַ תּל (אַאטעל) געמאַכט, אָפּצולייקענען דײַן ליבן האַרץ פֿון אונדזערן עלנטן אומגליקלעכן פֿאָלק, און צו דערנאָענטן דעם נאַציאָנאַלן גײַסט אין די הערצער פֿון אונדזערע ייִדישע פֿרויען. אָט דאָס, שוועסטער, טו דאָס. אונדזערע פֿרויען נייטיקן זיך מער אין דער ייִדישער דערציִונג ווי די מענער. זיי טראָגן אויף זיך די ערשטע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן צוקונפֿטיקן דור.

*X סוף פֿונעם צוגאָב*

דו ווייסט דאָך, אַז דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן בײַ אַ מענטשן מאַכט אים אַ זאַך, וואָס ער האָט פֿאַרלוירן און געפֿונען זי אומגעריכט[300] ווידער.

רייזעלע: איך ווייס עס!

נחמיה: נו, און אַז דו ווייסט עס, דאַרפֿסטו דאָך אויך זײַן פֿריילעך, וואָס דו האָסט געפֿונען דײַן פֿאַרלוירענעם ברודער. פֿאַר וואָס זשע ביסטו אַזוי מיאוסגעשטימט? די סיבה איז אין מײַן קראַנקהייט[301]?

רייזעלע: איך האָף, אַז דו וועסט זײַן געזונט און לעבן. גאָט וועט דאָך ניט וועלן צוריקנעמען בײַ מיר די מתּנה, וואָס ער האָט מיר געשענקט – מײַן איינציקע טרייסט אין מײַן לעבן. אָבער... אַך...

[300] א״כ - אונפערהאפפט

[301] א״כ - זײַן דאָס זײַן מײַנע קראַנקהייט די אורזאַכע?

נחמיה: אָבער דאָך... דו מוזסט דאָך האָבן צוטרויען און אויפֿריכטיק זײַן צו דײַן איינציקן געטרײַעם פֿרײַנד אין דער וועלט. עפֿן פֿאַר מיר, שוועסטער, אויף דײַן האַרץ און לאָז מיך לייענען דאָרט דאָס קאַפּיטל, וואָס דיר איז דאָס שווער צו פֿאַרשטיין. אפֿשר וועל איך עס דיר קענען דײַטלעך דערקלערן. איך בין זייער אומרויִק, וואָס פֿון אונדזער פֿרײַנד, דעם באַראָן, איז ביז איצט קיין בריוו ניט געווען. איך האָב אָנגעגרייט אַ בריוו אים צו פֿרעגן די סיבה פֿון זײַן צו לאַנגער אָפּוועזנהייט.

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 4

רייזעלע: דאָס אומבאַרויִקט מיך אויך זייער. ער איז דאָך אונדזער אַלגעמיינער פֿרײַנד. *(זי שווײַגט. לאָזט אַראָפּ די אויגן, הייבט זיי אויף צום ברודער. זי קעמפּט. ענדלעך ווענדט זי זיך צון אים אַנטשלאָסן)* ברודער! איך האָב קיינעם איצט ניט אין דער וועלט, נאָר דיך. און ווי פֿאַר גאָט מוז איך מיך פֿאַר דיר איצט מתוודה זײַן, און אויסרעדן מײַן האַרץ. איך זאָג[302] דיר אָפֿן, אַז אויסער דעם געפֿיל פֿון דער ריינער דאַנקבאַרקייט, האָב איך צון אונדזערן פֿרײַנד נישט געהאַט. דו קענסט מיר גלייבן דערפֿאַר, ווײַל די צרות און לײַדן, וואָס האָבן מיך אומאויפֿהערלעך פֿאַרפֿאָלגט, האָבן פּאַראַליזירט אין מיר אַלע האַרץ־געפֿילן, אויסער די זיסע זכרונות אין אונדזער טײַערער מוטער און אין דיר, וואָס האָט מיר געגעבן מוט צו לעבן. פּלוצלעך...

נעכע: טרינק אויס די מילך וואַרעמערהייט, עס וועט דיר גוט מאַכן. און מאַך ח־ח־ח־ח... ס׳וועט אַרויס דער לייכעץ. רייזעלע, דו האָסט מיר, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז ס׳נאָגט דיר עפּעס בײַם האַרצן. מאַכן דיר אַ פּאָר ווייכע אייער?

ראָזאַ[303]: ניין, איך דאַנק אײַך. מומע, איך דאַרף איבעררעדן מיט מײַן ברודער[304]. *(נעכע איז אָפּ)*

נחמיה: נו, און פּלוצלינג?...

ראָזאַ: אָט דער צופֿאַל וויל אין מיר דערוועקן גאָר אַ נײַ געפֿיל, וואָס איך האָב עס ביז אַהער ניט געקענט. אונדזער אָלגאַ איז אָן אַ גרונט און אָן אַ סיבה געוואָרן שלעכט קעגן מיר און האָט מיר אָפֿן דערקלערט, אַז אין דעם איז שולדיק איר אייפֿערזוכט, באַמערקנדיק, אַז דער נאָבלער באַראָן נעמט אין מײַן גורל וואַרעמע טייל[305] און דורך דעם פֿאַרנאַכלעסיקט ער אירע אינטימע באַקאַנטשאַפֿט. איך האָב עס פֿון אָנהייב ניט פֿאַרשטאַנען, נאָר זײַענדיק מיט מיר אַליין, האָב איך באַמערקט, אַז איר אייפֿערזוכט האָט אין מיר דערוועקט גאָר אַ שפּאָגל נײַ געפֿיל, און מיר דערמאָנט צו קוקן מיט אַנדערע אויגן אויף מײַן ווײַבלטייטער[306], ווי איך בין געווינט. יאָ, אַ נײַ געפֿיל האָט אײַנגעזוכט מײַן האַרץ

---

[302] א״כ - געשטיי

[303] ווידער אַן איבערגאַנג פֿון רייזעלע צו ראָזאַ

[304] א״כ - איך האָב דאָ צו רעדן מיט מײַן ברודער

[305] א״כ - טיילנאַהמע

[306] ניט קלאָר דער באַדײַט

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 5

און האָט פֿון דעם געפֿאָדערט די זעלבע ליבע, וואָס איך האָב געהאַט צו דיר און צו אונדזער פֿאַרשטאָרבענער מוטער.

*פֿון דאָ אָן און ביזן זײַטל 10 פֿונעם כתבֿ־יד דער טעקסט איז אויסגעמעקט מיט אַ בלײַער.*

~~נחמיה: קינד, דאָס~~ איז ניט דאָס זעלבע, דאָס איז אַן אַנדער סאָרט...

ראָזאַ: גאַנצע נעכט האָב איך געקעמפֿט מיט מײַן נײַעם געדאַנק, מיט מײַן פֿרעמדן גײַסט, איך זאָל אים אויסמײַדן נאָר. וואָס מער האָב איך געזוכט אים צו פֿאַרטרײַבן, מער האָט ער זיך געזוכט אין מיר אײַנצודרינגען.

נחמיה: זייער ריכטיק!

ראָזאַ: האָ, דאַן האָב איך, ברודער, אַרויסגעזען, אַז מײַנע שמערצן האָבן זיך נאָך ניט געענדערט, און אַלע מײַנע פֿיזישע און מאָראַלישע לײַדן זענען גאָר ניט אַזוי שמערצלעך אין פֿאַרגלײַך[307] מיט די נײַע גײַסטיקע לײַדן. איך האָב מיר אַליין דערקלערט, אַז עס קען גאָר קיין מינדסטע האָפֿענונג ניט זײַן. נישט ער וועט נישט אויפֿהערן מיט אַ הויכן ראַנג זיך אַראָפּלאָזן צון אַן אָרעמען מיידל, נישט איך וועל צום אָפּפֿער נישט ברענגען מײַנע אידעאַלן פֿון ייִדישקייט, דערציִונג האָט מיר פֿון קינדווײַז אָן אײַנגעזאַפּט אין מײַן פֿלייש און בלוט. איך האָב מיך אַליין געשטראָפֿט, אַליין אָנגעשריגן אויף מיר ווי וואַגט גאָר מײַן האַרץ ליב האָבן אַ פערזאָן פֿון דער ראַסע, וואָס פֿאַרפֿאָלגט אומאויפֿהערלעך אונדזער פֿאָלק. און וואָס מער האָב איך זיך באַשטרעבט דעם געדאַנק מיר אַרויסצושלאָגן פֿונעם קאָפּ, האָט ער זיך אין דער שטיל וואָס טיפֿער אַרײַנגעגנבֿעט צו מיר אין האַרצן. האָ, ברודער, דאָס האַרץ איז אַ סך שטאַרקער בײַ אונדז אין קאַמף מיט דעם קאָפּ. ברודער, איך בין מער ניט קיין שוואַכע צימערפֿרוי[308]. דאָס האַרץ האָט געזיגט, איך האָב אים ליב און... אומגליקלעך. *(זי ווײנט)*

נחמיה: טײַערע ליבע שוועסטער... *(ער קושט זי אין שטערן. מע זעט דורך די שטאָכעטן אָנקומען שׂימחה שך, ער טראָגט אַ רעצעפּט אין דער האַנד און קוקט זיך יעדע[309] מינוט אום)*

שׂימחה שך: אָט האָסטו דעם רעצעפּט און זאָל גאָט געבן, אַז עס זאָל שוין זײַן צון אַ רפֿואה. ווו איז נעכע? נעכע! *(קומט אַרויס)*

---

[307] א״כ - קעגן

[308] א״כ - פֿרויען־צימער

[309] א״כ - אַלע

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 6

שץ: גיי גיכער אַהיים, איך וועל דערווײַל בלײַבן דאָ. דער חסר־דעהניק וויל גאָר ניט אַרײַננעמען אין מויל אַרײַן. איך האָב איבערגעלאָזט דעם שמשׂ ער זאָל אים היטן, ער זאָל ניט אַרויסגיין פֿון דער שטוב. *(נעכע טוט זיך אָן און גייט אַוועק)* אַ שיינער תּכשיט פֿון ייִדן געוואָרן, אויף אַלע אונדזערע ייִדישע שׂונאים געזאָגט געוואָרן. מײַן שוועסטער ליגט אין שפּיטאָל געפֿערלעך קראַנק און וועט זיך אפֿשר דערפֿון אויסשטיין אַן אָפּעראַציע. אָלגאַ, ווייסט מען ניט וווּהין זי איז אַהינגעקומען, און דער איז גאָר קיין מענטש ניט. דער טויט פֿון זײַן זון האָט אים אַזוי דערשלאָגן דעם קאָפּ, אַז ער האָט זײַן גאַנצן שׂכל פֿאַרלוירן. איך האַלט אים בײַ מיר און מיר היטן אים אָפּ זײַן אייניציקע טרייסט און דערשטרויינג, אַז דער תּהילים... *(מען זעט צופֿאָרן אַ פֿיאַקער, פֿון וועלכן עס גייט אַרויס דער באַראָן)* איך האָב ניט קיין טעות, אַז דאָס איז דער באַראָן? *(אַלע קוקן זיך אום און כאַפּן זיך אויף)*

באַראָן: האָ, ר׳ שׂימחה, זײַט אַזוי גוט און נעמט אַראָפּ פֿונעם וואָגן, און טראָגט אַרײַן די פֿלעשער, וואָס דאָרט שטייען. *(שץ גייט עס טאָן. באַראָן ווענדט זיך פֿריילעך צו נחמידן און ראָזע)* וואָס מאַכט איר, מײַנע פֿרײַנד? נו, ווי גייט עס? איך לייען אין אײַערע פּנימער, אַז איר זענט ביידע מיאוסגעשטימט. קען[310] איך פֿרעגן וואָס איז די סיבה פֿון דעם?

נחמיה: לאָמיר איצט וועגן די אומאָנגענעמע זאַכן ניט רעדן. איך זע, אַז איר זענט אויפֿגעלייגט. קענען מיר אײַך בעטן, אַז איר זאָלט אונדז אויך דערציילן וועגן דער פֿריילעכער סיבה, וועלכע וועט אונדז אויך פֿאַרגעניגן מאַכן.

באַראָן: מײַנע פֿרײַנד, איזווירקלעך איצט איבערנאַטירלעך... איך האָב אײַך פֿריִער נישט געזאָגט די סיבה פֿון מײַן אָפּרײַזע. קורץ, איך בין גערופֿן געוואָרן קיין ווין כּדי אויסהערן די סודות פֿון מײַן געבורט.

שץ: זאָל איך די פֿלעשער אַרײַנטראָגן אין שטוב? דאָ הייבט זיך עפּעס אָן אַ נײַער עסק. צמחל, לייג אַוועק די אַרבעט און קום, העלף מיר טראָגן. *(צמחל העלפֿט אים. זיי טראָגן אַרײַן די פֿלעשער אין שטוב)*

באַראָן: זינט איר, מײַן פֿרײַנד, האָט מיך געפֿרעגט וועגן מײַנע עלטערן און איך האָב פּאָזיטיוו נישט געוווּסט צו ענטפֿערן, בין איך מיר אַליין געוואָרן אַ רעטעניש[311] און מײַנע געדאַנקען זענען געווען

---

[310] א׳׳כ - דאַרף איך

[311] א׳׳כ - רעדזיל

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 7

תּמיד באַשעפֿטיקט, - ווער זענען ווירקלעך געווען די שליחים, וואָס האָבן מיך געבראַכט אויף דער וועלט? ענדלעך בין איך עקסטראַ טעלעגראַפֿיש גערופֿן געוואָרן קיין ווין און כ׳האָב געטראָפֿן מײַן פֿעטער, דעם אַלטן באַראָן, געפֿערלעך קראַנק. ער האָט מיך צוגערופֿן צו זײַן בעט און, דריקנדיק פֿרײַנדלעך מײַן האַנט, האָט ער מיר דערציילט דאָס ווײַטערדיקע, - מיט עטלעך און דרײַסיק יאָר צוריק האָט ער געוווינט אין פּראָג און איז געווען זייער אינטים באַקאַנט מיט אַן אַלטן בכּבֿודיקן געלערנטן מאַן. דער אַלטער מאַן האָט קיינעם ניט געהאַט, אויסער איין אייניקל, וואָס ער האָט בײַ זיך דערצויגן, פֿון זײַן איינציקער טאָכטער, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט דעם צווייטן מאַן קעגן זײַן ווילן, און איז אַוועק פֿון אים. בײַ די שרעקלעכע פּאָליטישע אומרוען , וואָס זענען געווען אין פּראָג, האָט דער אַלטער געפֿילט, אַז ער וועט עס ניט איבערלעבן און האָט געבעטן דעם באַראָן הויענשטאַטער, זײַן פֿרײַנד, וואָס האָט זיך געזאָלט איבערציִען קיין ווין, אַז ער זאָל מיט אים טאָן דעם חסד של אמת און מיטנעמען מיט זיך דאָס צוויייאָריקע אייניקל, מיך. מיט גרויסן קאַפּיטאַל, וואָס ער גיט אים איבער, און זאָל אים האַלטן בײַ זיך ביז ער וועט ווערן פֿיליאָריק קינד, ער זאָל אים באַשווירן, און האָט איבערגעגעבן אַ קעסטעלע מיט שריפֿטן און דעם גאַנצן קאַפּיטאַל. דער קינדלאָזער באַראָן האָט עס געטאָן און ~~האָט מיך דערצויגן~~ און ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד. ער האָט מיך אַדאָפּטירט, דערצויגן, צו זײַן אין דער צוקונפֿט איינער פֿון די באַרימטע מלוכה־לײַט און האָט זיך געהיט מיר צו אַנטדעקן די סודות פֿון מײַן געבורט, ביז ענדלעך ער איז געפֿערלעך קראַנק געוואָרן, נאָר אויף דער עלטער די קראַנקע מענטשן ווערן צו מאָל איבערגלויביש. אין זײַן פֿיבערישן פּאַראַקזיס פֿלעגן אים שרעקן ווילדע חלומות, אַ שרעקלעך בילד, - דער צעלטער אין אַ געשטאַלט פֿון מײַן זיידן האָט אים געמיט און געשראָקן, פֿאַר וואָס ער האָט ניט געהאַלטן זײַן וואָרט און פֿאַרלייקנט פֿאַר זײַן אייניקל די ירושה. איצט, ער זאָל קענען רויִק שטאַרבן, האָט ער מיר אַלץ אַנטדעקט און מיר איבערגעגעבן אַ גרויסן קאַפּיטאַל, און נאָך גאָר אַ גרעסערער קאַפּיטאַל פֿאַר מיר איז געווען דאָס קעסטעלע, אין וועלכן איך האָב געלייענט, אַז מײַן זיידע איז איינער פֿון די גרעסטע דאָקטוירים און געלערנטע ראַבינער פֿון יענער צײַט, - ר׳ יעקבֿ אָפּענהיים. און דאָס קעסטעלע אַנטהאַלט אַ סך ווינשאַפֿטלעכע אַרטיקלען פֿון רעליגיעזן אינהאַלט, וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן[312].

---

[312] א״כ - פֿערפֿאַסט

ער איז געווען פֿעסט אין זײַן גלויבן, אַז זײַן אייניקל וועט געוויס זײַן פֿרום ווי ער, און וועט ממשיך זײַן[313] זײַנע אידעען וועגן דער צוקונפֿט פֿון זײַן פֿאָלק און אַלט פֿאָטערלאַנד. און דאָס איז דאָס קעסטעלע מיט דעם טײַערן אוצר, וואָס מיר וועלן שפּעטער צוזאַמען איבערלייענען. אַזוי אַרום, מײַן ליבער פֿרײַנד בן־עמי, אײַער נבֿואה האָט אָנגעטראָפֿן. אײַער גאָט איז מײַן גאָט, אײַער פֿאָלק איז מײַן פֿאָלק. איך בין זייער שטאָלץ און ערפיהיט[314], וואָס איך בין אַ ייִד!

נחמיה מיט דער שוועסטער: *(איבערגערעשט. די הענט אויפֿהייבנדיק)* – דאַנקען גאָט[315]! גראַטולירן! *(זיי דריקן אים די הענט. אין דעם מאָמענט האָט געפּלאַצט דאָרט אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער).*

שץ: *(לויפֿט אַרויס דערשראָקן)* בנאמנות, איך בין ניט שולדיק. די פֿלאַש האָט פֿון זיך אַליין אויסגעזעצט. דאָס איז ניט קיין שאַמפּאַניער, דאָס איז דינאַמיט. עס איז מיר שיעור די נשמה ניט אַרויס. מײַן נעכע איז שיעור אַן אַלמנה ניט געבליבן.

באַראָן: עס שאַט ניט! איר זעט, דער ווײַן אַליין איז פֿריילעך און איז פֿאַר פֿרייד אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער פֿלאַש. בײַ אונדז איז הײַנט אַ יום־טובֿ.

רייזעלע: אַ הייליקער יום־טובֿ, אַן אמתער, ייִדישער. עס האָט זיך אויסגעקלערט, אַז אונדזער פֿרײַנד, דער באַראָן, וואָס אַלע האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַ גוי, איז אַ ייִד, אַן אמתער ייִד!

שץ: *(גיסט אָן און טרינקט)* אַ ייִד? ווי איך בין אַ ייִד. נו, לחיים! *(ער טקינקט)* איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת, איך האָב אַלץ פּחד געהאַט פֿאַר אײַך, אַז איך האָב געמיינט, אַז איר זענט אַ גוי, טאָמער דערלאַנגט איר מיר פּלוצלינג מיט אַלעם אַ האַנט... אָבער אַצינד האָב איך נאָר מורא איר זאָלט מיר ניט אויסטרינקען דעם ווײַן. שלום־עליכם. נו, לחיים.

צמח: ברוך הבא בשם ד'! *(ער גיט אים די האַנט. באַראָן קושט אים)*

נחמיה: איר זעט, ווי די צופֿאַלן אַליין איז ניט קיין בלאָסע נסים און האָבן זייערע געוויסע געהיימע סיבות, וואָס דינען אײַך אומגעקראַפֿטלעך פֿאַרן מענטשנס פֿאַרשטאַנד, און איצט דענק איך, ווען אונדזער באַקאַנטשאַפֿט האָט געקענט אַרויסרופֿן צווישן אונדז, מענער, אַזאַ שטאַרקע אינטימקייט[316] האָט זיי באַדאַרפֿט אַרויסרופֿן נאָך אַ גרעסערע סימפּאַטיע צווישן פֿאַרשיידענע געשלעכטן, נאָך די

---

[313] א״כ - פֿאָרטזעטצען

[314] דער מיין פֿונעם וואָרט איז ניט קלאָר

[315] א״כ - גאָט זײַ דאַנק!

[316] א״כ - אינטימיטעט

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 9

שטאָפּן ליגן באַהאַלטן טיף אין האַרצן און דאַרפֿן עקספּלאָדירן. איך וויל פּראָבירן צולייגן אַ צעמדל[317] צו אײַער האַרץ, מײַן טײַערער פֿרײַנד און גלייבנסברודער און אײַך פֿרעגן, - האָט איר באַהאַלטן דאָרט אַ מאָל אין אַ ווינקעלע אַ ביסל ברען־מאַטעריאַל פֿון געטלעכער ריינער ליבע צו דעם ריינעם אומשולדיקן מלאך, וועלכער איז פֿיל מיט הייסער סימפּאַטיע צון אײַך? זאָלט איר באַלד עקספּלאָדירן! *(באַראָן מיט ראָזען קוקן זיך אָן מיט הימלישער פֿרייד און ליידנשאַפֿט. זיי אַלמירן זיך מיט נחמיהן. אַלע ווישן זיך די אויגן פֿון פֿריידן־טרערן)*

שך: אויב אַזוי, עס קומט דאָך אַ מזל־טובֿ אויך. מײַן נעכע וועט זיך שוין יאָ אַ מעשׂה אָנטאָן. און איצט האָב איך מורא, אַז אײַער לעבן וועט קאָסטן דאָס לעבן פֿון צוויי וויכטיקע פּערזאָנען. איך זאָל מיך ניט אָנשיכורן. נו, מזל־טובֿ. *(אַ פֿריילעכער, וואַרפֿט ער אַ גלעזל צו דער ערד, ווײַנט פֿאַר פֿרייד און טאַנצט.)*

באַראָן: איצט, ליבער ברודער, איז געקומען די צײַט, אַז אײַער נבֿואה זאָל זיך פֿאַרווירקלעכן. מײַן קאַפּיטאַל איז גרויס. ווי איך האָב אײַך פֿריִער דערקלערט מײַן פּראַקטישן פּלאַן, וועלן מיר אַלע זיך פֿאַרטיק מאַכן צו דער רײַזע קיין פּאַלעסטינע, כּדי גרינדן דאָרטן אַ צענטראַלע אינסטיטוציע פֿאַר אונדזער יוגנט. איר, ר׳ שׂימחה, בלײַבט דאָ ווי אַ דירעקטאָר פֿון דער ייִדישער שול, וואָס איך וועל בויען פֿאַר די היגע יונגע קינדער, צו דערציִען זיי אין דעם נאַציאָנאַלן גײַסט. אונדזער צמחלען וועלן מיר שיקן אין די גרעסטע קונסט־אַקאַדעמיעס צו פֿאַרענדיקן זײַן אַמט פֿאַר אַלע ***[318] פֿון די דאָרטיקע שולן בײַ אונדז.

נחמיה: האָ, איצט קען איך רויִק אײַך איבערלאָזן דאָס גרויסע צוקונפֿט־פֿעלד, אויף וועלכן איר וועט באַאַרבעטן צום גליק־אויפֿבליִען פֿון אונדזער טײַערן פֿאָלק.

ראָזאַ: ליבער ברודער! זײַ זשע איצט דו ניט פֿאַרצווייפֿלט. וועסט נאָך זײַן געזונט און מיר וועלן צוזאַמען אַ סך נחת האָבן.

נחמיה: טרייסט מיך ניט, ליבע שוועסטער, איך בין איבערגליקלעך און קודם־כּל *(צו אַלעמען ערשט)* וויל איך נאָך דיך זען מיט מײַנע אויגן אונטער דער חופּה. ר׳ שׂימחה, איר גייט אין שטאָט אַרײַן און ברענגט אַ מנין ייִדן מיט...

*ביז דאָ דער אויסגעמעקטער אָפּשניט*

[317] ניט קלאָר דער מיין

[318] איין וואָרט איז ניט לעזבאַר

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 10

*שײן:* אַ קשיא צי איך וועל שוין גיין? איך וועל לויפֿן. נאָר גייט אײַך אַרײַן אין צימער, ווײַל פֿאַר נחמיהן איז דאָ אַ ביסל קיל. און פֿאַר מיר אויך. איך וועל מיך דערוואַרעמען מיט אַ ביסל קאַלטן ווײַן.

*אַלע גייען אַרײַן אין דעם הויז. עס ווערט טונקל. פֿון יענער זײַט שטאַכעטן זעט מען זיך דרייען אַ פֿיגור, געקלייד אין שוואַרצן. זי קוקט זיך אַרום פֿון אַלע זײַטן. ענדלעך עפֿנט זי באַהיטזאַם דאָס טירל, קומט אַרײַן, קוקט זיך אַרום.*

*אָלגאַ:* צוויי נעכט, אַז איך באַוואַך דאָס אָרט, נאָכצופֿאָרשן צי קומט ער אַהער. ענדלעך האָב איך דערזען דאָס, וואָס איך האָב נישט דערוואַרט... ער איז געקומען און מע טראָגט פֿלעשער ווײַן. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שׂימחה? מיך האָט ער פֿאַרנאַכלעסיקט און זי זוכט ער. דער נאָבעלער גרויסער באַראָן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון זײַן הויכן ראַנג צו דעם נידעריקן אָרעמען וועזן? איך וואָלט אים נאָך געוואָלט זען, דעם שטאָלצן. *(זי גייט אַרויף אויף די טרעפּ און קוקט אַרײַן דורך די העל באַלײַכטע פֿענצטער)* האַ, וואָס זע איך? ער שטייט מיט איר. און דער בלאַסער מאַן, איר ברודער, נעמט אָן זייערעביידע הענט און שליסט זיי צוזאַמען. הייבט אויף די הענט און בענטשט זיי. די פֿאַלשע, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פֿון אַ בלוט הייסער ייִדישקע, פֿאַרבינדט זיך מיט אַ קריסט? האָ, ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז דער שטיין קען זיי טרעפֿן און צעשמעטערן זיי אַלע די קעפּ, וואָלט דער מאָמענט געווען בײַ מיר דער גליקלעכסטער. וואָס? זיי קושן זיך, דען האַלטן בעכערס אין די הענט און מע טרינקט... דאָס בלוט פֿון מײַן האַרץ. אָט, האָט איר אַ מזל־טובֿ! *(זי טוט אַ וואָרף אַ שטיין. דאָס פֿענצטער צעשמעטערט זיך, און זי פֿאַלט אויף דעם גראָז נאַזנדיק. אַלע לויפֿן אַרויס* – וואָס איז דאָ געשען?*)*

*שײן: (לויפֿט צו)* ווער ליגט דאָ? עס דאַכט זיך, אָלגאַ.

*אַלע:* אָלגאַ!!!

*שײן:* וויי איז מיר, אָלגאַ, וואָס איז מיט דיר? ווי קומט זי אַהער? העלפֿט מיר זי אויפֿמונטערן. *(באַראָן און ראָזאַ קומען צו העלפֿן זי אויפֿהייבן און אַרײַנזעצן אין אַ פֿאָטעל און זי מונטערן. זי עפֿנט לאַנגזאַם די אויגן, קוקט זיך אַרום פֿאַרווונדן.)*

*שײן:* אָלגאַ, טײַערע, וואָס איז מיט דיר?

*ראָזאַ:* אָלגאַ, טײַערע, לאָז דיך ניט אָפּ!

*באַראָן:* זי איז קראַנק. לויפֿט נאָך אַ דאָקטער!

*אָלגאַ:* איך בין ניט קראַנק... שיקט ניט... איך גיי אַליין!

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל 11*

ראָזאַ: וווּהין גײַין? בלײַב דאָ מיט אונדז, דײַנע פֿרײַנד. עס וועט דיר גאָר נישט פֿעלן. איך וועל דיך ליב האָבן ווי אַן אײגענע שוועסטער, איך וועל זיך מיט דיר טײלן מיט אַלץ. וועסט זײַן גליקלעך.

אָלגאַ: גליקלעך? ווער, איך? איך? דו זאָגסט עס? דו, וואָס דו האָסט געשטערט מײַן גליק. דו האָסט אונדז גענאַרט. ביסט גוט און פֿרום. און וועסט ניט לאָזן זיך אומאַרמען פֿון די בלוטיקע הענט פֿון דײַנע פֿאָלקס־מערדער. איצט...

אַלע: דער באַראָן איז אַ ייִד.

אָלגאַ: אַ ייִד? יאָ, שוין גוט... לאָזט מיך אָפּ. טרײַבט מיך אַרויס. איך פּאַס ניט פֿאַר אײַך!

נחמיה: ווער טרײַבט דיך? קענסט זײַן מיט אונדז אַלע, האָסט נאָר אַראָפּגעבלאָנדזשעט פֿון גלײַכן וועג. קער דיך אום צו דײַנע ברידער און שוועסטער. וועסטו זיך געפֿינען גליקלעך. קער זיך אום צו דײַן פֿאָלק, האָסט עס ווידער געפֿונען.

אָלגאַ: איך זאָל געפֿינען דאָס, וואָס איך האָב נישט פֿאַרלוירן, איך זאָל זיך אומקערן צום פֿאָלק, פֿון וועלכן איך בין גאָר נישט אַוועקגעגאַנגען. בין איך דען געוועזן אַ ייִדיש קינד? וואָס האָב איך דען געוווּסט פֿון ייִדישקייט? ווער האָט געקענט וויסן, אַז ס'איז דאָ אַזוינע ייִדן ווי דער הער און ווי דו? פֿון איין ייִדן האָב איך געוווּסט, אין ער האָט מיר גאָר ניט געקענט געפֿעלן. ער פֿלעגט באָרגן אַ קריסטן טויזנט רובל און גענומען בײַ אים וועקסלען אויף דרײַ טויזנט.

באַראָן: אָבער צווישן אײדעלע־לײַט, צווישן פֿײַנע מענטשן וועט אײַך געפֿעלן. עס וועט אײַך אויפֿמונטערן, באַלעבן.

אָלגאַ: איר רעדט פֿון לעבן? אַ טויטע צווישן לעבעדיקע! ח־ח־ח... מײַן האַרץ איז צעריסן אויף שטיקלעך, און דאָס איז אַזוי מאַטעריעל, וואָס מע קען עס צוריק צוזאַמענקלעפּן? אַנדערע, אין[319] אַזאַ לאַגע נעמען זיך דאָס לעבן. איך בין אָבער צו שטאָלץ אויף "איך", איך זאָל אים פֿאַרניכטן. איך קען נאָר אָפּשטאַרבן פֿון דעם אַרט, וואָס האָט מיר ניט געגליקט און אַוועקפֿאָרן אין אַן אַנדער זאָנע, פֿרײַענלאַנד, ווו איך קען אָנהייבן[320] גאָר אַ נײַ לעבן. און ווען פֿאָלגן אײַער לערע, וואָס איר האָט מיר אַ מאָל געגעבן: איך וועל אַרבעטן כדי ווערן זעלבסטשטענדיק און וועל אָנהייבן צו לעבן פֿאַר יענעם, ניט פֿאַר זיך. איך וועל ווידמען דאָרט מײַן צײַט צו ווילשטעטיקע אַנשטאַלטן, כדי ניט ***[321] זײַן ווי, מעגלעך, מײַנע נאָענטע מענטשן און גלײַבנסברידער און אונטערדריקטע אומשולדיקע. פֿון אײַך פֿאָדער איך נאָר *(שיין געפֿאַלן ***[322])*. אָנשטאָט וואָס איר האָט

---

[319] א״כ - בײַ

[320] א״כ - באַגינען

[321] איין וואָרט איז ניט לעזבאַר

[322] איין וואָרט איז ניט לעזבאַר

*אינעם כתב־יד – זײַטל* 12

מיך געוואָלט שטיצן, בעט איך אײַך צו שטיצן אײַנסטוויילן[323] דאָ מײַנע אָרעמע אומגליקלעכע עלטערן, וואָס האָבן נישט פֿאַרשטאַנען מיך צו דערציִען, ביז איך וועל ניט זײַן אַליין אומשטאַנד זיי פֿון דער ווײַטנס צו העלפֿן. זײַ מיר מוחל[324], ראָזאַ, אויב איך האָב דיך אומזיסט געערגערט. פֿאַרגיב מיר, נחמיה, דער אַלגאַ, וואָס האָט דיך אַ מאָל יונגערהייט ניט פֿאַרשטאַנען צו שעצן. איך פֿאָר אַוועק פֿון אײַך, פֿון דעם אָרט אויף אייביק. אויב איר ווילט, געדענקט מיך ווויל. קוקט ניט אויף מיר אַזוי מיט מיטלײַד. ביי אײַך איז אַ שׂימחה. איך וויל אײַך ניט שטערן. פֿרייט אײַך. *( זי לאָזט זיך אַוועקגיין, קערט זיך אום בײַם טירל, וויינענדיק)* אַדיע! *(אָפּ)*

*פֿאָרהאַנג פֿאַלט לאַנגזאַם.*

<u>פֿאַרוואַנדלונג</u>

*דער ווײַטערדיקער אָפּשניט איז אויסגעמעקט מיט טינט.*

*עס לאָזט זיך אַראָפּ אַן איינפּאַך צימער. די וווינונג פֿון שׂימחה שיץ. לעבן אַן איינפֿאַך טישל ליגט אַ חומש. פֿון איין זײַט זיצט ר׳ שמריה דער שמש, וואָס באַדינט פּאַוולען. פֿון דער אַנדערער זײַט בענקל זיצט פּאַוועל קוים לעבעדיק[325], נישט צו דערקענען, פֿאַרוואַקסן. די האָר איז אומאָרדענונג, מיט אַ יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ, די אויגן קוקן פֿאַרוואָרן, אָן אַן אויסדרוק. בײַם אויפֿגאַנג פֿון פֿאָרהאַנג – זינגט ער הויך: מהפך פשטא מונח אתנחתה! – עטלעכע מאָל.*

נעכע: *(קומט אַרײַן מיט אַ שערל אין דער האַנט)* איך האָב שוין אַלע סגולות אויסגעפּרוווט און עס העלפֿט אים ניט. מען דאַרף נאָך פּרווון אים אָפּשפּרעכן מיט אַ טויטער האַנט. דערווײַל וועל איך פּרווון אים אָפּשערן אַ ביסל די האָר און אים אונטערעכערן. *(זי טוט עס)*

שמריה: פֿאַר וואָס גיט איר אים בעסער ניט אַרײַן אין אַ שפּיטאָל?

נעכע: דאָרט וועט ער זײַן אויף הפֿקר, און דאָ קענען מיר אים באַדינען געטרײַער. ער איז דאָך יללעה[326] און מיר אַן אייגענער. ער איז רויִק און ליאַרעמט ניט. איר ווייסט, ער זאָגט תּהילים אין דער הויך און קדיש. *(זי גייט אַרויס)*

פּאַוועל: מהפך פשטא... *(עס פֿאַלט אים אַראָפּ די יאַרמלקע)*

---

[323] דער מיין פֿונעם וואָרט איז ניט פֿאַרשטענדלעך
[324] א״כ - פֿאַרצײַ
[325] א״כ - דאָס וואָרט פֿעלט
[326] דער מיין פֿונעם וואָרט איז ניט פֿאַרשטענדלעך

שמריה: נישט אַזוי הויך. *(ער טוט אים אָן צוריק די יאַרמלקע)* איר ווייסט עס, אַז באַלד צײַט צו גיין קדיש זאָגן אין שיל.

פאַוועל: קדיש? יתגדל ויתקדש...

שמריה: נישט דאָ, אין שיל. שטילער, שטילער...

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 13

*נעכע קומט אַרײַן, טראָגט פּײַערקוילן, רעכערט אים אונטער און זאָגט דערבײַ אַ שפּרוך. פּאַוועל פֿאַרהוסט זיך און זי זאָגט – נאַ זדאָראָוויע*[327]*.*

שמריה: איר וועט אים צום איבעריקן פֿאַרטשאַדן דעם מוח. ער געדענקט גאָר ניט פֿון פֿריִער.

נעכע: גאָר ניט. אַז מע רעדט מיט אים, קוקט ער אָן. זײַן בעסטע היילונג איז נאָר קדיש פֿאַר זײַן זון.

שמריה: לאָמיך טאַקע גיין, ווײַל ער וועט פֿאַרשפּעטיקן קריאת־שמע. *(ער טוט אים אָן און זאָגט אים – קדיש, קדיש!)*

*פּאַוועל הערט אים (געהאָרכט) אויטאָמאַטיש און זאָגט – קדיש, קדיש. ער גייט אַרויס. שמריה און ער קושן די מזוזה. פֿון דער אַנדערער זײַט קומט שׂימחה שץ.*

שץ: *(אויפֿגעלייגט)* קוק אָן, זי האָט שוין ווידער אָנגעמאַכט אַ טשאַד מיט אירע רפֿואות. עס וועט אים שוין גאָר ניט העלפֿן. לייג בעסער אַוועק דײַן קלאַפּערגעצײַג און קום. מען דאַרף דיך נייטיק דאָרטן האָבן.

נעכע: כ׳וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן! וואָס איז עפּעס געשען?

שץ: דאָס גאַנצע לעבן טוט זיך נאָר אַ מעשׂה אָנטאָן און לעבט נאָך. אַנדערע האָבן זיך שוין אין דער צײַט געשאָסן, פֿאַרסמט, פֿאַרטשאַדעט, און ווײַטער אַרײַנגעוואָרפֿן. גענוג זיך מעשׂות אָנגעטאָן, און דו לעבסט נאָך און וועסט נאָך גיין טאַנצן אויף אַ חתונה. מזל טובֿ! אונדזער חנה[328] איז צו מזל אַ כּלה געוואָרן!

נעכע: כ׳וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן! מיט וועמען?

שץ: ווידער? כ׳האָב דיר מורא שוין זאָגן מיט וועמען, ווײַל דו וועסט זיך נאָך אַ מעשׂה אָנטאָן. מיט דעם באַראָן.

---

[327] רוסיש – צו געזונט!

[328] חנה אָנשטאָט רחל

נעכע: וואָס מיינט מיט דעם באַראָן? מיט דעם גוי? כ׳וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן.

*שׂץ:* איך האָב געזאָגט, אַז זי וועט עס ניט אויסהאַלטן. בהמה בצורת באַראַן. ער איז נישט קיין גוי. ער האָט געבראַכט דאָקומענטן, זײַן ייִחוס־בריוו. ער איז אַ ייִד, אַ כּשרער ייִד. זײַן זיידע איז געווען אַ פֿרומער ייִד פֿון אַ גרעסערן ייִחוס. ער איז געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט אַ באָמבע, אָבער וואָס פֿאַר אַ באָמבע! מיליאָנען. און ער וועט חתונה האָבן מיט חנהלען און וועלן אַלע פֿאָרן קיין ארץ ישׂראל.

נעכע: כ׳וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן. קיין ארץ ישׂראל פֿאָרט מען שטאַרבן.

*שׂץ:* פֿאַר אַלטע לײַט. איצט פֿאָרן די יונגע, צו לעבן און לעבעדיק מאַכן, און לעבעדיק מאַכן אַלע טויטע ייִדן, וואָס זענען אָפּגעשטאָרבן פֿון אונדז. און מיר בלײַבן דאָ, ער קויפֿט אָפּ אַ גרויס הויז, צו מאַכן

### *אינעם כּתבֿ־יד – זײַטל* 14

אַ גרויסן חדר און איך וועל זײַן דער גאַנצער בעל־הבית, דער משגיח מיט אַ גובערנאַטאָרסקע געהאַלט. איך האָב שוין געשיקט נאָך אַ מנין ייִדן און נאָך דער חופּה. גיי נאָר גיך און טו זיך אָן, נאָר נישט קיין מעשׂה. דײַן זײַדן קלייד און פּוץ זיך אויך ווי אַן אייגענע מחותּניתטע צו חנהלעס חתונה. איאָ, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט!

נעכע: איך בין נישט ווערט אים צו דערמאָנען. *(זי קלאַפּט זיך אין די ציין)*

*שׂץ:* קלאַפּ זיך נישט אַרויס די ציין! וועסט דאַרפֿן עסן געבראָטענע קאַטשקעס אין דער וואָכן. מיר ווערן גבֿירים. נו, גיי, ברענג מיר אַרײַן דעם קאַפּעלוש, איך דאַרף געבן חופּה־וקידושין!

נעכע: *(לויפֿט אַרויס פֿריילעך, טאַנצנדיק, און פּליאַסקעט מיט די הענט)* איך דאַנק דיר, גאָטעניו! איך וועל מיטנעמען חלשות־טרויבן טאָמער ווערט דער כּלה עפּעס ניט גוט. מזל טובֿ, מזל טובֿ *(טאַנצן פֿריילעך אַרויס)*

### *ביז דאָ דער אויסגעמעקטער אָפּשניט*

נחמיה: איר זעט, מײַנע טײַערע, אַז די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון די שׂונאים אויף די ייִדישע מענטשן זענען ניט אַזוי געפֿערלעך, ווי די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון אונדזערע ייִדישע עלטערן אויף זייערע קינדערס ייִדישער נשמה, - די צוקונפֿט פֿון דעם גאַנצן ייִדנטום, די הייליקע פֿלאַמען פֿון אונדזער נאַציע. דער נײַער דור מיט זײַן פֿרישן מוטיקן גײַסט. מע זאָל דערלעבן אַרײַנצופֿירן זייער פֿאָלק אין דעם אייגענעם געבענטשטן לאַנד, ווי אַ זעלבסטשטענדיקע נאַציע גלײַך מיט אַלע נאַציעס פֿון דער וועלט.

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 15

## עפּילאָג

*(די בינע)[329] שטעלט פֿאָר אַ צימער – בײַם הינטערגרונט אַ גרויסער פֿאָרהאַנג – באַראָן גאַלאַ מיט חנהן אין אַ חופּה־קלייד שטייען אונטער דער חופּה, לעבן זיי נחמיה ***[330] אויך אין גאַלאַ, נאָר בלאַס. דער כאָר פֿון מענער און קינדער זינגען.*

*שיר מיט נעכען קומען אָן בײַם שלוס פֿון מזל־טובֿ, ווען אַלע צעקושן זיך, ווערט נחמיה שוואַך און קען ניט שטיין.*

נחמיה: די פּיס ... *(מיט אַ שווערער שטים)* פֿעטער, פֿירט אַרײַן דעם עולם אין יענעם הויז, ווו עס איז אָנגעגרייט אַ טיש און מאַכט אײַך פֿריילעך. *(אַלע גיין אַרויס, אויסער צמח מיט די חתן כלה)*

חנה: ברודער, וואָס איז מיט דיר? שטאַרק זיך.

נחמיה: איך האָב אײַך געבעטן איר זאָלט זיך ניט שרעקן, נישט טרויערן, נישט וויינען. איך פֿיל מײַן לעצטע שעה[331] איז נאָענט. איך בין איבערגליקלעך און פֿריילעך, וואָס איך זע אײַך פֿריש און מונטער. ~~אַזוינע מענטשן ווי מיר שטאַרבן ניט! זיי לעבן אָפּ און געבן איבער דאָס (נידריגע) לעבן אַנדערע.~~ איר זענט ביידע איין נשמה, און איין נשמה גייט איבער צון אײַך און וועט פֿאָרט לעבן אין אײַך מיט אַלע אירע ווונטשן, שטרעבונגען און האָפֿענונגען, מיט אַ פֿרש יונג פֿײַער צו אַרבעטן פֿאַר אונדזער טײַער ליבער אומגליקלעך פֿאָלק, און וועט זען זײַן ווידעראויפֿלעבן. דערפֿאַר איז דער מאָמענט בײַ מיר דער הייליקסטער, דער גליקלעכסטער ~~און פֿאַרגינטער~~ מײַן גאַנץ לעבן. מיט דעם, ווייס איך, באַריר איך דאָ אײַערע הענט. זעצט אײַך לעבן מיר, ווי איך אײַך איבערגיסן מײַן לעצטן אָטעם[332], מײַן גײַסט, איר זאָלט קענען פֿילן מיט מײַן נשמה און זען מיט איינע אויגן די נבֿואה, די וויזיע וואָס איך האָב געטרוימט בעת[333] מײַן גאַנץ לעבן. צמחל... דו, יונגער שיינער שפּערלינג (דרור) פֿון דער נײַער צײַט. קוק זיך צו, און מיט דער צײַט זאָלסטו ענדיקן דאָס בילד פֿון מײַן אידעאַל. זײַ אַ מוסטער פֿון דײַן קונסט, וואָס זי האָט דיר געגעבן אַ גאָט, אַ תּורה, און זײַ שטאָלץ פֿון דײַן געשיכטע און צײַג איבער אַלע דײַנע יונגע חבֿרים, אַז מע קען זײַן אַ געבילדעטער ייִד. *(פֿון אונטן עפֿנט זיך דער פֿאָרהאַנג).* זעט, ווי די אַלמנה בת־ציון אין איר טרויערקלייד פֿרעגט דעם שומר מה ***[334] און בעט גאָט – אויב אירע קינדער, וואָס זענען צעזייט אין דער וועלט, לעבן נאָך און צי וועלן זיי זיך דערמאָנען אין איר, און קומען אויך צו רעכטער צײַט זיך שטעלן אונטער איר פֿאָן צו העלפֿן איר פֿאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט און נאַציאָנאַלן גליק מיט דער זעלבער טרײַשאַפֿט און איבערגעגעבנהייט ווי זיי זענען טרײַ די פֿענער פֿון די נאַציעס, ווו זיי ווױנען און באַשיצן זיי מיט זייער מוט און בלוט.

---

[329] עס פֿעלט אינעם כתבֿ־יד

[330] דאָס וואָרט איז ניט לעזבאַר

[331] א״כ - שטונדע

[332] א״כ - הויך

[333] א״כ - וואַרענד

[334] איין וואָרט איז ניט לעזבאַר

*אינעם כתבֿ־יד – זײַטל* 16

1. די מוזיק שפּילט אַן אָריענטאַלישן מאַרש. עס מאַרשירט[335] ייִדיש מיליטער פֿון מאַראָקאָ, אַביסיניע, מיט זייערע פֿענער.
2. עסטרײַכיש־ייִדיש מיליטער מיט זייער מאַרש.
3. פֿראַנצייזישע מאַרסעליעזע – עס מאַרשירן פֿראַנצייזישע ייִדישע מיליטער, געפֿירט פֿון קאַפּיטאַן דרייפֿוס...
4. רוסישער מאַרש – עס מאַרשירן רוסיש־ייִדישע מיליטער, אַלע מיינסטס פֿאַרווונדעטע[336].

5. אַמעריקאַנער־ייִדיש מיליטער מיט זייער נאַציאָנאַלער פֿאָן, יעקע דידל מאַרש.

דער טראָמייט בלאָזט אַ תּרועה גדולה, די פּויק טוט אַ שטאַרקן קלאַפּ - דאָס בילד בײַט זיך[337] מאָמענטאַל - אַ שטאַרק באַלײַכטע קאָלאָנאַדע מיט טרעפּ, אַ פֿאַסאַד פֿון אַ ריזיקן טעמפּל – די אַלמנה בלײַבט שטיין אין אַ גאָלד־בריליאַנטן קאָסטיום מיט אַ פֿריידיקן שמייכל. אין דער רעכטער האַנט - אַ לאַנגע בלוי־ווײַסע פֿאָן, אין דער לינקער האַלט זי אין דער הייך אַ ברענענדיק פֿרײַהייט־פֿאַקעל. אַלע פֿאַלן כּורעים, הייבן זיך אויף מיט איין – הוראַ!!!
נחמיה וויל זיך אויפֿהייבן מיט אַ פֿריידעניש ריי - פֿאַלט צוריק - אַ פֿײַערפֿלאַם פֿליט אַרויס פֿון אים צום מגן־דוד , וואָס (געפֿינט זיך[338]) אויף איר קאָפּ, וועלכער שימערירט מיט פֿאַרשיידענע פֿאַרבן.
דער אָרקעסטער שפּילט ״התיקוה״.

---

[335] א״כ - פֿאַסירט
[336] א״כ - גראַניעטע
[337] א״כ - פֿאַרוועקסלט זיך
[338] א״כ - די אָ ווערטער פֿעלן אינעם כתבֿ־יד

# בן־עמי

אַ פֿאָלקס־שטיק[1] אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און אַן עפּילאָג

## פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען

**פּערזאָנען[2]:**

פּאַוועל פּעטראָוויטש מאַרגאָלין

פֿעדאָסיאַ, זײַן ווײַב

אָלגאַ

פֿעליקס

רחלע, אַ פּיאַנע־לערערין

עזרא, איר ברודער, אַ מאָלער, זשורנאַליסט (רופֿט זיך בן־עמי)

נעכע, זייער מוטערס אַ שוועסטער

שׂמחה שַׂץ, איר מאַן, פֿעאָדאָסיעס[3] ברודער, העברעיִשער לערער

מאַטוויי גריגאָריעוויטש, אַ טשלען פֿון דער "דומע", אַ שיכור

באַראָן הײַענשטעטער, פֿון ווין

פּעשקאָוו, אַ פֿאָטאָגראַפֿיסט[4] בײַ עזראן

האָטעלווירט[5]

דינער

שטובמיאָדכען[6]

אַ רויט יידל

באַדינטע

יתומים

פֿאָלק

פֿאַרשיידענע מיליטער[7]

---

[1] פֿאָלקס־פּיעסע

[2] פּערסאָנאַזשן

[3] אינעם כתבֿ־יד טרעפֿן זיך דרײַ וואַריאַנטן פֿון דעם אָ נאָמען - פֿעדאָסיאַ, פֿעאָדאָסיאַ, פֿעדאָסיע

[4] פֿאָטאָגראַף

[5] באַלעבאָס פֿונעם האָטעל

[6] שטובמיידל

[7] מיליטער־לײַט

## פּראָלאָג

*עלעגאַנטער צימער אין אַ גראַנד־האָטעל אין אָדעס. פֿון לינקס - אַ טיר, וועלכע פֿירט אין שלאָפֿצימער. פֿון רעכטס - אַ גרויס פֿענצטער אין דרויסן אַרײַן*[8]*. אויפֿן פֿאָן*[9] *– אַ טיר, וואָס פֿירט אין קאָרידאָר.*

*בײַם פֿאָרהאַנג־אויפֿגיין הערט זיך אַ גערויש אויף דער גאַס. דינער (איז) באַשעפֿטיקט מיט פּאַקן.*

*באַלעבאָס שטייט מיט אַ רעכענונג אין דער האַנט.*

באַלעבאָס: האָסט אַלץ צוזאַמענגעפּאַקט?

דינער: איך האָב געהערט!

באַלעבאָס: מאַך עס שנעלער, דער יונגער באַראָן אײַלט זיך אַוועקצופֿאָרן. אַ שאָד[10], אַזאַ רײַכער נאָבלער גאַסט וואָלט געקענט לענגער בלײַבן. אַלע בעסטע געסט צעלויפֿן זיך.

דינער: פֿאַר מיר איז בעסער ווען די געסט בלײַבן נישט לאַנג, און עס קומען אָן אַלע טאָג פֿרישע. כאַפּ איך אַלע מאָל פֿרישע... *(מימיק פֿון געלט)*

באַלעבאָס: שטיל, באָלוואַן!

דינער: איך האָב געהערט. *(פּאַקט)*

*באַראָן, באַווײַזט זיך אין דער מיטלסטער טיר, געקליידט גאַלאַנט.*

באַראָן: איז אַלץ פֿאַרטיק? די רעכענונג, שנעל!

באַלעבאָס: אַלץ איז פֿאַרטיק. *(דערלאַנגט אַ רעכענונג)*. אַנטשולדיקט, הער באַראָן, איר האָט מיר געזאָגט, אַז איר ווילט דאָ פֿאַרבלײַבן אַ לענגערע צײַט, און איר אײַלט זיך אַזוי.

באַראָן: איך האָב געפֿאָדערט פֿון אײַך די רעכענונג פֿאַר מײַנע האַנדלונגען, מאַכט עס שנעל.

באַלעבאָס: זײַט מיר מוחל, איך האָב געמיינט צו זאָגן, אַז דאָ, אין מײַן האָטעל, זענט איר זיכער. איר זענט אַ קריסט און האָט נישט וואָס מורא צו האָבן.

באַראָן: מורא האָט אַ חיה[11]. און בײַ מענטשן איז דאָ ערגערס פֿון מורא. די בושה[12], עס באַליידיקט יעדעס מענטשלעכע געפֿיל צו זען, אַז ער געהערט צו אַ ראַסע פֿון ווילדע בעסטיעס[13].

באַלעבאָס: עס איז וואָר. אָבער פֿאַר וואָס[14]? *(עס לאָזט זיך הערן אַ גערויש*[15]*).*

[8] אינעם כתבֿ־יד (ווײַטער – א״כ) – אויף דער שטראַסע
[9] א״כ - אים הינטערגרונט
[10] א״כ – שאַדע
[11] א״כ – טיער
[12] א״כ – שאַנדע
[13] א״כ – בעסטיען
[14] א״כ – וואַרום
[15] א״כ – גערויש הערבאַר

באַראָן: איר זוכט בײַ מיר אַן ענטפֿער[16]? ענטפֿערן אײַך איז דען נישט דײַטלעך, גענוג די שטימען פֿון דרויסן? *(עפֿנט אויף דאָס פֿענצטער.)* זעט איר דען נישט דײַטלעך דאָרט די שוידערהאַפֿטע בילדער? אַ? איר זעט ווי אַ ווילדע חיה יאָגט נאָך זײַן אַן אומשולדיקן קרבן[17]. ווי איינער לויפֿט נאָך אַ טויב און וויל זי צערײַסן. אָט־אָט האָט ער זי געכאַפּט. זי רײַסט זיך אויס פֿון אים און לויפֿט ווײַטער. קומט שנעל, מיר מוזן זי ראַטעווען. *(גייט אַרויס מיטן דינער[18]).*

באַלעבאָס: *(בײַם פֿענצטער)* אַ געזונטער קערל! דער מערדער האָט זיך פֿאַר אים דערשראָקן, ער האָט אים אַ שלײַדער געטאָן צו דער ערד, און אַרויסגעריסן די פֿרוי פֿון זײַנע הענט... ער לויפֿט אַהער. *(גייט עפֿענען די טיר.)*

*באַראָן און דער דינער פֿירן רחל, זי איז בלאַס, די האָר צעשויבערט. אַ שטיק העמד פֿון אַקסל איז אָפּגעריסן, אַנטבלויזט, עס זעט זיך בלוט, זי איז אָנמעכטיק.*

באַראָן: שנעל אַ דאָקטער! (דער באַלעבאָס איז אָפּ[19]). וואַסער! (דינער נעמט אַ פֿלאַש וואַסער פֿון טיש, באַשפּריצט איר פּנים[20]. זי עפֿנט אויף די אויגן, קוקט זיך אַרום מיט שרעק, שליסט די אויגן). העלף מיר זי אַרײַנברענגען אין שלאָפֿצימער, זי לייגן אויף אַ בעט, זי איז שוואַך. *(פֿירן זי אין שלאָפֿצימער).*

*באַלעבאָס און דער דאָקטער פֿירן רחלען אין צימער, באַראָן זעצט זיך אויפֿגערעגט אין אַ פֿאָטעל[21], ווישט דעם שווייס מיט אַ טיכל. באַלעבאָס לויפֿט אַרויס, קלינגט. עס קומט אַרײַן די דינסט.*

באַלעבאָס: לויף אַרײַן אין צימער און העלף מיט וואָס דער דאָקטער וועט דיר באַפֿעלן. *(דינסט איז אָפּ). (קוקט דורך דעם פֿענצטער)* זיי האָבן אָפּגעטראָטן, דער האָטעל איז באַוואַכט. מע דאַרף גיין הייסן צושליסן דעם טויער. *(איז אָפּ)*

*עס קומט אַרײַן דער דאָקטער[22].*

באַראָן: ווי האַלט עס, הער דאָקטער?

דאָקטער: קיין געפֿאַר. כ'האָב אַלץ דערקלערט דער שטובמויד. די פּאַציענטין מוז נאָר האָבן רו.

באַראָן: איך האָב דעם כּבֿוד זיך פֿאָרצושטעלן. באַראָן הײַענשטעטער. אַ רײַזנדער פֿון ווין. *(גיט אים די האַנט, ווײַזט אים זיך אַוועקזעצן.)*

דאָקטער: פּראַקטיציר־דאָקטער יעקבֿ פֿינקלשטיין. (באַראָן גיט אים אַ סיגאַר. ער פֿאַררייכערט). עס איז אײַך געוויס ניט אָנגענעם דער גאַנצער אומשטאַנד, עס האָט אײַך אפֿשר געשטערט פֿון אײַערע געשעפֿטן?

---

[16] א״כ - אַנטוואָרט
[17] א״כ - אָפּפֿער
[18] א״כ - אָב מיט דינער
[19] א״כ - ווירט אַפּ
[20] א״כ - שפּריצט איר פּנים
[21] א״כ - האָט אין אַ זעסל אויפֿגערעגט
[22] א״כ - דאָקטער דערשײַנט

באַראָן: ווי אומאָנגענעם מיר איז דער גאַנצער אומשטאַנד, האָט עס מיר גאָר נישט געשטערט פֿון מײַנע געשעפֿטן, דען דער אייגנטלעכער צוועק פֿון מײַן רײַזע, איך בין אַן עטנאָלאָג[23], מײַן באַרוף איז צו פֿאָרשן נאַטור און מענטשן, צו שטודירן טעאָרעטיש און פּראַקטיש די נאַטור־געשיכטע פֿון אַלע פֿעלקער. צווישן אַלע פֿעלקער האָט באַזונדער איין נאַציע געצויגן אויף זיך די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט, און דאָס איז – די ייִדישע נאַציע. געוויס האָט יעדע נאַציע איר געשיכטע[24], אירע פֿעלער, אָבער די פֿעלער, וואָס מיר שרײַבן צו דער דאָזיקער נאַציע זײַנען אונדזערע אייגענע, און די גוטע אייגנשאַפֿטן זײַנען זייערע.

*די דינסט קומט אַרײַן פֿונעם שלאָפֿצימער, גייט צו צו דער מיטלסטער טיר. דער דאָקטער פֿרעגט זי מיט מימיק וואָס מאַכט די פּאַציענטין. זי ענטפֿערט – אַלץ אין אָרדענונג.*

איך האָב די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט פֿאַרשיידענע[25] גרויסע געלערנטע און געניעלע[26] קינסטלער. בעת מײַן רײַזע איבערן נאָענטן מיזרח[27], באַזוכנדיק אַלע מערקווירדיקייטן אין פּאַלעסטינע, געפֿין איך זיצן אַ יונגן מאָלער, וואָס קאָפּירט דעם אַלטן מויער, וועלכן ייִדן רופֿן אָן[28] ״כּותל־מערבֿי.

דאָקטער: קענט איר[29] העברעיִש?

*דינסט לויפֿט צוריק, טראָגט קליידער.*

באַראָן: איך לערן די שפּראַך[30]. מיר האָבן זיך גוט באַפֿרײַנדעט און פֿירן פֿון דער ווײַטנס אַ קאָרעספּאָנדענץ־פֿאַרבינדונג[31].

דאָקטער: ווי איז זײַן נאָמען?

באַראָן: איך קען אים אונטער דעם נאָמען בן־עמי. דאָס איז אָבער זײַן פּסעוודאָנים ווי אַ זשורנאַליסט, זײַן ריכטיקן נאָמען האָט מיך ניט אינטערעסירט צו וויסן.

*עס קומט אַרײַן די שטובמיידל. ביידע שפּרינגען אויף און לויפֿן צו צו דער טיר. דאָס מיידל פֿירט אַרויס אויף אירע פּלייצעס[32] רחלען מיט אַ דערווידערט בליק.*

רחל: ווו בין איך דאָ?

באַראָן: אין אַ זיכער אָרט, אויסער געפֿאַר. דאָס איז דער הער דאָקטער וואָס באַהאַנדלט אײַך.

דאָקטער: און דאָס איז דער הער באַראָן, וואָס האָט אײַך געראַטעוועט פֿון מערדערס הענט.

---

23 א״כ - מײַן באַרוף אַלס עטנאָלאָג
24 א״כ - פּאַבעל
25 א״כ - מאַנכע
26 א״כ - זשעניעלע
27 א״כ - בײַ מײַנער רײַזע אום אָריענט
28 א״כ - גענאַנט בײַ די יודען
29 א״כ - קענען זי
30 א״כ - איך שטודירע די שפּראַכע
31 א״כ - מיר האָבן געשלאָסן די אינטימסטע פֿרײַנדשאַפֿט און זעצן אויף פֿאָרט פֿון ווײַטנס אונדזער קאָרעספּאָנדענץ.
32 א״כ - שולטער

רחל: און ווּ איז מײַן מוטער, מײַן טײַערע מוטער?

*וויל צוגיין צו דער טיר, אַלע פֿאַרהאַלט זי*[33].

באַראָן: מיר קענען אײַך ניט לאָזן גיין אין געפֿאַר צו באַצאָלן מיט אײַער לעבן פֿאַר אײַער מוטערס לעבן, מיר קענען שיקן אַ מענטשן, אַז ער זאָל ברענגען זי אַהער. שרײַבט אויף דעם אַדרעס פֿון אײַער הויז. דאָ איז טינט און אַ פֿעדער.

*זי שרײַבט, באַראָן קלינגט. עס קומט אַרײַן דער באַלעבאָס.*

זײַט אַזוי גוט, גייט און וואָס גיכער זוכט אויס לויט דעם אָ אַדרעס דאָס הויז, ווּ דאָס מיידל ווינט און ברענגט איר מוטער אַהער.

דאָקטער: וואַרט, איך גיי אויך מיט אײַך.

*גייט אַרויס צוזאַמען מיטן באַלעבאָס*[34].

רחל *(ווײנט)*: מײַן גאָט! מיט וואָס האָב איך אַזוי געזינדיקט? וואָס בין איך שולדיק?

באַראָן: איר זענט פּונקט אַזוי שולדיק ווי אַן אָרעם טײַבעלע, וואָס האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן די רויבפֿייגל.

רחל: און פֿון וואָס פֿאַר אַ סאָרט פֿייגל זענט איר?

באַראָן: פֿון דעם סאָרט, וועלכע ברענגען אַ שלום־בשׂורה[35] אויף דער וועלט.

רחל: אָבער, מײַן מוטער, ווּ איז מײַן מוטער? לאָזט מיך. *(ער האַלט זי)*

באַראָן: בײַם בעסטן ווילן קען איך אײַך נישט דערלויבן אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, ווײַל אין דער אָ שטאָט דאַרפֿט איר אײַך נישט געפֿינען מער. האָט איר אויסער אײַער מוטער נאָך פֿרײַנט, באַקאַנטע אין אַנדערע שטעט.

רחל: אויסער מײַן מוטער האָב איך נאָך אַן איינציקן ברודער, עזרא. אַ צײַט, אַז ער איז אין אַ רײַזע, און מיר האָבן לאַנג פֿון אים נישט געהערט. אויסער אים האָבן מיר נאָך ווײַטע קרובֿים[36] אין וואַרשע.

באַראָן: געדענקט איר דעם נאָמען? איר בין אין דער שטאָט באַקאַנט.

רחל: די מאַרגאָלינס.

באַראָן: פּאַוועל פּעטראָוויטש מאַרגאָלין? *(זי ניקט)* איך בין זייער גוט באַקאַנט אין דעם נאָבלן הויז, אַהין קען איך אײַך מיט אײַער מוטער באַגלייטן, אָדער שיקן עמעצן מיט אײַך. איך וועל אײַך אַוודאי די רײַזע־קאָסטן באַצאָלן, אויב איר וועט (מיר) דערלויבן.

רחל: איך דאַרף נישט (קיין) פֿרעמדע שטיצע, איך דערנער מיך פֿון מײַן פּראָפֿעסיע.

---

33 א״כ - וויל צום טיר, זיי האַלטן זי צוריק

34 א״כ - אַב מיט ווירט

35 א״כ - עלבירט פֿון פֿרידן

36 א״כ - פֿערוואַנדטע

באַראָן: און דאָס איז, אויב איך מעג אײַך פֿרעגן?...

רחל: מוזיק־לערערקע.

באַראָן: האָ, איך קען אײַך אין אַ סך בכּבֿודיקע הײַזער רעקאָמענדירן, אויב מײַן פּראָטעקציע וועט אײַך ניט באַלעסטיקן.

רחל: אָבער, מײַן מוטער, וווּ איז מײַן מוטער?

באַראָן: זײַט נישט פֿאַרצווייפֿלט.

*קומט אַרײַן דאָקטער.*

(געזאַנג ביז) $\mathcal{N}$

**פֿאָרהאַנג**

## ערשטער אַקט

*אַן עלעגאַנטער רײַכער סאַלאָן בײַ די מאַרגאָלינס. לינקס פֿון פּובליקום צוויי טירן. צווישן די טירן אַ רונדער טיש מיט פֿאָטעלן. רעכטס – אַ טיר. אַ ברענענדיקער קאַמין, וואָס וואַרפֿט אַ רויטע שײַן אין הויז. אויף די ווענט – פֿאַרשיידענע בילדער, דער צאַר מיט דער צאַריניע, די הייליקע צעציליע. אין אַ ראַם אַ בילד פֿון דער נאַקעטער ווענוס. אין אַ ווינקל הענגט אַ בילד, וואָס שטעלט פֿאָר אַ גאַליציאַנער רבֿ מיט אַ שיינער באָרד און פּאות און אַ יאַרמלקע. סטאַטוען אַרום די ווענט. אויפֿן פּאָן - אַן אַרקע, וואָס פֿירט אין אַן עלעגאַנטן פֿאָרצימער. טיפֿער פֿונעם פֿאָרצימער זעט מען אַ גרויס פֿענצטער, דורך וועלכן עס זעט זיך אַרויס דער פּאַראַדנע פּאָדיעזד, באַלויכטן פֿון דרויסן מיט צוויי גרויסע לאַמטערן. עס זעט זיך די גאַס מיט הײַזער, באַדעקטע מיט שניי. בײַ אַ געדעקטן טיש זיצן פֿאַרטיפֿט אין עסן און טרינקען פּאַוועל פּעטראָוויטש, לעבן אים מאַטוויי און פֿעליקס אין אַ "זשאָקייסקע קאָסטיום", לינקס פֿון פּאַוועלען זיצט זײַן ווײַב פֿעדאָסיאַ, לעבן איר אָלגאַ. שׂך דרייט זיך אַרום אין שטוב, היימיש, רייכערט אַ סיגאַרעט, קוקט אויף די בילדער, און באַלד גייט ער צו צום רונדן טישל און טרינקט (פֿון) ווײַן. מאַטוויי טרינקט (זשליאָקעט אויס)[37] מיט אַלע אַ גלאָז ווײַן.*

פּאַוועל: נו, זאָלן זיי זיך גיין אָפּקילן און טרינקען קאַווע[38], די יונגע־לײַט.

*אַלע זינגען, נאָך דעם אַלע זײַנען אָפּ[39].*

און מיר אַלע וועלן נאָך נעמען דאָ צו ביסלעך פּונש. וואָס, האַ? מאַטוויי גריגאָריעוויטש, מיר האָבן דאָך נאָך גאָר נישט געטרונקען, ברודער, *(גיסט אים אָן אַ גלעזל)*. דו, מאַטוויי, האָסט שוין פֿאַרדינט אַ סך בליאַשקעס[40] און איך ערשט איינס. נו, נאַ־זדאָראָוויע[41]! *(טרינקט)*

מאַטוויי: דוואַדצאַט פּיאַט לעט[42] געדינט דעם צאַר אין דער דומע, ווערנאָ און פּראַוודוי[43].

פּאַוועל: און איך האָב געגעבן פֿאַר דעם איינעם טשין[44] דוואַדצאַט פּיאַט טיסיאַטש[45] פֿאַרן קראַסני קרעסט[46], און דערצו נאָך באַקומען פּאָטשיאָטני פּאָטאָמסטוועני גראַזשדאַנין[47]. (צו פֿעאָדאָסיען) נו, וואָס זאָגסטו צו דײַן פּאַוולען?

אָלגאַ: מאַמאַשע, לאָז מיך רעדן. איז נאָך צײַט צו פֿאָטאָגראַפֿירן?

---

[37] א״כ - שלוקט אָן
[38] א״כ - קאַפֿע
[39] א״כ - אַלע זינגען, דאַן אַב
[40] פֿאַרצויגן פֿון רוסיש. בליאַשקע מיינט אַ ספּראָנטשקע פֿון אַ גאַרטל. דאָ - אַ באַלוינונג־צייכן
[41] רוסיש – לחיים!
[42] רוסיש – פֿינף און צוואַנציק יאָר
[43] רוסיש – געטרײַ
[44] רוסיש – פּאָסטן, שטעלע
[45] רוסיש – 25 טויזנט רובל
[46] רוסיש – רויטער קרייץ
[47] רוסיש – ערן־בירגער

פעשקאָוו: איך וועל באַלד פֿאַרטיק מאַכן דעם אַפּאַראַט. *(גייט אַרויס)*

אָלגאַ: נישטאָ קיינער. איך בין נײַגעריק צו וויסן צי דער באַראָן קומט אַהער.

*שׂימחה, מיט פּאַפּירן, פֿון לינקס.*

האַ! דער פֿעטער! פֿעטער, איר זענט דאָ ווי בײַ אײַך אין דער היים. עס איז אײַך דאָ פֿריילעך. אײַער רחלע איז שוין מער נישט פֿאַרוויינט? זי האָט דאָ איר ברודער עזרא, און דער באַראָן קומט אויך געוויס אַהער, צו הערן זינגען אירע לידלעך... וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?

שׂימחה: אויף דיר וווּנדערט מיך נישט. איך וווּנדער מיך אויף דער אָבעזיאַנע[48] אין פּלודערן. אַזאַ חיה קען מען נאָר זען בײַ ייִדישע גויים פֿון דער מאָדנער קנאָבלעסע. אוי־ווי, אוי־ווי, דוואָסיע אין פּלודערן מיט אַ קאַשקעטל, און פֿאָרט רײַטנדיק. ווי אַזוי האָסטו נישט גאָט אין האַרצן? די ייִדענע קען זיך נאָך איבערקערן און זיך צעברעכן הענט און פֿיס.

דוואָסיע: דו האַלטסט נאָר אין איין שעלטן. אַז גאָט איז ליב איז מיר ניחא. ניכײַ בודע טאַק[49]!

שׂימחה: זי רעדט נאָך מיט גאָט.

*פּעשקאָוו רופֿט דוואָסיען הינטערן פֿאָרהאַנג.*

אָלגאַ: פֿעטער, איז דער באַראָן דאָ נישטאָ?

שׂימחה: וואָס דאַרפֿסטו דעם באַראָן?

אָלגאַ: נישט אײַער געשעפֿט, פֿעטער, ענטפֿערט וואָס מע פֿרעגט אײַך. איז דער באַראָן דאָ?

שׂימחה: שאַ, שאַ, אויב דו ווילסט דווקא דעם באַראָן, וועל איך דיר אים אַרײַנשיקן. *(שׂימחה איז אָפּ)*

אָלגאַ: הייסט עס, קומט דאָך אַהער דער נאָבלער פֿײַנער מאַן.

*עזרא קומט. זי בלײַבט אַנטוישט, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, פֿאַרשעמט.*

פֿעדאָסיאַ: אַז דיר איז ניחא, איז מיר אויך ניחא. ניכײַ בודע טאַק!

פּאַוועל: נאַ זדראַוויטשקאַ[50]! הער מאַטוויי, בראַט[51]. אַז איך וועל דורך דײַן פּראָטעקציע ווערן אַ טשלען[52] אין דער דומע, וועלן מיר ערשט (ווינקט מיט אַן אויג) געלט ניע פּאָטשיאָם[53]! וואָס, האַ? *(שלאָגט אָן אין מאַטווייס גלאָז, גיסט ווידער אָן).*

פֿעליקס: (טרינקט) קאָמאַנסאַוואַ[54], מאַטוויי גריגאָריעוויטש!

---

[48] רוסיש – מאַלפּע

[49] אוקראַיִניש – עס זאָל זײַן אַזוי!

[50] רוסיש – צו געזונט!

[51] רוסיש – ברודער

[52] רוסיש – מיטגליד

[53] רוסיש – געלט איז גאָרניט. עס מיינט – כ׳וועל געבן וויפֿל מע דאַרף, כאַבאַר

[54] פֿאַרצויגן פֿון פֿראַנצייזיש - Comment ça va ? - וואָס הערט זיך?

פֿאַוועל: און דיר, סינאָק[55] מײַנער, קויף איך צוליב דעם פּראַזדניק[56] אַ טײַער פֿערדל.

פֿעליקס (קושט אים): דאָראָגוי פּאַפּאַשאַ[57], זאָגסט נישט קיין ליגן? איך האָב אַ רעוואָלווער, איך שיס, הוראַ פֿאַרן פּאַפּאַשאַ! הוראַ פֿאַרן פֿערדל!

*שׂימחה קומט אַרײַן.*

דיאַדיאַ[58], דיאַדיאַ, ווי זאָגט מען פּאָ יעווריייסקו[59]? אַלעקום באַלעקום! *(וואַרפֿט זיך אויף קאַנאַפּע)*

פֿאַוועל: האַהאַ! ברוך הבא, אַ ייִד, ר׳ *שׂימחה שץ*. וואָס מאַכסטו עפּעס? ביסט געקומען אַוודאי ברענגען דײַן קעסטקינד (די יתומה) כשר עסן, מיר זײַנען דאָך טריפֿהניקעס, וואָס, האַ?

*שׂימחה*: איך בין געקומען וועגן אַ וויכטיק געשעפֿט.

מאַטוויי: געשעפֿט, געשעפֿט! זשיד[60]!

פֿאַוועל: מיר ליגן איצט נישט אין זינען דײַנע געשעפֿטן. בײַ מיר איז הײַנט אַ יום־טובֿ.

*שׂימחה*: גוט־יום־טובֿ דיר.

פֿאַוועל: האָסט נישט געלייענט  אין דער צײַטונג? קוק אָן, ר׳ *שׂימחה שץ*. *(ווײַזט[61] אים דעם מעדאַל)*

פֿעדאָסיאַ: פֿאַר וואָס ביסטו נישט געקומען מײַן מאַן, ווי אַלע גוטע פֿרײַנד, אים קראַצולירן[62], וואָס ער באַקומען פֿון קיסר אַ גאָלדענעם מעדאַל  פֿאַר דעם ״רויטן קראַץ״.

פֿעליקס: ככּכ! ״רויטער קרייץ״, מאַמאַשע.

*שׂימחה*: איך דאַרף אים נישט קראַצולירן. ער קען זיך אַליין קראַצן, אָן מיר.

פֿאַוועל: ר׳ *שׂימחה*, אָבער, אַ ברכה וועסטו דאָך יאָ מאַכן אויף דעם. *(ווײַזט אויפֿן גלאָז)*. ביסט דאָך געוווינט צו מאַכן אַ ברכה, ככּכ! גייסט דאָך אויף חתונות, אויף בריתן...

*שׂימחה*: איך גיי צו לוויות אויך. איך בין אויך געוווינט צו מאַכן אַ מלא.

פֿעליקס: מלא, מלא... דיאַדיע, לערן מיך אויס פּאָ יעווריייסקי. וואָס אונדזער עזרא האָט מיך אַ מאָל געלערנט האָב איך שוין פֿאַרגעסן.

*שׂימחה*: זאָג נאָך, – יתגדל...

פֿעליקס: אי סקאַנדאַל!

פֿעדאָסיאַ: ברודער, וואָס זאָגסטו מיט אים קדיש, איך לעב נאָך.

---

55 רוסיש – זונעניו, דימינוטיוו פֿון ״זון״

56 רוסיש – חגא, יום־טובֿ

57 רוסיש – טײַערער פֿאָטער

58 רוסיש – פֿעטער

59 רוסיש – אויף ייִדיש

60 רוסיש – אַ זידלוואָרט, עבֿרית - יהודון

61 א״כ – צײַגט

62 פֿאַרצויגן פֿון ״גראַטולירן״, אַ וואָרטשפּיל

שׂימחה: האָב (נישט) קיין מורא. דו וועסט אויסלעבן דײַנע יאָרן און ער וועט נאָך אַלץ קיין קדיש נישט קענען.

פֿאַוועל: *(צו פֿעאָדאָסיען)* גיס דו דערפֿאַר אַליין אָן אַ כוס דײַן ברודער. *(זי טוט עס. ער נעמט עס)* שטיי, וואָס פֿאַר אַ ברכה מאַכט מען, אַז אַ דאַמע דערלאַנגט אַ כוס?

שׂימחה: *(שעפּטשעט)* בורי פּרי אַדמה.

פֿעדאָסיאַ: *(פֿאַרגלאָצט די אויגן)* אָמן רבש״ע *(רבונו־של־עולם)*.

פֿאַוועל: מע מוז נאָר עסן נאָכן שולחן־ערוך? אַ פֿראַנצייזישער קאָך פֿאַרשטייט נישט בעסער הילכות אכילה ווי דײַנע בטלנים? דיר חלומט זיך אַלץ די יִדישע מאכלים וואָס מיר האָבן געגעסן בײַ דײַן טאַטן, מײַן שווער, אויף קעסט, אַ מוציא מיט האָניק. קניידלעך, שקצים מיט מאָן, כל־נידרי־באַרלעך. כככ! *(פֿעליקס לאַכט)* אַוועק די אַלטע צײַטן. די צײַט רוקט זיך און מיר מיט איר. פּראָגרעס, ברודער, ציוויליזאַציע, אַסימילאַציע.

שׂימחה: ווײַטער, – רעסטאָראַציע, פּראָפֿאַנאַציע, קאָראָנאַציע.

מאַטוויי: אַנאַרכיסט, שעלמאַ[63]! נאַ זדאָראָוויע!

פֿאַוועל: אַפֿילו דײַן שוועסטער האָט זיך שוין אויך צוגעווינט צו די מאכלים, וואָס דאָ.

פֿעדאָסיאַ: אַז דיר איז ניחא איז מיר אויך ניחא, ניכײַ בודעט טאַק!

שׂימחה: מיר דאַכט, אַז עס איז שוין גלײַכער צו עסן טריפֿות בײַ אַ כשרן גוי, איידער בײַ אַ טריפֿהנעם יִדן חזיר.

פֿאַוועל: ע... ע... ר׳ *שׂימחה שץ.*

שׂימחה: איך הער דיך ווי די קאַץ.

פֿאַוועל: גראַמפּערלעך! זאָגסט גראַמען אויך?

שׂימחה: ווילסט אָן גראַמען? נו, הער איך דיך ווי דעם קאָטער. *(אַלגעמיינער קריג)*

אָלגאַ: נו זאָל[64] שוין זײַן גענוג. ווען עס קומען זיך צונויף קאָנסערוואַטיווע מיט ליבעראַלע מוז ווערן אַ שטיקל סקאַנדאַל. פּאַפּאַשאַ, די געסט ווילן פֿאַרן אַוועקפֿאָרן נאָך אַ ביסל טאַנצן. בעט דײַן פֿאַרזאָרגטע קרובֿה זי זאָל אונדז שפּילן וואַלסן[65].

פֿעדאָסיאַ: אָלגעלע, דו קענסט דאָך אויך שפּילן, לאָז דער פֿעטער אויך הערן ווי דו שפּילסט שוין אַזוי וויל די ״אונטערמאַצע״ פֿון כאָלעריאַ פּיסטיקאַנאַ.

אָלגאַ: מאַמאַשאַ!

פֿעליקס: כככ! פּיציקאַטאָ... ״קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ״... אַ טשיסטע קאָראָוואַ[66]...

---

[63] רוסיש – אַ פּלוט, אַ דרייער

[64] א״כ – לאָז

[65] א״כ – וואַלצער

[66] רוסיש – גלײַך צו אַ קו, אַן אמתע קו

פּאַוועל: איך ווייס נישט צי זי וועט מיך פֿאָלגן. דער פֿעטער וואָס קאָראָוועט[67] זי מיט כשרן קוגל וועט גיכער בײַ איר פּועלן. נו, שׂימחה שׂץ, רעד דו נאָר איבער מיט דײַן רחלען זי זאָל צו ליב טאָן און צוליב הײַנטיקן יום־טובֿ, עפּעס פֿאָרשפּילן און פֿאָרזינגען.

שׂימחה: איך זאָל זי נאָך גיין בעטן זי זאָל משׂמח זײַן אַזוינע ייִדן וואָס מאַכן הוליאַנקעס פֿאַר אונדזערע שׂונאים? אין אַזאַ צײַט וואָס בײַ אַלע ייִדן איז הײַנט אַזאַ טיפֿער טרויער? איך קען אויך ניט זײַן דערבײַ.

אָלגאַ: איר דאַרפֿט נישט זײַן בייז, דיאַדיאַ, דאָס איז איר פּראָפֿעסיע, זי גיט מוזיק־לעקציעס און דאָס איז איר פֿליכט, זי מוז עס טאָן. דערפֿאַר האַלטן מיר זי בײַ אונדז אין שטוב.

פֿעליקס: קום, שוועסטער, רחלען וועל איך בעטן, זי איז מיר גוט און איך בין איר גוט, און מיר וועט זי צו ליב טאָן. מאַמאַשאַ, נעם דיר דײַן קאַוואַליר. *(אָפּ מיט אָלגאַן)*

פֿעדאָסיאַ: אַז דיר איז ניחא איז מיר אויך ניחא, ניכײַ בודע טאַק! *(וויל אַרומנעמען מאַטווייען)*

מאַטוויי: וואָס וויל די באָבע פֿון מיר? איך האָב אַ מאָל געקענט האָפּקען, הײַנט קען איך נאָר דאָס. *(טרינקט).*

פּאַוועל: דו מיינסט אַוודאי, שׂימחה, אַז בײַ מיר אין שטוב זינגט מען אײַערע ייִדישע ניגונים, וואָס הא מהפּך פּשטא, מונח אתנחתא, פּזר, ככּכ! בײַ אונדז זינגט מען נאָר איטאַליענישע אָפּעראַס, לאַ בעלאַ מאָבעלע...

שׂימחה: אַ גדולה אויף דײַן באָבעלע...

פּאַוועל: אַ מכּה דיר אַ כוואָראָבעלע...

שׂימחה: עס איז נישט קיין ווערטער נאָבלע... וואָס טויג מיר דאָס? איך בין נישט געקומען אַהער זיך משׂמח זײַן מיט דיר, מען האָט מיך געשיקט פֿון אַ חבֿרה איך זאָל בײַ דיר פּועלן זאָלסט שענקען עפּעס אַ רײַכע נדבֿה פֿאַר די אומגליקלעכע יתומים. איך ווייס, פֿאַר גויים גיבסטו...

פּאַוועל: פֿון די גויים האָב איך אַ נוץ. און פֿון דײַן ייִדישן קהל וויל איך שוין לאַנג נישט וויסן... און ווידער, די בעסטע געשעפֿטן ליגן הײַנט אין דער ערד.

שׂימחה: איז טאַקע בעסער פֿאַר דיר זאָלסט גיין אין דער ערד, וועסט מאַכן די בעסטע געשעפֿטן. *(איז אָפּ).*

*רחל און פֿעליקס, קומען אַרײַן[68].*

פּאַוועל: רחל, זינג עפּעס אַזוי אָפּעראַ אָדער טאַנץ אַ קאָמאַרינסקאַ[69].

*רחל זינגט. מע טאַנצט. אַלע זײַנען אָפּ.*

*דינער און פּאַוועל, קומען אַרײַן.*

דינער: הער באַראָן!

---

[67] עס קומט פֿון רוסישן וואָרט ״קאָראָוואַ״, אַ קו. דאָ - אַ זידלוואָרט – גיבן עסן אַ קו, דאָס עסן פֿון אַ קו

[68] א״כ – ערשײַנען

[69] קאָמאַרינסקאַ - רוסישער פֿאָלקסטאַנץ

*קומט אַרײַן דער באַראָן.*

פֿאַוועל: אַה, הער באַראָן. זייער אָנגענעם. ביטע, פּלאַץ צו נעמען. *(עס געשעט)* אַה, יע, שוין אַ צײַט, אַז איר האָט אונדז נישט באַערט מיט אײַער באַזוך.

באַראָן: יעדער אומשטאַנד האָט זײַנע סיבות[70]... אַלזאָ, ווי גייט׳ס? וואָס מאַכן זי? וואָס מאַכט פֿריילײן ראַכיל? איז זי שוין מונטערער?

פֿאַוועל: ווו קען איר נאָך זײַן באַקוועמער ווי בײַ אייגענע קרובֿים[71]. מיר נעמען איבער איצט אײַער אָמט. מיר דאַנקען אײַך וואָס איר פּראָטעזשירט די אָרעמע יתומה, איר האָט געמאַכט דעם אָנפֿאַנג און די פֿאָרזעצונג קומט[72]. איך וועל איר גיין אָנזאָגן די נײַס[73] און זי ברענגען אַהער. איר וועט מיך אַנטשולדיקן[74], הער באַראָן. *(פֿאַוועל איז אָפּ)*

*עס קומט אַרײַן אָלגאַ.*

באַראָן: אָלגאַ, ווי גייט׳ס גנעדיקער פֿריילײן?

אָלגאַ: איך זע[75], אַז איר זענט אין איינער פֿאַרלעגנהייט, עס מוז ווירקלעך נישט אָנגענעם זײַן, ווען מע קומט און מען האָפּט צו טרעפֿן אַ געווונטשטע פּערזאָן און מע טרעפֿט אַ ניט־געווונטשטע.

באַראָן: אײַער פֿאָרוווּרף וויל מיך צווינגען אײַך צו מאַכן אַ קאָמפּלימענט און אײַך זאָגן, אַז איר קענט אויך האָבן אַ רעכט, ווי אַנדערע צו זײַן פֿון די געווונטשטע פּערזאָנען... איר זײַט שלעכט געלוינט, פֿריילײן.

אָלגאַ: איך בין אַ פּערזאָן, וואָס האָט נישט ליב דעם מיטלוועג, איך האָב ליב די עקסטרעמע, ענטוועדער זײַן גרויס אָדער גאָר קליין. קליין וויל איך נישט זײַן. גרויס קען איך נישט זײַן. דערפֿאַר קומט אַ מאָל[76] אויף אַזעלכע מענטשן ווי איך אַ מאָמענט פֿון נערוועזיטעט, און מען פֿילט עפּעס[77] אַ ווידערווילן צו אַלע מענטשן אַרום זיך.

באַראָן: איך קען אַזוי נישט אורטיילן. די בעסטע מעדיצין פֿאַר אַזאַ נערוועזע פּערזאָן איז נאָר אַן ערנסטע באַשעפֿטיקונג. דער מיאוס־גאַנג ברענגט צו מעלאַנכאָליע און מעלאַנכאָליע ברענגט צו פֿעלער פֿאַר זיך ווי פֿאַר דעם צווייטן.

אָלגאַ: *(דריקט אים די האַנט[78].)* אַ דאַנק פֿאַר דער לעקציע. פֿאַר וואָס קומט איר די לעצטע צײַט אַזוי זעלטן צו אונדז? עס וווּנדערט מיך וואָס איר באַזוכט אַזוי זעלטן דאָס הויז וואָס אײַך צוליב גייען אָן אויפֿנעמען אַן אָרעם מיידל, וואָס האָט דאָס גליק פּראָטעזשירט צו ווערן פֿון אַזאַ הויכער פּערזענלעכקייט ווי איר זענט.

[70] א״כ – אורזאַכן
[71] א״כ – פֿערוואַנדטע
[72] א״כ – פֿאָלגט
[73] א״כ – נאַכריכט
[74] א״כ – זי ווערדען ענטשולדיגען
[75] א״כ – מערק
[76] א״כ – מאַנכעס מאָל
[77] א״כ – עטוואַס
[78] א״כ – ריכט אים די האַנד

באַראָן: נאָר צוליב איין סיבה[79] – ווײַל איך וויל נישט אויסזען בײַ דער פֿריילײן ווי אַ קרעדיטאָר, וואָס קומט יעדעס מאָל בײַ איר אײַנצוקאַסירן די שולד, ווי אַ דאַנקבאַרקייט פֿאַרן גוטן טאַט וואָס איך האָב איר אַ מאָל געטאָן צופֿעליק.

*פּאַוועל פֿירט אַרײַן רחלען.*

נו, ווי גייט עס, פֿריילײן? נישט וואָר, איר שרעקט זיך שוין נישט פֿאַר מיר, ווי בײַ ערשטן טרויעריקן מאָמענט פֿון אונדזער באַגעגעניש? איר האָט אײַך נישט געקענט פֿאַרשטעלן, אַז פֿון דער זעלבער ראַסע, וואָס האָט אײַך גורם געווען[80] שמערצן, זאָל דערשײַנען איינער וואָס זאָל אײַך אויסקורירן פֿון די שמערצן. עס מאַכט אײַך שטוינען. נישט וואָר?

רחלע: איידלער־מאַן, איך בין אײַך שולדיק אַ דאַנק, וואָס איר האָט מיך דערוועקט צום לעבן און מיך אײַנקוואַרטירט צווישן אַזוינע גוטע מענטשן.

פּאַוועל: פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר דאַרפֿן אים אויך דאַנקען. מיר זײַנען דאָך אירע בלוט־קרובֿים.

באַראָן: *(צו אָלגאַ)* זעט איר...

אָלגאַ: דער איידלער הער מיינט, אַז ער פֿאַרדערט נישט קיין דאַנק, ווײַל ער האָט נאָר געטאָן זײַן פֿליכט, וואָס יעדער מענטש אויף זײַן אָרט[81] וואָלט עס אויך געווען געדאַרפֿט צו טאָן.

פּאַוועל: וואָס טויגן מיר אײַערע דעבאַטן, איך ווייס דאָך, אַז דער בעסטער לוין פֿאַר דעם הער, ווען רחלע זאָל אים עפּעס פֿאַרזינגען. ניט אמת[82], הער באַראָן? זינג עפּעס, רחלע, אָדער טאַנץ אַ קאַמאַרינסקע.

רחלע: איך וועל אײַך פֿאַרזינגען דאָס אַלעגאָרישע ליד פֿון אונדזער נאַציע "דאָס דערטריבענע טײַבעלע".

*זינגט* 𝒩

באַראָן: *(שטיי אויף, נעמט בײַ איר די האַנט)* עס האָט מיר פֿיל פֿאַרגעניגן געמאַכט, פֿריילײן. אַ דאַנק. *(נעמט אָלגאַס האַנט)* פֿריילײן...

אָלגאַ: וואָס? איר אײַלט (זיך) שוין?

באַראָן: ווי אָנגענעם איז מיר מיט אײַך צו פֿאַרברענגען מוז איך מיך דאָך אַנטשולדיקן. *(קוקט אויף זײַן זייגער)* ווײַל איך מוז גיין וואַרטן אויף מײַן נאָענטן[83] פֿרײַנד בײַ דער באַן. איך האָף, אַז איר וועט מיר נאָך פֿיל מאָל דאָס פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿן. אַדיע. *(איז אָפּ)*.

*רחל זינגט, ביז זי איז אָפּ מיט אַלע.*

---

[79] א"כ – אויס דעם איינעם גרונד

[80] א"כ – פֿעאָאורזאַכט

[81] א"כ – שטעלע

[82] א"כ – ניכט וואָר

[83] א"כ – אינטימסטן

## שׂימחה

שׂימחה: *(שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ)* נישטאָ קײנער פֿון די פּריצים? קום אַרײַן, קום אַרײַן, נעכע, האָב קײן מורא נישט. נישטאָ קײנער פֿון די פּריצים.

*נעכע קומט אַרײַן מיט אַ קאָרב.*

שׂימחה: גײ, טראָג אַרײַן אונדזער רחלען דאָס עסן. דו װײסט דאָך, אַז זי װיל נישט עסן בײַ מײַן שװעסטער די טריפֿניאַטשקע.

נעכע: איך װעל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן, װאָס איז געװאָרן פֿון דער פֿרומער דװאָסיע?

שׂימחה: ששש... אַז זי װעט דערהערן װעסטו כאַפּן אַ פּסק, הײַנט רופֿט מען זי פּעדאָסיאַ.

נעכע: פּע – דאָסיאַ?

שׂימחה: יאָ, פּע־דאָסיאַ. עס איז שױן גאָר נישט די שװעגערין, װאָס דו האָסט מיט איר אײַנגעקױפֿט הושענות. הײַנט קױפֿט זי שױן אַ קריסטנבױם, זי איז געװאָרן אַריסטאָקראַציע.

נעכע: איך האָב אַ סגולה מחילה, זאָל זי זיך באָדן אין קלײַען.

שׂימחה: עס װעט איר שױן קײן טאָטער אױך נישט העלפֿן. נו, גוט, גײ, טראָג אַרײַן דאָס עסן. שאַ, אָט גײט טאַקע רחלע.

## רחלע

*קומט אַרײַן.*

נעכע: אױ־אױ־אױ...

שׂימחה: אַהאַ, זי האָט זיך שױן פֿאַרליאַפּעט. װיפֿל מאָל בעט איך זי, – לאָמיך טראָגן. נײן, נאָר זי װיל טראָגן, און װען זי טראָגט, פֿאַרליאַפּעט זי זיך. רחלע, גײ, כאַפּ עפּעס איבער. די מומע נעכע האָט דיר געבראַכט עסן.

נעכע: אַ װײטיק איז מיר. האָסט דאָך נאָך הײַנט אין דײַן מאָל נישט געהאַט. אַ יונג קינד דאַרף זיך נישט אַזױ אָפּלאָזן. גלײב מיר, עס טוט מיר אױך באַנג, איך האָב מיר גענוג אױסגעװײנט די אױגן. *(װײנט)*

שׂימחה: הײבט זיך אָן מיט אַ ייִדענע, נאָר זי (עס) װײנט. גײ אַרײַן אין דײַן צימער, רחלע, װעסט עפּעס עסן, װעסט זיך דערפֿרישן.

רחל: פֿעטער, נישטאָ נאָך אַלץ קײן ידיעה פֿון מײַן ברודער עזרא? *(װײנט)*

שׂימחה: װידער געװײנט! אַן אומגליק מיט די װײַבער. גלײב מיר, ער האָט שױן געמוזט זײַן דאָ, נאָר בײַ דער מהומה װײסט מען ניט קײן אַדרעס. איך האָף צו גאָט, אַז אונדזער טײַערער עזרא װעט זיך אױך אָפּזוכן און װעט קומען בשלום... נו, גײט, גײט, מיר דאַכט זיך, אָט קומט מען אָן. *(רחלע און נעכע זײַנען אָפּ, אױף לינקס.)*

## דוואָסיע[84]

*קומט אַרײַן, גייט צו צום שפּיגל, מעסט זיך אָן אַ ראָווער־קלייד[85].*

דוואָסיע: ביסט נאָך דאָ, ברודער?

שׂימחה: וואָס איז, איך בין דיר אויך איבעריק? קענסט שוין אויך קיין ייִדן נישט אָנקוקן. ווי אַזוי שעמסטו דיך נישט פֿאַר דעם בילד פֿון אונדזער טאַטן, זכרונו־לבֿרכה, און לאָזסט אַזוי פֿאַרגוייִשן דײַן שטוב. אַ גליק, אַז דו וואַרפֿסט אים אויך נישט אַרויס.

דוואָסיע: גלייב מיר, ברודער, אַז די ערשטע צײַט האָט מײַן מאַן געהאַט געגנוג מיט מיר צו טאָן, ביז ער האָט מיך צוגעוווינט, ווי זאָגט מען אויס, אַז גאָט איז ניחא איז מיר ליב, ניכּײַ בודע טאַק.

שׂימחה: ניכּײַ בודע טאַק. איז נישטאָ קיין עוף איז אויף שבת אַ ראַק. מילא, ער, יאַנקל סבאָרטשיקס[86] זון, יאַק[87] ער. דו אָבער, די טאָכטער פֿון דעם גרויסן צדיק, ר׳ אַבֿרהמעלע טשערנאָבילער, אַ מופֿלג בתּורה, דו זאָלסט דערלאַנגען אַזוי פֿאַרגוייִשט דײַן הויז. דײַנע טײַערע קינדער, און דעם טאַטן נישט לאָזן אײַנרוען אין קבֿר. זעסט ווי ער קוקט אַראָפּ צו דיר מיט זײַנע צוויי טויטע אויגן און איז בלאַס פֿאַר צאָרן וואָס ער זעט צו בײַ דיר אין שטוב *(זי פֿאַרדעקט די אויגן)*. דו, וואָס דו ביסט געווען זײַן ליבלינג, ווי ער פֿלעגט דיך בענטשן און קושן, דיך געהאַלטן הויך און טײַער, און דו פֿלעגסט אים אונטערהאַלטן דעם אהבֿה רבה אָדער דעם היום הרת עולום *(הייבט אָן זינגען, זי ווערט באַגײַסטערט און זינגט אים מיט)*.

## פֿעליקס

*האַלט אין דער האַנט אַ גרויסן פּאַקעט, זינגט ״דובינושקאַ״. דוואָסיע פֿאַרשטעקט זיך אין אַ ווינקל.*

פֿעליקס: קוק, מאַמאַשאַ, וואָס מיר האָבן געקויפֿט. דאָס איז דאָס נײַע בילד פֿון עליזאַבעט, וואָס האָט געוווּנען דעם ערשטן פּרײַז. *(ווײַזט אַ בילד פֿון אַ זשאָקייסקע פֿערדל)*. קוק אָן די פֿיסעלעך, קוק אָן דאָס קליינע קעפּעלע. דאָס האָב איך מיט אָלגאַ געקויפֿט, מיר זאָלן עס דאָ אויפֿהענגען, ווײַל אויף דעם באַל בײַ אונדז צוליב ״נאָווי גאָד״[88] וועלן קומען נאָבלע קריסטן, עס פּאַסט נישט, אַז בײַ אונדז אין שטוב זאָל הענגען אַזאַ ״באָראָדאַטע לאַפּסעדאַק מיט פּייסעכעס״[89]. *(גייט דאָס בילד אַרונטערנעמען)*.

שׂימחה: זאָג נאָר, דו, פֿערדישער למדן, דו ווייסט, וועמענס[90] בילד דאָס איז? דאָס איז מײַן און דײַן מאַמאַשעס טאַטע, דײַן זיידע. ער איז געווען דער גרעסטער ראַבינער אין גאַליציע.

---

[84] דוואָסיע און פֿעדאָסיע איז דער זעלבער פּערסאָנאַזש

[85] א״כ – בײַסיקעל דרעס

[86] פֿאַרצויגן פֿון סבאָרשטשיק – שטײַערן־קלײַבער

[87] אוקראַיִניש - אַזוי ווי

[88] רוסיש – נײַיאָר, ניטל

[89] פֿאַרצויגן פֿון רוסיש און געמישט מיט ייִדיש - אַ ייִד אין אַ קאַפּאָטע, מיט אַ באָרד און פּאות

[90] א״כ – אַ טעות – ווער בילד דאָס איז?

פֿעליקס: און איז געווען אַ ״קאַבאַצאַן״[91], און מײַן עליזאַבעט האָט געוווּנען דעם ערשטן פּרײַז און איז געווען עפּעס גרעסער פֿון דײַן ראַבינער. זי איז געווען די קעניגין פֿון סקאָט... פֿון סקאָטלאַנד.

שימחה: גיב אַהער דאָס הייליקע בילד *(רײַסט עס אַרויס)*. דאָס טוט קיין גוי נישט. איר זענט ערגער פֿון גויים. איר וועט פֿגרן און קיין זכר וועט פֿון אײַך נישט בלײַבן, און אַזוינע ייִדן האָבן איבערגעלעבט טויזנטער יאָר און וועלן אײַך אַלע איבערלעבן. איך נעם עס צו מיר אַהיים... קוק אָן, ווי די טאָכטער שטייט. זי זאָל זיך (דאָס) אָנרופֿן מיט אַ וואָרט... אוי!

דוואָסיע: וואָס זאָל איך טאָן, ברודער? אַז גאָט איז ניחא...

שימחה: רוף מיך נישט ״ברודער״! דו האָסט קיין טאַטע נישט! אַטפֿוּ! (איז אָפּ)

דוואָסיע: אוי, לאָזט מיך אַלע געמאַך. *(איז אָפּ)*

פֿעליקס: ניכײַ בודע טאַק! אַ פֿערדל צו האָבן איז אַ פֿאַרגעניגן. מע כאַפּט אויף דעם אַ גאַלאָפּ, קוים אָבער, ציט מען איבער די לייצעס וואַרפֿט עס אַראָפּ און צעברעכט דעם קאָפּ.

*זינגט.*

1.

דעם רײַטער מאַכט עס פֿאַרגעניגן

רײַטן אָן אַ סוף

אַ טײַער פֿערדעלע צו קריגן

רײַטן נאָר דאַרויף

דאָס פֿערדעלע מעג ווערן מידער

עס אַרט נישט דעם יונגאַטש

עס שמײַסט און רײַסט פֿון אים די גלידער

מיט דער בײַטש

און ציט מען איבער שטאַרק די לייצע

דאָס פֿערדל ווערט פֿאַרדריסלעך

אוי הייבט דאָס אויף די מידע פּלייצע

דריגעט מיט די פֿיסלעך

עס רײַסט זיך אָפּ און לויפֿט אַוועק גאַלאָפּ

מע פֿאַלט אַראָפּ און מען צעברעכט דעם קאָפּ

וויאָ-וויו, עס איז שוין נישט די צײַטן

---

[91] פֿאַרצויגן פֿון קבצן

ווי מען לאָזט אויף זיך נישט רײַטן
קיינער וויל שוין הײַנט נישט, ניין
פֿאַר דעם רײַטער ״סמירנאָ״[92] שטיין
אַראָפּ די מיוחס צו אַלדע רוחות ווירן־וויו...

2.

דעם פֿאַבריקאַנט מאַכט עס פֿאַרגעניגן
שקלאַפֿן אָן אַ סוף
אַ גוטן אַרבעטער צו קריגן
און רײַט ער אויף דערויף
דער אַרבעטער ווערט מיד
אים אַרט עס קיין מאָל ניט
ער נאָגט און זויגט אים אויס די גלידער ביז אין בלוט
ציט ער איבער שטאַרק די לייצע
דער שקלאַף ווערט פֿאַרדריסלעך
אוי, הייבט ער אויף זײַן מידע פלייצע
און דריגעט מיט די פּיסלעך
ער רײַסט זיך אָפּ און באַפֿרײַט זיך מיט איין קלאָפּ[93]
ער וואַרפֿט אַראָפּ דעם ״קאָפּ״, צעברעכט זײַן קאָפּ
ווירן־וויו, עס איז שוין ניט די צײַטן
ווירן־וויו, מען לאָזט אויף זיך ניט רײַטן
דער אַרבעטער וויל הײַנט נישט, ניין
ווי פֿאַר אַ קיסר ״סמירנאָ״ שטיין
אַראָפּ מיוחס צו אַלדע רוחות, ווירן־וויו...

3.

עס מאַכט די מענער פֿאַרגעניגן

---

[92] רוסיש – מיליטערישער באַפֿעל – שטיין אויסגעצויגן
[93] צוליב דעם גראַם – דרומדיקער דיאַלעקט – ״קלאָפּ״ און ניט ״קלאַפּ״

און שטאָלץ גאָר אָן אַ סוף
אַ ווײַבעלע אַ גוט צו קריגן
און שרײַען נאָר דערויף
דאָס ווײַבעלע ווערט פֿון צרות מיד
עס איז איר בײַ אים שלעכט
ער לומפּט אַרום מיט גוטע ברידער דורך די נעכט
און ער ציט איבער שטאַרק די לייצעס
דאָס ווײַבעלע ווערט פֿאַרדריסלעך
און הייבט זי אויף איר שוואַכע פּלייצעס
און דריגעט מיט די פֿיסלעך
זי רײַסט זיך אָפּ און גיט די בײַטש אַ כאָפּ[94]
וואַרפֿט אים אַראָפּ און ברעכט אַזש דעם קאָפּ
ווירדוויו, עס איז שוין נישט די צײַטן
ווירדוויו, מען לאָזט אויף זיך נישט רײַטן
די ווײַבער ווילן אויך נישט, ניין
פֿאַר זייערע מענער "סמירנאָ" שטיין
אַראָפּ די מיוחס צון אַלדע רוחות, ווירדוויו... *(איז אָפּ)*

## אָלגאַ און פּאַוועל

*אויפֿגערעגט.*

אָלגאַ: ווער האָט דיך געבעטן, אַז דו זאָלסט גאָר די ייִדישקע אַרײַננעמען צו אונדז אין שטוב אַרײַן?

פּאַוועל: וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, טאָכטער? דו ווייסט דאָך, אַז ווען איר זענט אַלע געווען אין דער שווײַץ, האָט זי דער באַראָן אַרײַנגעבראַכט אַהער. זי האָט אים געוויס געזאָגט, אַז מיר זײַנען אירע ווײַטע קרובֿים, און ווי אַזוי זשע האָט געפּאַסט אים אָפּזאָגן נאָך אַזאַ אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן אַן עלנטע יתומה?

אָלגאַ: פֿון ווען אָן[95] ביסטו עס געוואָרן דער באַזאָרגער פֿון יתומות? און דײַן אייגענע טאָכטער איז דיר נישט נאָענטער, אַז דו ווילסט זי אומגליקלעך מאַכן?

---

[94] צוליב דעם גראַם – דרומדיקער דיאַלעקט – "כאָפּ" און ניט "כאַפּ"
[95] א"כ – זײַט ווי לאַנג

*עס קומט אַרײַן פֿעליקס.*

פּאַוועל: וואָס מיינסטו מיט דעם, טאָכטער?

אָלגאַ: די ייִדישקע האָט אונדז געבראַכט אומגליק אין שטוב. זינט זי איז דאָ, דאַכט זיך מיר, אַז דער באַראָן קוקט זיך מער נישט אום אויף מיר, ווי פֿריִער. ער פּראָטעזשירט זי, ער האָט זי ליב.

פֿעליקס: *(שפּרינגט אַרונטער פֿון אַ שטול*[96]) אָ, זאָסי[97]. איך האָב זי ליב. זי איז זיס, אַזוי שיין, אַזוי שטיל... אַך, ראַכיל, ראַכיל!...

אָלגאַ: אָט האָסטו דיר, ער אויך.

פּאַוועל: נאָר דאָס האָט מיר געפֿעלט. הע, סינאָק מײַנער, דו פֿאַרגעסט, אַז דײַן כלה איז דעם גאָלאָוואָס[98] טאָכטער.

פֿעליקס: דול מיר נישט מײַן האָלאָוואַ[99] מיט דײַן גאָלאָווא. האַלט זי דיר פֿאַר דײַנעט וועגן.

פּאַוועל: שטיל, באָלוואַן!

פֿעליקס: איך וועל דיר ענטפֿערן ווי פֿראַנץ האָט געענטפֿערט שילערן: אַ באָלוואַן האָט אַ באָלוואַן. פּאַפּאַשאַ, איך האָב אַ רעוואָלווער, איך שיס *(זינגט)*. דו, פּראָסטאַק, דו ווייסט דען פֿון "אַמאָר", פֿון ליבע, דו ווייסט נאָר "פּיניאָנדזע"[100], שמיניאָנדזע".

*סצענע – זיי שלאָגן זיך.*

אָלגאַ: וואָס שווײַגסטו אים? נו, נעם דיר צו דײַן "סינאָק" און לאָזט מיך אַליין, זי דאַרף באַלד קומען מיר געבן דעם פּיאַנע־לימוד[101], וועל איך מיט איר אַליין איבעררעדן.

פּאַוועל: נו, נו, מײַן איינציקער סינאָק, זײַ נישט בייז אויף דײַן נאַרישן טאַטן. דו ווייסט דאָך, אַז דו פֿירסט אַלצדינג בײַ מיר אויס, און (איך) זשאַלעווע דיר קיין מאָל נישט פֿון דײַן פֿאַרגעניגן וועגן. דו האָב נאָר ליב דײַן טאַטן און פֿאָלג אים. קום, מיר וועלן דערפֿון איבעררעדן געלאַסן. וואָס, האַ? *(קושט אים גייענדיק. ביידע אָפּ)*

*אָלגע זעצט זיך צו דער פּיאַנע, הייבט אָן שפּילן אַן עטיוד. רחלע קומט אַרײַן פֿון איר צימער, זעצט זיך לעבן אָלגאַ. אָלגאַ הייבט זיך אומגעדולדיק אויף.*

אָלגאַ: אַך, איך בין איצט נישט אויפֿגעלעגט צום שפּילן. איך בין אויפֿגעלעגט מיט דיר אַ ביסל צו דיסקוטירן.

רחלע: זייער אָנגענעם, אָלגאַ.

---

[96] א"כ – אַ טשער

[97] א"כ – עס איז אומפֿאַרשטענדלעך ווי אַזוי קערן זיך אום די ווײַבערישע נעמען "זאָסי" און "רחל"

[98] רוסיש - גאָלאָווא - קאָפּ - דער בירגערמײַסטער

[99] רוסיש - גאָלאָווא - קאָפּ, אַ וואָרטשפּיל – דול מיר נישט דעם קאָפּ

[100] פֿאַרצויגן פֿון פויליש - געלט

[101] א"כ – די פּיאַנע שטונדע

*זיי זעצן זיך אַנידער פֿוןביידע זײַטן טיש.*

אָלגאַ: איך צווייפֿל אַפֿילו[102] אויב אונדזער איצטיקע אונטעררעדונג זאָל זײַן פֿאַר דיר אַזוי אָנגענעם. יעדן פֿאַל מוז איך דיר עס שוין אָפֿן אַרויסזאָגן: זאָלסט וויסן, אַז זינט איך האָב באַמערקט, אַז דער שיינער נאָבלער באַראָן נעמט אין דײַן גורל[103] אַזאַ וואַרעמען אָנטייל, פֿיל איך אין מיר אַ מין[104] נשמה־אומרו[105], אַפֿילו אַ פֿאַרדראָס.

רחלע: איך פֿאַרשטיי נישט, דאַרף דען אַ מענטש ערגערן ווען ער זעט, אַז אַ מענטש פּראָטעזשירט אַן עלנטן אומבאַהאָלפֿענעם מענטשן?

אָלגאַ: דער מענטש איז אָבער אַ מאַן און דו ביסט אַ פֿרוי, און ווי אַ פֿרוי דערוועקט עס אין מיר די גרעסטע אייפֿערזוכט.

רחלע: דער נאָבלער מאַן האָט געטאָן זײַן מענטשנפֿליכט און מיר געראַטעוועט מײַן לעבן. און מײַן פֿליכט איז געוויס אים דאַנקבאַר צו זײַן.

אָלגאַ: מיר קענען די פֿראַזעס, מיר ווייסן, אַז דאַנקבאַרקייט אין אַזאַ פֿאַל איז דער ערשטער שטאַפּל, וואָס פֿירט אַרויף צום הויכן ציל: ליבע.

רחלע: פֿאַר וואָס קרענקסטו מיך, אָלגאַ? פֿאַר וואָס פֿאַרדעכטיקסטו מיך אין אַזוינע געפֿילן וואָס קענען מיר קיין מאָל אויף די געדאַנקען נישט קומען.

אָלגאַ: און זיי טאָרן דיר אויף די געדאַנקען נישט קומען. איך מוז דיר דערמאָנען, זאָלסט וויסן, אַז ער איז אַ נאָבלער קריסט פֿון דעם גרעסטן אַדל, און דו ביסט מער נישט ווי אַן אָרעמע זשידאָווקע.

רחלע: האָ, האָ, דו גייסט שוין צו ווײַט, מײַן ליבע אָלגאַ.

אָלגאַ: דו זעסט ווי דו האָסט נישט קיין טראָפּן ערן־געפֿיל. באַליידיקסט דיך אַפֿילו נישט ווען מע זידלט דיך. דאָס איז די געמיינע נאַטור פֿון דײַן גאַנצער נאַציע: דאָס קריכן, דאָס פֿײַן אָנבייגן זיך. פּאַנעלקאַ בײַ די מענער...

רחלע: צי ווייסטו, אומגליקלעכע, ווען האָסטו געוואַגט צו באַליידיקן? דײַן אייגענע נאַציע, וואָס דו קענסט זי נישט און האָסט נישט די ווערט זי צו קענען. אַ טויזנטיאָריקע נאַציע, וואָס ציילט אַזוי פֿיל בכּבֿודיקע געלערנטע, בראַווע העלדן און באַרימטע קינסטלער. אַ נאַציע, וואָס מיט איר מאָראַל און זיטלעכקייט האָט פֿאַרדינט דעם רעספּעקט פֿון אַ גאַנצער וועלט, אַזאַ נאַציע זאָל וואַגן צו שענדן אַזאַ אומפֿאַרשעמט באַשעפֿעניש[106], ווי דו ביסט.

אָלגאַ: *(שפּרינגט אויף)* דו וואַגסט עס?

רחלע: דו האָסט עס געוואָלט.

אָלגאַ: פֿאַרגעס נישט מיט וועמען דו רעדסט...

---

[102] א״כ – זאָגאַר

[103] א״כ – שיקזאַל

[104] א״כ – איינע אַרט

[105] א״כ – זעעלענאונרוהע

[106] א״כ – ווען

רחלע: ווער ביסטו און וואָס ביסטו? קיין ייִדישקייט ווילסטו נישט, קיין גויישקייט קענסטו נישט. גיב זשע אַרויס אַם ווייניקסטן די מענטשלעכקייט. וואָס, דאָס אויך נישט? ביסטו דאָך געפּערלעכער פֿון אַ ווילדער חיה[107].

אָלגאַ: (גערירט) איצט גיב מיר דייַן האַנט. איצט ביסטו מייַן שטאָלצע[108] קעגנערין.

*פֿעליקס, לויפֿט אַרייַן צווישן זיי ביידע.*

פֿעליקס: וואָס איז דאָ פֿאַר אַזאַ סטאַטשקע[109]? דו מיינסט אַן אמתן, שוועסטער, אַז דו ביסט די לוקרעציאַ באָרדזשיאַ? דו וועסט וואַגן צו באַליידיקן מייַן געטין? איך האָב אַ רעוואָלווער, איך שיס.

*אָלגאַ איז אָפּ*

נו, גיי דיר. גיי דיר צו דייַן באַראָן און איך וועל בלייַבן מיט מייַן... *(גייט צו צו רחלען. פֿאַמיליער)* שרעק דיך נישט, מייַן ליבע, פֿאַר איר. נו, זייַ פֿריילעך און קוק מיר שוין גלייַך אין די אויגן, מייַן גרעטכען.

*וויל איר אַ גלעט טאָן.*

רחלע: אָט האָט איר נאָך אַ נייַ אָנשיקעניש אויף מיר, אַ נייַער גלות.

פֿעליקס: ווי אַזוי רופֿסטו מיך פּאָ יעווריייסקי?

רחלע: גלות, גלות. פֿאַרשטייסט וואָס דאָס באַדייַט? ביסט דאָך אַ שפּראַכן־קענער.

פֿעליקס: גוליש, קאַטיש... האַ, איך ווייס שוין, – גולאַש?! עס איז מיט פּאַפּריקע און אַזוי ביטער.

רחלע: יאָ, אונדזער גלות איז אויך מיט פֿעפֿער און גוט ביטער... האָסט רעכט.

פֿעליקס: אַיאָ, איך פֿאַרשטיי אויך פּאָ יעווריייסקו? איך געדענק נאָך ווי דייַן ברודער עזרא האָט מיט מיר געלערנט פּאָ יעווריייסקי. און מיט אָלגאַן האָט ער אויך געלערנט. מיר האָבן אים אַזוי ליב געהאַט, און ער האָט אונדז אויך ליב געהאַט. האָט אים מייַן בייזער פּאַפּאַשאַ אָפּגעזאָגט... איך האָב דיך אויך ליב, דו ווייסט? אוי, האָב איך דיך אַזוי ליב ווען[110] דו ווייַנסט? איך וויל שוין נישט יענע מיידלעך און די פֿערדלעך... געדענקסטו, ווי יענער קייַזער אין טעאַטער האָט אַ געשריי געטאָן – ״אַ קעניגרייַך פֿאַר אַ פֿערד״. *(פֿאַלט אויף די קני).*

*פּאַוועל, קומט אַרייַן*

פּאַוועל: פֿערד, פֿערד, אַלץ מיט די פֿערד. נו, גיי, מייַן סינאָק, טו זיך אָן, וועסטו גיין מיט דער מאַמאַשאַ און אָלגאַ אין צירק, וועסטו זען שיינע פֿערדלעך.

פֿעליקס: איך וויל שוין נישט פֿערדלעך, איך וויל בעסער זי, זי... פּאַפּאַ, איך וויל זי.

---

[107] א״כ – ווילדעס טיער

[108] א״כ – ווירדיגע

[109] א״כ – פֿאַרגרייַזט, עס דאַרף זייַן – סטיטשקע – קריגערייַ. סטאַטשקע הייסט אַ שטרייַק.

[110] א״כ – אַז דו ווייַנסט

פּאַוועל: נו, גוט, גוט.

פֿעליקס: יאָ, זי וויל אָבער נישט לאַכן... זי איז עפּעס היפּאָ... דראָמיש.

פּאַוועל: היפּאָכאָנדריש ווילסטו זאָגן, מײַן סינאָק. נו, גיי, נו, גיי, לאָז מיך מיט איר אַליין, איך וועל זי שוין לאַכנדיק מאַכן, זי וועט שוין לאַכן בײַ מיר. גיי, גיי, מײַן סינאָק.

פֿעלעקס: *(קושט אים)* איצט האָב איך דיך ליב, פּאַפּאַשאַ. *(גייט אָפּ. וואַרפֿט רחלען אַ קוש)*

*פּויזע*

פּאַוועל: *(פֿאַרדרייכערט אַ ציגאַר. זשמורעט צו צײַטן מיט אַן אויג אויף רחלען, קוקט זי אָן פֿאַרשנדיק.)* ווי איך זע, איז דיר דאָ סקוטשנע. וואָס, האַ? מיר דאַכט זיך, עס פֿעלט דיר בײַ אונדז גאָרניט. וואָס אין אמתן ביסטו עפּעס אַזוי. וואָס, האַ?

*פֿאַרזשמורעט אַן אויג, בלאָזט דעם רויך.*

רחלע: וואָס זשע, פּעטער, איך האָב גאָר קיין סיבה[111] צו זײַן נישט אויפֿגעלייגט. מײַן ליבע מוטער האָב איך פֿאַרלוירן, פֿון מײַן ברודער עזרא האָב איך שוין אַ (לענגערע) צײַט קיין נײַעס[112]. פֿון אַלע זײַטן הערט מען שרעקלעכע נײַעס פֿון אונדזערע אָרעמע ייִדן.

פּאַוועל: דײַנע ייִדן זײַנען זיך אַליין שולדיק. פֿאַר וואָס ווילן זיי זיך נישט אַסימילירן מיט די קריסטן? ווי אַזוי זאָלן אונדז די קריסטן ליב האָבן, אַז בײַ ייִדן איז יעדער גוי טריפֿה, וואָס, האַ?

רחלע: איך מיין אַנדערש, ווי אַזוי קענען אונדז די גויים ליב האָבן, אַז מיר אַליין האָבן זיך פֿײַנט. און עס איז דאָ טריפֿהנע ייִדן, ערגער ווי גויים.

פּאַוועל: *(מיט פֿאַרשטעלטן כעס)* ווער זשע צווינגט דיך זאָלסט ווינען בײַ טריפֿהנע ייִדן? אַז עס געפֿעלט נישט, זוכט מען זיך אַן אַנדער פּלאַץ.

רחלע: ווי איך פֿאַרשטיי, גיט איר מיר אָנצוהערן, אַז איך זאָל מיך אַרויסציִען פֿון דאַנעט. וואָס האָב איך אײַך אַזאַ שלעכטס געטאָן, פּעטער?

פּאַוועל: ערשטס, רוף מיך נישט ״פּעטער״. ״וואָס האָב איך אײַך אַזאַ שלעכטס געטאָן״? אָט ווייסט זי נישט. דו האָסט מיר געבראַכט אומגליק אין מײַן שטוב. ווייסטו דען נישט, אַז מײַנע קינדער זײַנען בײַ מיר טײַערער ווי דו אין גאַנצן? ווייניק איז דיר נאָך וואָס דו האָסט אָפּגערעדט מײַן אָלגען איר חתן, דעם באַראָן, האָסטו נאָך אַזאַ חוצפּה מײַן איינציקן זון, וואָס איז מײַן אויג אין קאָפּ, *(אַלץ העכער און שטאַרקער)* פֿאַרדרייען זײַן מוחל מיט ליבעס, חנדלעך. וואָס, האַ? דו, דו! *(ווײַזט פֿויסטן).*

רחלע: *(וויינט)* מײַן גאָט, וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר?

פּאַוועל: קוק אָן. זי רעוועט גאָר... איך האָב נישט קיין ווייך האַרץ ווי אַ ייִדענע, וואָס צעגייט זיך באַלד ווי אויגן־וואַסער. בײַ מיר איז קורץ און שאַרף איך זאָג – מאַרש, גייט מען באַלד!

*שׂימחה און נעכע, קומען אַרײַן.*

---

[111] א״כ – אורזאַכע

[112] א״כ – נאַכריכט

פאַוועל: האַ, אָט גייען טאַקע די מחותנים. איר האָט ווידער געבראַכט דער יתומה עסן? ביי מיר איז נישט (קיין) כשרע אַכסניא, ווילט איר זי קאָרמענען מיט לאָקשענעם קוגל נעמט מען זי צו זיך אַהיים און מע גייט. נו, מאַרש!

רחלע: איר דאַרפֿט מיך נישט טרייבן, איך גיי אַליין נעמען מיינע זאַכן. *(איז אָפּ)*

נעכע: איך וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן. אין אַזאַ קעלט, ביי נאַכט...

שׂימחה: וואָס? מיינסט עס טאַקע ערנסט, פאַוועל?

פאַוועל: וואָס, איך דאַרף זיך צערעמאָניען מיט אייך? ערנסט, ערנסט. ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ מענטש מיט פרינציפּן.

נעכע: איך וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן... מיט וואָס איז ער?...

שׂימחה: מיט פרינציפּן... ציפּן... ווי מע זאָגט, למשל, – אַ מענטש מיט בראָדעווקעס און קאָלטענעס.

נעכע: איך האָב מחילה אַ סגולה. לאָז ער זיך באָדן אין סמאָלע.

שׂימחה: נו, גיי באָד אים אָפּ.

*רחלע, קומט אַריין. מיט אַ רענצל, אָנגעטאָן.*

פאַוועל: נו, וואָס טענהט איר אַזוי לאַנג? נעמט אייך צונויף אייערע כשרע טעפּלעך מיט דער גאַנצער כשרער משפחה, טאַקע די אויך, במחילה, כבֿוד הלא היא התורנו המופֿלג מהורר ר׳ שׂימחה שץ מק״ק קאָנסטאַנטין ישן, ואשתו הכבֿודה הדריפּקע המפֿורסמת מרת נעכע תחיה, און גייט אייך צו אַלדע שוואַרץ יאָר. נו, מאַרש!

*דוואָסיע, אָלגאַ, פֿעליקס. אַלע גאַלאַנט געקליידט.*

פאַוועל: וואָס? איר זענט נאָך נישט אַוועקגעגאַנגען?

פֿעליקס: *(באַמערקט רחלען)* פאַפּאַשאַ, ווהין גייט זי?

פאַוועל: זעסט שוין ווער זי איז? זי האָט געמיינט, אַז מיר זיינען שוין אַלע אַוועקגעגאַנגען, האָט זי זיך געוואָלט אַרויסגנבֿענען פֿון דער שטוב און אַנטלויפֿן.

*רחל ווײנט אויף נעכעס אַקסל[113]. Melodrama*

שׂימחה: קום, קום, טייער קינד, לאָמיר אַוועק פֿון דעם שלאַנגען־נעסט. קום מיט אונדז אין אונדזער אָרעם שטיבל, מיר וועלן טיילן מיט דיר דעם לעצטן ביסן. מיר זיינען רייכער פֿון זיי, מיר האָבן אַ גאָט.

דוואָסיע: אַז איר איז ניחא, איז מיר אויך ניחא, ניכיי בודע טאַק.

פֿעליקס: מאַמאַשאַ, מיר איז נישט ניחא, מיר איז נישט ״ניכיי בודע טאַק״. *(זיי קריגן זיך)*

[113] א״כ – שולטער

*פֿעליקס וויל צולויפֿן צו רחלען, פֿאַוועל לאָזט נישט. דורך דעם פֿענצטער זעט מען אַ שליטן מיט צוויי מענטשן, און באַלד קומט אַרײַן דער באַראָן.*

באַראָן: *(אויף דער עסטראַדע, ווינטערדיק געקליידט)* מײַן פֿרײַנד בן־עמי!

*בן־עמי קומט אַרײַן.*

בן־עמי: מײַן טײַערע שוועסטער!

רחל: מײַן טײַערער ברודער!

*אַלגעמיינע אומאַרמונג.*

***פֿאָרהאַנג***

# צווייטער אַקט

*אַן אַטעליע בײַ עזראן. לינקס – אַ טיר, וואָס פֿירט אין עזראס פּריוואַטער וווינונג, פֿון וועלכער עס הערט זיך פּיאַנע־שפּילן פֿון רחלען. פֿאָרנט שטייט אַ טיש מיט בענקלעך, לעבן וועלכע זיצט שׂימחה און שרײַבט אונטער ווערטער פֿון אַ ליד אונטער די נאָטן. הינטער אים מיט אַ טרעפּ העכער זיצט עזרא און מאָלט אַן אייל־לאַנדשאַפֿט. אויף די ווענט הענגען פֿאַרשיידענע לאַנדשאַפֿטן. רעכטס – אַ טיר אויף דער גאַס. פֿאָרנט – אַ רונד טישל מיט בענקלעך, אויפֿן טישל ליגן פֿאַרשיידענע פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער. בײַ דער וואַנט שטייט אַ טאָוול*[114]*, פֿון אויבן – פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען, לעבן וועלכער עס שטייט פּעשקאָוו און פּאַקט אײַן פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער. אויפֿן פֿאָן*[115]* – אַן אַרקע, פֿאַרהאָנגען מיט אַ שײנעם פֿאָרהאַנג.*

*ווען דער פֿאָרהאַנג צענעמט זיך, זעט מען די פֿאָטאָ־סטודיע, ווו מע פֿאָטאָגראַפֿירט זיך. די הינטערשטע לאַנגע וואַנט איז אַ גלעזערנע, מיט אַ גלעזערנעם דאַך, דורך וועלכן עס זעט זיך אַרויס דער הימל. פּעשקאָוו ווײַזט*[116]* עמעצן זײַנע בילדער און פּאַקט זיי אײַן. יענער באַצאָלט אים און גייט אַרויס.*

*עס קומט אַרײַן אַ רויט ייִדל, מיט אים אויך שׂימחה.*

ייִדל: וואָס רעדט איר? קוקט אָן, דאָס איז מײַן בילד? דאָס בין איך? דאָס זענט איר אפֿשר, נישט איך. ראשית, האָב איך, ברוך השם, אַ רויט בערדל, און איר האָט עס מיר געמאַכט גאָר שוואַרץ. ווער האָט אײַך געבעטן די טובֿה איר זאָלט מיך אויסשמירן מיט סאַזשע?

שׂימחה: איך וואָלט געפֿרעגט אַ קשיא. וואָס טויג אײַך גאָר אין גאַנצן דאָס רויטע בערדל? בעט אײַער פֿרוי וועט זי עס אײַך גאָר אין גאַנצן אויסצופּן.

ייִדל: נישט אײַער עסק. מײַן ווײַב האָט מיך אַזוי אויך ליב, והשנית, מאַכט איר מיר אַ נאָז, ווי איז צו מיר, ווי אַ שופֿר. זאָגט מיר אַליין, האָב איך דען אַזאַ נאָז?

שׂימחה: דער ייִד האָט רעכט, וואָס האָט איר אים אין גאַנצן באַדאַרפֿט מאַכן אַ נאָז? כאַפּט זי דער רוח.

ייִדל: ווי איז מיר. אַ נאָז ווי אַ שופֿר... גזלן... הײַנט, ווער האָט אײַך געבעטן איר זאָלט מיר אַרונטערשנײַדן אַן אויער און אַרונטערנעמען אַן אויג? איך האָב, ברוך השם, צוויי אַזעלכע לאַנגע אויערן און צוויי ליכטיקע אויגן, ווי (בײַ) די ביקעס.

שׂימחה: דאָס, זײַט מיר מוחל, ר׳ קרובֿ, זענט איר נישט גערעכט, אַז איר שטייט אַזוי, האָט איר באמת נאָר איין אויער און איין אויג. אַנו, שטעלט זיך אַהער, אויף דער זײַט *(דרייט אים אויס)*. זעט איר, אָט האָט איר דאָך אײַער אויער און אײַער אויג אויף דער זײַט.

ייִדל: האָט ער מיך געזאָלט אַרומנעמען פֿון דער זײַט.

[114] א״כ – אַ דעסק

[115] א״כ – אין הינטערגרונט

[116] א״כ – צײַגט

פעשקאָוו: ר׳ ייִד, לאָמיך אײַך געבן צו פֿאַרשטיין. פֿריִער האָב איך אײַך פֿאָטאָגראַפֿירט אַן־פֿאַס, דאָס הייסט גלײַך, האָט איר געשריגן, אַז איך האָב אײַך צעפּלעטשט די נאָז. איצט האָב איך אײַך פֿאָטאָגראַפֿירט אין פּראָפֿיל, איר פֿאַרשטייט?

ייִדל: איך ווייס מער נישט אַז איך בין ניט איך. דאָס איז אַן אַנדערער, און זאָל אײַך דער אַנדערער באַצאָלן. *(איז אָפּ).*

פעשקאָוו: עס איז אַן אומגליק מיט דעם נאַרישן[117] אומגעהובלעוועטן נאַראָד[118], יעדער האָט זיך זײַן נאַרישן קאַפּריז און מיך רעגט עס אויף.

*עזרא מיט אַ קינד, קומען אַרײַן.*

עזרא: זענט איר שוין פֿאַרטיק, פּעטער?

שׂימחה: באַלד, באַלד.

עזרא: זעסטו, מײַן קינד, דאָס זײַנען גאָר די אַלגעמיינע שטריכן. איצט קומען די שאַטירונגען. נו, דאָס וועסטו שפּעטער לערנען אין פּאַריז, וווּהין מיר וועלן דיך שיקן שטודירן.

צמח: איר האָט, דאַכט זיך, מיר געזאָגט, הער מײַסטער, אַז די בעסטע בילדער־גאַלעריע איז אין מינכען, בײַערן.

עזרא: אויך דאָרטן וועסטו זײַן, און דו וועסט זיך באַקענען מיט די ווערק[119] פֿון די באַרימטע קינסטלער פֿון די אומות־העולם. רפֿאל, מיקעלאַנדזשעלאָ, רעמבראַנדט און אַנדערע. דען – די שיינע קונסט, איבער הויפּט, די מאָלערײַ און די פּלאַסטיק זײַנען מער אַנטוויקלט בײַ די אומות־העולם ווי בײַ אונדזער פֿאָלק.

צמח: איך ווייס פֿאַר וואָס, הער מײַסטער, ווײַל משה רבינו האָט אונדז פֿאַרבאָטן, לא־תעשׂה לך פּסל כל תּמונה.

עזרא: דאָס איז געווען אַ רעליגיעזער פֿאַרבאָט אין יענער צײַט ווען מע האָט נישט פֿאַרשטאַנען צו שעצן די קונסט און יעדע פּלומפּע הגור פֿון שטיין אָדער פֿון האָלץ האָט דאָס עם־הארצישע[120] פֿאָלק פֿאַרגעטערט, דערפֿאַר האָט משה רבינו געמוזט וואָרענען זײַן פֿאָלק נישט צו באַגיין די עם־הארצישקייט[121], אָבער זינט בײַ די גריכן האָט זיך אַנטוויקלט די עלעניסטישע קונסט, קוקן מיר מיט אַנדערע אויגן אויף די בילדער, מיר שעצן אין זיי נאָר די שיינע קונסט, אָבער מיר בוקן זיך נישט צו דעם קעגנשטאַנד.

שׂימחה: פֿאַרשטייט זיך, פּונקט ווי אַ פֿרומער גאָלד־אַרבעטער מאַכט גאָלדענע צלמלעך און פֿאַרקויפֿט גויים, דער גוי מאַכט זיך פֿון דעם ייִדישן צלמל אַ גוייִשן גאָט, און דער ייִד מאַכט זיך פֿון דעם גוייִשן צלמל אַ לאָקשענעם קוגל אויף שבת.

---

117 אי״כ - דומען

118 רוסיש - פֿאָלק

119 אי״כ - באַגעגענען מיט דער אַרבעט

120 אי״כ - דומע

121 אי״כ - דומהייט

עזרא:[122] איר זעט, פֿעטער, קומט אַהער הער פעשקאָוו, איר, ווי אַ ספּעציאַליסט, וועט עס בעסער באַגרײַפֿן *(אַלע קוקן אויפֿן בילד).* אין ירושלים האָב איך מיר נאָר קאָפּירט די נאַטור־בילדער, נאָר כּדי צו מאַכן אַ בילד אינטערעסאַנטער, מוזן מיר פֿאַרבינדן דאָס רעאַליסטישע מיט דעם אידעאַליסטישן. איצט קומט די דערהויבענע פֿאַנטאַזיע און פּאָעזיע. איר זעט, אויפֿן[123] ״כּותל־מערבֿי״ זיצט די אַלעגאָרישע אַלמנה בת־ציון אין איר טרויערקלייד און בעט בײַ גאָט, ביז זי וועט אַ מאָל געהאָלפֿן ווערן, זאָל ער דערווײַל ווײַזן און לאָזן דורכמאַרשירן אירע ליבע קינדער, וואָס זײַנען צעזייט אין דער וועלט... גאָט דערהערט איר געבעט... דאָס צווייטע בילד איז לעבעדיקער. עס גייען[124] פֿאַר איר אַלע אירע קינדער, דאָס ייִדישע מיליטער פֿון ייִדנלאַנד, ווּ עס וווינט, און (זיי) פֿאַרשפּראָכן איר, מיט די פֿאָנען אין די הענט, צו קומען ווען די צײַט וועט זײַן צו קעמפֿן פֿאַר איר זעלבסטשטענדיקייט, און איר אָנטאָן איר אַמאָליקע קרוין. נאַטירלעך זעט מען נאָר דעם אומרוים, עס קומט נאָך דער לעבעדיקער קאָלאָריט פֿון די פֿאַרבן, די שאַטירונגען און די פערספּעקטיוו[125]. האָסט פֿאַרשטאַנען?

פעשקאָוו: אַנטשולדיקט מיר: וואָס איך האָב צו באַמערקן איז, אַז דער סוזשעט פֿון דעם בילד איז ענג נאַציאָנאַליסטיש. איך מיין, דער קינסטלער דאַרף זײַן אומפּאַרטייִיש און אויסקלײַבן[126] אַלגעמיינע טעמעס פֿון אַלע אַנדערע נאַציעס  פֿון דער וועלט.

עזרא: מיר, ייִדישע קינסטלער, דאַרפֿן נאָר אויסקלײַבן טעמעס פֿון אונדזער געשיכטע, ווי רפֿאל מיט זײַנע מאַדאָנען. גענוג שוין צו זינגען ״מה יפֿית״ פֿאַר אַלע פּריצים. אונדזערע שׂונאים ווילן אונדז איצט נישט קענען אַפֿילו מיט אונדזערע בעסטע מעלות. יאָ, מיר וועלן קיין מאָל נישט יוצא זײַן אַנטקעגן אונדזערע אונטערדריקער. זעט, זיי אַליין האָבן אונדז פֿאַרשלאָסן אין די געטאָס און האָבן אונדז באַשולדיקט, אַז מיר איזאָלירן זיך פֿון זיי. טוען מיר זיי צוליב און נעמען אָן זייער שפּראַך, זייער קולטור און גייען מיט זיי צוזאַמען, פֿאַרגיסן אונדזער בלוט אין די שלאַכטפֿעלדער פֿון זייערע קאַפּריזן... בלײַבט גראַדע פֿון אונדזערע העלדן, צופֿעליק, איינער מיט אַ גאַנצן קאָפּ און פֿאַרדינט אַ הויכן ראַנג. וויל מען אים נישט געבן, ווײַל ער איז אַ ייִד. ווילן מיר דערפֿאַר נישט דינען, באַשולדיקט מען אונדז, אַז מיר ווילן נישט מאַכן אונדזער מיליטער־פֿליכט. ווילן מיר זיך לערנען[127], לאָזט מען אונדז נישט אַרײַן אין די שולן. ווערן מיר ערלעכע בעל־מלאָכות, נעמט מען אונדז נישט צו אין די פֿאַבריקן. מוזן מיר זיך נעמען צו דער מחיה בזויה און זיך מאַכן אַן אָרעם שענקל. מאַכט מען אונדז אַ בילבול, אַז מיר פֿאַרשיכּורן זייערע שיכּורים. גיסן מיר צו וואַסער אין ספּירט, שרײַט מען, אַז מיר באַגנבֿענען דעם אַקציז. ווילן מיר אַוועקפֿאָרן צו אַלדע שוואַרץ יאָר, גיט מען אונדז קיין פּאַס נישט. אַנטלויפֿן מיר אַזוי, שרײַט מען, אַז מיר גנבֿענען די גרענעץ און מען שיסט אונדז. ווילן מיר שוין בלײַבן אויף צרות, באַשולדיקט מען אונדז, אַז מיר ווילן אויך לעבן. ענדלעך, ווילן מיר שוין שטאַרבן, הייסט עס אַז מיר זײַנען רעוואָלוציאָנערן און מען פֿאַרשיקט אונדז לעבנסלענגעך אין סיביר... ניין, ברידער, עס איז שוין נישט צום אויסהאַלטן פֿון די פֿרעמדע שטיפֿמוטערס, און עס איז די עכסטע צײַט

---

[122] אינעם כּתבֿ־יד איז אַ טעות – אָנשטאָט ״עזרא:״ שטייט ״שימחה:״

[123] אי״כּ - אויף דער

[124] אי״כּ - פּאַסירן

[125] אי״כּ - פּראָספּעקטיווע

[126] אי״כּ - וועלן

[127] אי״כּ - בילדן

פֿאַר אונדזער פֿאָלק צו שטרעבן צו ווערן זעלבסשטענדיק. און אַלע אונדזערע בעסטע פֿעיִקייטן און קראַפֿטן צו פֿאַרווענדן ליבער פֿאַר אונדזער פֿאָלק[128] און אונדזער אייגן לאַנד. *(הוסט)*

*פּעשקאָוו רופֿט אָפּ אַ קונה, רעכטס.*

שׂימחה: שטרענג דיך נישט אַזוי אָן, מײַן ליבער עזרא, מע מוז דאָך קלײַבן געזונט ביז דעמאָלט צו דערלעבן.

עזרא: ווען מיר נישט דערלעבן וועלן אונדזערע אייניקלעך דערלעבן. מע דאַרף אַרבעטן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע אין אָרגאַניזאַציעס. ווען אונדזערע קדושים וואָלטן געוואָלט לעבן, וואָלטן מיר אויף דער וועלט נישט געווען. זייער טויט האָט אונדז דאָס חיות געגעבן. אויף קבֿרים וואַקסן מיר שיין.

*עס קומט אַרײַן[129] נעכע.*

נעכע: ער הוסט שוין ווידער. זאָל איך דיר אַרײַנברענגען אַהער די וואַרעמע ציגענע מילך? עס איז אַ סגולה מחילה צום הוסט. *(צו צמחן)* און דו, מײַן טײַערער יתומל?... קום אַרײַן אין שטוב, וועסטו עפּעס אַרײַנכאַפּן און פֿאַרטרינקען מיט אַ ביסעלע קאַווע. *(נעכע און צמח זײַנען אָפּ)*

*פֿעליקס, עלעגאַנט אָנגעטאָן, מיט אַ צילינדער. לויפֿט צו צו עזראן, קושט אים.*

פֿעליקס: האַ, פֿעטער!

שׂימחה: נו, און דעם פֿעטער ווילסטו גאָר נישט אַרײַנוואַרפֿן אַ פּאָר קושן[130]?

פֿעליקס: דעם פֿעטער האָבן מיר שטענדיק ליב געהאַט, נאָך ווען (אַז) ער איז געווען רבי פֿון העברעיִש. און אָלגאַ האָט אים אויך ליב געהאַט. און דו... און דו לאַכסט פֿון מיר.

שׂימחה: וואָס טוסטו דאָ? אַז דײַן פּאַפּאַשאַ וועט געוווּיר ווערן וועט ער אונדז אַלע דערהרגענען, און דיך...

פֿעליקס: און וואָס מיך? איך האָב אַ רעוואָלווער, איך שיס. וואָס איז? איך טאָר נישט קומען צו מײַנע פֿרײַנד? אַזאַ טײַערער פֿעטער *(קושט עזראן)* און אַזאַ טײַערע רחלע... וואָס ביסטו עפּעס אַזוי אומעטיק? ביסט קראַנק? קום אַרײַן אין שטוב, וועסטו דיך אויסרוען, איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן... דעם פֿעטער האָב איך נישט ליב. קום. *(אָפּ מיט עזראן)*

שׂימחה: אַ כּלל, און איך נעם צונויף מײַן אַרבעט און גיי שטודירן. *(לייגט צוזאַמען די נאָטן)*

*פּאַוועל, קומט פֿון רעכטס.*

פּאַוועל: *(אַרײַנקומענדיק)* מיר דאַכט, איך האָב געזען מײַן תּכשיט אַהער אַרײַנגיין.

שׂימחה: *(באַמערקט אים, מאַכט זיך נישט וויסנדיק, לייגט צוזאַמען זײַנע פּאַפּירן)* האַ! ויבוא המן!

---

[128] אי״כ - נאַציִאָן

[129] א״כ - ערשײַנט

[130] אי״כ - קיש

פֿאַוועל: *(גייט צו נענטער צו אים)* ע... ע... זײַט מוחל.

שׂימחה: *(קען אים נישט)* איר דאַרפֿט צום פֿאָטאָגראַף? גייט, זײַט מוחל, אַהין, וועט ער אַראָפּנעמען אײַער צרה.

פֿאַוועל: חכמות... *שׂימחה שץ.* זאָג נאָר ווו איז מײַן זון?

שׂימחה: השומר בנך אַנוכי?

פֿאַוועל: ענטפֿער מיר נישט ווי דער מערדער קין. דו רעד מיט מיר ווי הנגיד המפורסם ר׳ *שׂימחה שץ* דאַרף רעדן מיט פֿאַוועל פעטראָוויטש מאַרגאָלינען.

שׂימחה: אויב אַזוי, וועל איך דיר זאָגן ״פּאָ פּראָסטאָמו״[131] – ״סטופּײַ ק טשיאָרטאָווי מאַטערי״[132]. דו ביסט נישט בײַ זיך אויפֿן מיסט, דו ביסט בײַ אונדז אין שטוב.

פֿאַוועל: איך האָב געזען מײַן זון אַהער אַרײַנגיין.

שׂימחה: נו, וואָס איז? וווּהין איז דײַן זון אַרײַנגעגאַנגען? אין קאָרטנהויז? אין אַ שאַנטאַן? אין אַ צירק? דאָס אָרט, ווו דו שטייסט, איז הייליק. וואַרף אַראָפּ, איוואַן, דײַנע טשאָבאָטעס[133].

פֿאַוועל: מערדערס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט[134] מײַן טײַערן איינציקן קינד, וואָס...

שׂימחה: דו האָסט אים געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ שלעכטן גוי, און מיר וועלן פּרובירן[135] אים מאַכן פֿאַר אַ גוטן מענטשן.

פֿאַוועל: פֿאַר אַ גוטן ייִדן, זאָגט בעסער, פֿאַרברענט האָט איר געזאָלט ווערן איידער איך האָב אײַך דערקענט. אָ, נישט אומזיסט הרגענען אײַך די גויים און האָבן אײַך פֿײַנט.

שׂימחה: אונדז האָבן פֿײַנט די גויים? מײַן טאַטן, דײַן שווער, און אונדז, אַלע ייִדן אין שטעטל האָבן די פּויערים[136] ליב געהאַט, ווײַל מיר האָבן זיך נישט געשטעלט אויבן אָן. אָבער אַזוינע וואָכערערס שטופּן זיך אויבן אָן, ווו מע דאַרף אײַך נישט, און אַז דו לײַסט אַ פּריצל טויזנט רובל, נעמסטו בײַ אים אַ וועקסל אויף דרײַ טויזנט רובל און מאָנסט בײַ אים פֿינף טויזנט. אַוודאי, אַז ער ווערט עלטער און ווערט אַ טשינאָווניק[137], זאָגט ער נישט אין דער דומע, אַז פֿאַוועל פעטראָוויטש איז אַ מערדער, אַ נידעריקער וואָכערער, נאָר אַלע ייִדן זײַנע אַזוינע און מע דאַרף זיי פֿאַרברענען , און זיי לאָזן אויס דאָס האַרץ צו אונדז, אָרעמע. איבער אַזוינע באַנדיטן, ווי דו, שלאָגט מען אונדז, אומשולדיקע.

פֿאַוועל: איך בין נישט געקומען מיט דיר זיך אויסטענהן. שיק מיר אים אַרויס.

שׂימחה: ביסט נישט קראַנק אַליין צו גיין.

פֿאַוועל: *(הייבט אויף אַ פֿינגער)* שׂימחה!

שׂימחה: אַזוי ווײַזט מיט די פֿינגער עשׂיו. און יעקבֿ ווײַזט אַזוי. *(ווײַזט אים אַ פֿײַג)*

---

[131] א״כ - פֿאָלקסטימלעך, פּראָסט און פשוט

[132] א״כ - רוסיש – גיי צו טײַוולס מוטער

[133] א״כ - אוקראַיִניש – גראָבע שטיוול

[134] א״כ - אויף

[135] א״כ - זוכן

[136] א״כ - בויערן

[137] רוסיש - אַ באַאַמטער

פֿאַוועל: *שׂימחה*, שיק מיר אים אַרויס. איך בעט דיך.

*שׂימחה*: אַזוי, אַז דו רעדסט ווי אַ ייִד, פֿאָלג איך דיך. *(איז אָפּ)*

פֿאַוועל: *(קריצט מיט די ציין)* נו, נו, עס וועט אײַך נישט געשענקען ווערן.

## פֿעליקס

פֿעליקס: *(אַרײַנלויפֿנדיק)* וואָס טוסטו דאָ, פּאַפּאַשאַ?

פֿאַוועל: הערסטו, דאָס איך האָב דיך געוואָלט פֿרעגן, – וואָס טוסטו דאָ?

פֿעליקס: דאָס איז נישט מײַן טאַטנס עסק.

פֿאַוועל: ווער האָט עס דיך אַזוי געלערנט רעדן מיט אַ טאַטן?

פֿעליקס: דו! דו האָסט דיר צו פֿיל ״פּראַוועס״[138] גענומען די לעצטע צײַט. פֿלעגסט קיין מאָל נישט אָפּנעמען קיין ״דאָפּראָס״[139], ווּהין איך בין געגאַנגען, האָסט מיר פֿרײַהײַט געגעבן. איצט ביסטו געוואָרן מײַן נאַטשאַלניק, גייסטו מיר נאָך ווי אַ שפּיאָן, ווי אַ ״טײַני פּאָליציסט״[140]. דו ווייסט גוט, אַז איך בין בײַ מײַן טײַערער רחלע און בײַ איר פֿײַנעם ברודער, מײַן קוזין עזרא.

פֿאַוועל: *(ווישט דעם שווייס)* האַ, וואָ[141]! זענען זיי שוין בײַ דיר בעסער ווי דײַן טאַטע?

פֿעליקס: יאָ, דו ביסט פֿאַלש, דו ביסט אַ ליגנער, דו האָסט מיך געמאַכט פֿאַר אַ גאָרנישט, פֿאַר אַ טויגעניכץ, און זיי, די פֿײַנע בראַווע מענטשן האָבן מיך שטאָלץ געמאַכט, און ערשט דערקלערט וואָס איך בין.

פֿאַוועל: וואָס ביסטו?

פֿעליקס: דאָס פֿרעג איך דיך. *(שטאַרק)* וואָס בין איך? אַ ייִד צי אַ גוי? מײַנע קאָמאַראַדן, די גויים, פֿלעגן מיר פֿאָרוואָרפֿן, אַז איך בין אַ זשיד. און דאָ האָט די מומע נעכע געזאָגט, אַז איך בין אַ גוי. *(הויך)* זאָג, וואָס בין איך? ווער בין איך?

פֿאַוועל: ביסט פּאַוועל פּעטראָוויטשס זון.

פֿעליקס: אַ ליגן! פֿאַלש! דו האָסט געמוזסט הייסן יאַנקל אָדער יאַקל, און וואָס איז אַזאַ מין פֿאַוועל פּעטראָוויטש?

פֿאַוועל: פּאָטשאָטני פּאָטאָמסטוועני גראַזשדאַנין[142].

פֿעליקס: אוי־אוי־אוי, פֿיגאַראָ דאָ, פֿיגאַראָ דאָרט... איך ווייס, איך ווייס, עס האָט דיר געקאָסט אַ סך געלט. פֿרעג איך דיך, וואָס פֿאַר אַ רעכט האָסטו געהאַט פֿאַר מײַן געלט אײַנצוקויפֿן אַזוי פֿיל שמאַטעס? יאָ, פֿאַר מײַן געלט, פֿון מײַן נאַסליעדסטוואָ[143]! וואָס וועל איך טאָן מיט דעם גאַנצן באַגאַזש, אַז דו ווערסט... *(ווײַזט אויף די ערד)*

---

[138] פֿאַרצויגן פֿון רוסיש - פּראַוואַ - רעכט
[139] רוסיש – אויספֿאָרשונג
[140] געמישט – רוסיש און קאַליע־ייִדיש – עס מיינט ״אַ געהיימער פּאָליצײַ־אַגענט״
[141] פֿאַרצויגן פֿון רוסיש, עס מיינט ״אָט אַזוי, אָט וואָס״
[142] רוסיש - ערן־בירגער
[143] רוסיש - ירושה־געלט

פּאַוועל: פֿיליקס!

פֿעליקס: איך האָב אַ רעוואָלווער, איך שיס!

פּאַוועל: וועמען?

פֿעליקס: נישט דיך. *(קלאַפּט זיך אין ברוסט)* מיך, מיך, מיך. איך וויל נישט לעבן. *(כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער)*

פּאַוועל: *(לויפֿט צו)* וואָס ווילסטו טאָן, מײַן טײַערער, מײַן זיסער, מײַן אײנציקער סינאָק? נו, אויף, מײַן קינד. דערצייל דײַן נאַרישן טאַטן, וואָס האָט דיך געקרענקט, איך וועל שוין מער ניט... ווי איז מיר. ווען האָב איך דיר נישט נאָכגעגעבן? וואָס דו ווילסט, פֿירסטו בײַ מיר אויס. נו, זאָל שוין זײַן געגוג. פֿאַר וואָס האָסטו מיר באַלד נישט געזאָגט? דו ווילסט רחלען, זאָל זײַן רחלע. אַבי דו זאָלסט זײַן געזונט. אַבי דו זאָלסט לעבן. האַלב פֿאַרמעגן גיב איך דיר באַלד, זאָלסט חתונה האָבן מיט איר. זי איז אַ ווויל פֿײַן קינד, נעם זי, נעם זי דיר, אַפֿילו באַלד.

פֿעליקס: דו זאָגסט אַ ליגן, פּאַפּאַשאַ.

פּאַוועל: איך שווער דיר בײַ מײַן לעבן. אָט דאָס האָב איך טאַקע אָנגעהויבן[144] דיר זאָגן. האָסט מיר פֿאַרדרייט דעם קאָפּ. איך וועל דיר חתונה מאַכט ווי אַ גרויסער עושר און דיר געבן אַ פֿאַרמעגן. אָבער אונדזער פֿאַרמעגן איז אין פֿרעמדע הענט, און דו מוזסט עס אײַנקאַסירן. אָט דאָס בין איך דיר געקומען זאָגן: אין אָדעס הערט מען אַ שרעקלעכע רעוואָלוציע און אונדזער קאַנטאָר[145] שטייט אין ריזיקאָ. מוזסטו וואָס שנעלער אַהין פֿאָרן, דאָס געלט צייטליך אײַנקאַסירן און באַלד צוריקקומען, וועלן מיר פּראַוועןּ "אַ וועסעליע פּאָ פּאַנסקי"[146], און לעב דיר גליקלעך מיט דײַן רחלען און מעגסט מיך אַפֿילו ניט אָנקוקן.

פֿעליקס: אַז דו רעדסט ווי אַ מענטש, האָב איך דיך ליב, פּאַפּאַשאַ. זאָגסט נישט קיין ליגן? אָט וועל איך מיך גיין מיט איר געזעגענען.

פּאַוועל: עס איז באַלד, מײַן קינד, קיין צײַט ניטש. נײַן (אַ זייגער) בײַ נאַכט גייט דער עקסטע צוג קיין אָדעס, און מיר האָבן נאָך פֿיל צו טאָן, – דיר איבערגעבן די וועקסלען, די קאָנטראַקטן. נו, *שנעלער*, שנעלער, מײַן קינד. קום, פּאַק דיך אײַן. און אַז דו וועסט צוריקקומען מיט דער באָמבע וועסטו זי שוין אָנקושן וויפֿל דו ווילסט. נו, קום, קום, *שנעלער*. *(אָפּ מיט פֿעליקסן)*.

## רחל מיט צמחן

רחל: איצט, מײַן קינד, קענסטו זיך זעצן דאָרט און אַרבעטן ביז דער מײַסטער וועט אויפֿשטיין.

## *שׂימחה*

*שׂימחה*: דער באַראָן!

רחלע: האַ, דער באַראָן! גייט אַרײַן, פֿעטער, און מעלדט עס דעם ברודער.

---

[144] א״כ - געגומען

[145] דאָ - געשעפֿט

[146] רוסיש - אַ יום־טובֿ, ווי בײַ די פּריצים

*שׂימחה איז אָפּ און באַלד קומט אַריַין דער באַראָן.*

באַראָן: מיַינע בעסטע גרוסן, גנעדיקע פֿריילין. *(קושט איר די האַנט)*

## עזרא

עזרא: זייער ווילקאָמען, הער באַראָן. איר זעט, הער באַראָן, דעם פּראָדוקט פֿון מיַין פֿאַנטאַזיע. נישט וואָר מיַינע מיטאָלאָגישע געטין. געוויס, עס איז נאָך נישט פֿאַרטיק. עס קומט נאָך דער קאָלאָריט, די פֿאַרבן און די פּערספּעקטיוו.

צמח: וואָס הייסט פּערספּעקטיוו, הער מיַיסטער?

עזרא: איך האָב דיר שוין געזאָגט, מיַין קינד, אַז דאָס וועסטו שפּעטער לערנען אין די אַקאַדעמיעס, ווען מיר וועלן דיך שיקן שטודירן.

רחלע: מיר האָבן, דאַכט מיר, שוין דערקלערט, הער באַראָן, אַז דאָס קינד האָט מיַין ליבער ברודער געטראָפֿן אין ירושלים, און (ווען ער האָט)[147] אים אַדאָפּטירט ווי אַ שילער.

עזרא: דאָס קינד וועט דינען ווי אַ מאָראַל־מוסטער[148] פֿאַר דער צוקונפֿטיקער ייִדישער יוגנט. אַרבעטזאַם, אינטעליגענט און אַ צוקינפֿטיקער קעמפֿער פֿאַר זיַין פֿאָלק.

באַראָן: *(גלעט אים)* האָסטו ליב דאָס קונסט? ביסט פֿלייסיק?

צמח: יאָ, און ווען איך וועל שוין קענען גוט מאָלן, ווייס איך שוין וואָס פֿאַר אַ בילד איך וועל מאַכן. איך וועל מאָלן אַ בילד ווי איך האָב מיך באַהאַלטן אונטערן בעט, ווען די מערדער זענען אַריַינגעפֿאַלן צו אונדז אין שטוב און דערהרגעט מיַין ליבן טאַטן און געקוילעט מיַין ליבע טיַיערע מוטער. איך האָב אַזוי מורא געהאַט. *(וויינט)*

רחל: *(גלעט אים)* הע, קינד, אַז דו וועסט דיר קאַליע מאַכן די אויגן, (און)[149] וועסטן נישט זען צו אַרבעטן. מיר האָבן אויך געהאַט עלטערן און (זיי)[150] זענען אויך געשטאָרבן.

צמח: יאָ, איַיערע זענען געשטאָרבן און מיַינע האָט מען דערהרגעט.

באַראָן: *(זיפֿצט)* יאָ, אַלע האָט איר געהאַט עלטערן. איר האָט זיך כאָטש געקוויקט מיט די צויבער־ווערטער, – פֿאָטער, מוטער, וואָס זאָלן אָבער די מענטשן זאָגן, וואָס פֿון זייער לעבנס־ווערטערבוך זענען דיביידע צויבער־ווערטער אין גאַנצן אויסגעלאָזט געוואָרן.

עזרא: וואָס מיינט איר מיט דעם?

באַראָן: דער אַלטער באַראָן היַינטשטעטער האָט מיך פֿון קינדהייט אָן דערצויגן. פֿאַר וואָס איך רוף אים שטענדיק פֿעטער[151] און ניט פֿאָטער, האָט ער נישט געפֿונעם פֿאַר נייטיק מיר צו דערקלערן און פֿאָלגלעך האָב איך נישט געפֿונען אָנשטענדיק פֿון אים צו פֿאָרשן. אָבער, זינט

147 ״ווען ער האָט״ איז איבעריק
148 א״כ - מאָראַל
149 א״כ - דאָס וואָרט ״און״ פֿעלט
150 א״כ - דאָס וואָרט ״זיי״ פֿעלט
151 א״כ - אָנקל

איר האָט מיך געפֿרעגט וועגן מײַן אָפּשטאַמונג האָב איך מיר געמאַכט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע נאָכצופֿאָרשן, ביז איך וועל אויסגעפֿינען די מיסטיריעזע פּראָבלעם פֿון מײַן געבורט.

עזרא: מײַן נבֿואה הייבט אָן[152] מקוים צו ווערן.

צמח: איר זענט אויך אַ יתום, וועל איך אײַך אויסלערנען דאָס ליד פֿון אַ יתומל. איר דאַרפֿט עס אויך קענען.

באַראָן: זינג עס פֿאַר מיר, מײַן קינד, מיר וועלן עס הערן זייער גערן.

*צמח זינגט. (נאָך) געזאַנג* 𝒩

נו, אַז איך וועל קומען פֿון ווין, וועל איך אים ברענגען אַ שיינעם פּרעזענט.

רחלע: איר[153] אײַלט זיך, באַראָן?

באַראָן: לויט דער לעצטער ידיעה[154], וואָס איך האָב דערהאַלטן, מײַן אַלטער באַראָן איז קראַנק[155]. רעכן איך מיך יעדע שעה[156] אָפּצורײַזן. *(איז אָפּ)*

רחלע: איצט, ליבער ברודער, קום, וואַש דיך אַרום, דערפֿריש זיך, טו דיך איבער צו דעם פֿריילעכן אָוונט, וואָס מיר האָבן דיר צוגעגרייט[157], און מער מונטערער. און דו אויך, מײַן קינד. *(אַלע זײַנען אָפּ)*

**אָלגאַ און דוואָסיע,** *פֿון רעכטס, אין ראָווער־קאָסטיומען, פֿירן די ראָווערן.*

דוואָסיע: *(צו פּעשקאָוון)* ווו איז ערגעץ דער טעלעגראַפֿיסט?

**פּעשקאָוו,** *קומט אַרײַן.*

קען מען זיך בײַ אײַך טעלעגראַפֿירן?

אָלגאַ: מאַמאַשאַ, לאָז מיך רעדן. עס איז נאָך צײַט צו פֿאָטאָגראַפֿירן זיך?

פּעשקאָוו: איך וועל באַלד פֿאַרטיק מאַכן דעם אַפּאַראַט. *(גייט הינטערן פֿאָרהאַנג. דוואָסיע און אָלגע (זיי[158]) באַטראַכטן די בילדער.)*

אָלגאַ: נישטאָ קיינער. איך בין נײַגעריק צו וויסן צי דער באַראָן קומט אַהער?

**שימחה,** *מיט פּאַפּירן, פֿון לינקס.*

---

[152] א״כ - פֿאַנגט אָן
[153] א״כ - זי
[154] א״כ - נאַכריכט
[155] א״כ - אומוויל
[156] א״כ - מיט יעדער שטונדע
[157] א״כ - פֿאָרבערײַטעט
[158] א״כ - דאָס וואָרט ״זיי״ איז איבעריק

האַ, דער פּעטער. פּעטער, איר זענט דאָ ווי בײַ זיך אין דער היים. עס איז אויך דאָ פּריילעך. אײַער רחלע איז שוין נישט פֿאַרוויינט? זי האָט דאָ איר ברודער עזרא, און דער באַראָן קומט אויך געוויס אַהער צו הערן זינגען אירע לידלעך. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?

שׂימחה: אויף דיר וווּנדערט מיך נישט. איך וווּנדער מיך אויף דער אָבעזיאַנע[159] אין פּלודערן. אַזאַ חיה קען מען נאָר זען בײַ ייִדישע גויים פֿון דער מאָדנער קנאַבלעסע. אוי־ווײ, אוי־ווײ, דוואָסיע אין פּלודערן מיט אַ קאַשקעטל, און פֿאָרט רײַטנדיק. ווי אַזוי האָסטו נישט גאָט אין האַרצן? די ייִדענע קען זיך נאָך איבערקערן און זיך צעברעכן הענט און פֿיס.

דוואָסיע: דו האַלטסט נאָר אין איין שעלטן. אַז גאָט איז ליב איז מיר ניחא, ניכײַ בודע טאַק.

שׂימחה: זי רעדט נאָך מיט גאָט. *(פּעשקאָו רופֿט דוואָסיען אונטערן אַפּאַראַט.)*

אָלגאַ: פּעטער, איז דער באַראָן דאָ נישטאָ?

שׂימחה: וואָס דאַרפֿסטו דעם באַראָן?

אָלגאַ: נישט אײַער געשעפֿט, פּעטער. ענטפֿערט וואָס מען פֿרעגט אײַך. איז דער באַראָן דאָ?

שׂימחה: שאַ, שאַ. אויב דו ווילסט דווקא דעם באַראָן, וועל איך דיר אים אַרײַנשיקן. *(איז אָפּ)*

אָלגאַ: הייסט עס, קומט דאָך אַהער דער נאָבלער פֿײַנער מאַן.

*עזרא, קומט. אָלגאַ בלײַבט אַנטוישט, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, פֿאַרשעמט.*

עזרא: אָלגאַ! *(באַטראַכט זי)* ענדלעך האָסטו זיך דערמאָנט אין דײַן יוגנטפֿרײַנד, אין דײַן ליבן קוזין און לערער. נו, וואָס מאַכסטו? *(וויל נעמען איר האַנט.)*

אָלגאַ: *( גיט נישט די האַנט)* עזרא, לאָז מיך!

עזרא: איז דאָס מעגלעך, אַז אַ יונגע קנאָספּע, וואָס האָט אַזוי שיין אויפֿגעבליט, זאָל אַוועקדרייען איר קאָפּ פֿון די זונען־שטראַלן, וואָס האָבן זי אַ מאָל באַלײַכט און געוואַרעמט מיט די פֿײַערדיקע פֿלאַמען פֿון זײַן יוגנט־ליבע?

אָלגאַ: לאָמיר פֿאַרגעסן אין דעם נעכטן, וואָס וועט זיך שוין נישט אומקערן.

עזרא: פֿאַרגעסן אין דעם נעכטן? בײַ מיר איז ער נאָך אַ הײַנט, אַ מאָרגן, און אַ תּמיד. דײַן געטלעך בילד האָט מיר תּמיד געשוועבט פֿאַר די אויגן. איך האָב עס באַהאַלטן פֿאַר אַ מאָדעל, וואָס פֿלעגט אָנצינדן אין מיר דאָס הייליקע פֿײַער. דער רוח־הקודש האָט געבויגן מײַן אידעאַל. די געטלעכע יונגפֿרוי, בתולת בת־ציון מיט דעם פֿרײַהייטס פֿאַקעל אין דער צוקונפֿט, און איצט שטייט פֿאַר מיר דאָס רייצנדיק בילד פֿון מײַן אידעאַל. אין דער ווירקלעכקייט... איז דען מעגלעך, אַז אין די לעבעדיקע אָדערן פֿליסט קיין מענטשנבלוט? איז דען מעגלעך, אַז אין דער לעבעדיקער ברוסט שלאָגט נישט קיין וואַרעם געפּילפּול האַרץ? קוק מיך אָן, אָלגאַ, מיט דײַנע שיינע אויגן. איך וויל זיי זען, די הימלישע שפּיגלען, וואָס פֿלעגן רעפֿלעקטירן דײַן געטלעכע נשמה.

אָלגאַ: קוועסל מיך נישט, עזרא.

---

[159] רוסיש – מאַלפּע

עזרא: זאָג, אָלגאַ, זענען אַלע דײַנע געפֿילן פּאַראַליזירט? לאָמיך הערן, האָסט דאָך אַ מאָל געהאַט אַזוינע זיסע ווערטער. זאָג, האָסט גאָר קיין האַרץ נישט?

אָלגאַ: איך... איך ווייס נישט.

עזרא: האָסטו עס אפּשר אַ פֿרעמדן אַוועקגעגעבן?

אָלגאַ: מעגלעך.

עזרא: ניין, עס קען נישט זײַן. האָסט נישט געקענט, האָסט נישט געטאָרט. האָסט נישט געהאַט קיין רעכט אַוועקצוגעבן דאָס, וואָס האָט געהערט צו מיר פֿון קינדהייט אָן, און קיינער אין דער וועלט האָט נישט געקענט זײַן אומשטאַנד צו שעצן די גרויסע ווערט פֿון אַזאַ קאָסטבאַרן שאַץ. *(אָלגאַ ווישט די אויגן)* אָבער פֿון הײַנט אָן און ווײַטער קענען מיר זיך נישט מער. *(אָלגאַ לאָזט זיך אומווילנדיק, ער אַרמט זי אום און דאַן שטויסט ער זי אַוועק פֿון זיך)* גיי!

*עזרא פֿאַלט מיד אין אַ פֿאָטעל. מע הערט אַ קלאַפּ אין דער ערד. די אײַנגעפֿאַלענע דוואָסיע איז אַרונטער פֿונעם בענקל און כאַפּט זיך אויף.*

דוואָסיע, *קומט.*

דוואָסיע: אוי, ווי איז מיר. איך בין דאָך שיעור נישט דערהרגעט פֿון זײַן מאַשינקע. קום, אַוועק פֿון דאַנעט. זיי וועלן מיך משוגע מאַכן. קום.

*פעשקאָו, קומט מיט אַ צעבראָכן בענקל. דוואָסיע און אָלגאַ אָפּ.*

**שׂימחה,** קומט.

שׂימחה: זיי קומען.

רחל *קומט מיט אַ מאַשין[160].*

*געזאַנג* N

עזרא: עס איז די העכסטע צײַט צו דערמאָנען זיך אין זיך אַליין. איך גלייב באמונה שלמה אין דעם גרויסן טאָג, ווען אַלע פֿעלקער[161] וועלן זיך דריקן[162] פֿרײַנדלעך די הענט. מוזן מיר זיך באַשטרעבן צו ווערן די אַמאָליקע זעלבסטשטענדיקע נאַציע. זאָל אונדזער פֿאָלק אויך קענען אויסשטרעקן די פֿרײַנדלעכע האַנט מיט כּבֿוד, גלײַך ווי אַנדערע, נישט ווי איצט, ווען מיר שטופּן זיי אונדזערע הענט און זיי פֿאַרדרייען די קעפּ מיט פֿאַראַכטונג, ווײַל מיר ווילן זיי און זיך אײַנרעדן, אַז מיר זענען קיין נאַציע נישט, ווײַל מיר האָבן פֿאַרלוירן אונדזער מוט, אונדזער נאַציאָנאַלן גײַסט, אונדזער געפֿיל צו דער זעלבסטשטענדיקייט. ייִדישע קינדער, לאָמיר זיך אַלע פֿאַראייניקן און אויפֿהייבן די זיגרײַכע פֿאָן פֿון אונדזערע אַלטע גיבורים, אַנשי שם, און איבערצײַגן די וועלט, אַז מיר לעבן נאָך. אונדזער פֿאָלק איז טויט? ווער זאָגט עס? עס לעבט אונדזער ייִדישער פֿאָלק.

---

[160] א״כ - קאַר

[161] א״כ - נאַציאָנען

[162] א״כ - רײַכן

אַלע: בראַוואָ! בראַוואָ!

*עס לאָזט זיך הערן ליאַרעם און שיסעריי. אַלע לויפֿן צו די פֿענצטער, וועלכע באַפֿאַרבן זיך אין רויט[163].*

פעשקאָוו: מיר זענען וואַרשיינלעך פֿאַרראָטן פֿון דער פּאָליציי, מע האָט אונדז באַלאַגערט. *(אַלע לויפֿן אַרויס)*

פֿעליקס, *לויפֿט אַריין מיט אַ רייזעטאַש.*

פֿעליקס: שרעקט אײַך נישט, שרעקט אײַך נישט, די געפֿאַר איז פֿאַרביי. *(קולות ווערן שטילער)* ווען איך בין געלאָפֿן אַהער, פֿאַר מײַן אָפּרייזן זיך געזעגענען מיט מײַנע קוזינס, האָב איך געטראָפֿן דאָס הויז באַלאַגערט פֿון הוליגאַנען. איך האָב אַ רעוואָלווער, איך שיס, און כ׳בין אַרײַן צווישן מײַנע ברידער פֿון זעלבסטשוץ כּדי זיי צוהעלפֿן. פּלוצעם זע איך צווישן זיי אונדזער מאַטוויי גריגאָריעוויטש, איך האָב אים געבעטן ער זאָל שרײַען צו דער קאָמאַנדע, און אים אַליין האָב איך געשיקט צו אונדז אַהיים, ווי בײַם קריסטמאַס־באַל וועט ער זיך קענען גוט אָנטרינקען מיט שאַמפּאַניער מיט מײַן פּאַפּאַשאַ. ער האָט מיך געפֿאָלגט, און אַלע זענען אַוועק. מע האָט מיר אויך דערלאַנגט אַ שטאָך, נאָר עס מאַכט נישט. *(וואַנקט)*

רחל: האַלט אים אונטער. ער איז פֿאַרוווּנדעט. *(עזרא און שׂימחה טוען עס.)*

עזרא: אַך, ער בלוטיקט. הער פעשקאָוו, גיב אַ לויף צו צו אים אַהיים, זאָלן זײַנע עלטערן שנעל קומען אַהער. *(פעשקאָוו איז אָפּ)*

פֿעליקס: עס מאַכט נישט, אָט אָ דאָ טוט מיר ווײ אַ ביסל. *(שוואַך).*

*שׂימחה און עזרא לייגן אים אין אַ בעטל.*

עזרא: *(גלעט אים)* שרעק דיך נישט, מײַן גוטער פֿעליקס, זײַ מונטער.

פֿעליקס: נישט נאָר מונטער, איך בין גליקלעך אין דעם מאָמענט, ווײַל דו ביסט לעבן מיר. דײַנע ווערטער באַלעבן מיך, און דער סוף[164] איז דער אָנהייב פֿון מײַן לעבן. רחלע, האַלט מיך צו...

## פּאַוועל, דוואָסיע, אָלגאַ, דאָקטער

*די פֿרויען מיט שוואַרצע מאַנטלען איבער די באַל־קליידער, פּאַוועל אין אַ פֿראַק און אַ מעדאַל אויפֿן האַלדז, אין אַ צילינדער און אַן איבערראָק, זיי לויפֿן צו, וויינען.*

פּאַוועל: מײַן קינד, ווו איז מײַן קינד? מײַן טײַערער פֿעליקס, ווי קומסטו אַהער? אַן אומגליק, אַן אומגליק!

פֿעליקס: איך בין אַליין געקומען, זײַ נישט בייז אויף רחלען, פּאַפּאַשאַ.

פּאַוועל: ניין, סינאָק מײַן טײַערער, אַבי זײַ געזונט. וואָס זאָגט איר, הער דאָקטער?

---

163 א״כ - וועלכע געבן אַ רויטע שײַן

164 א״כ - די ענדע

*דאָקטער מאַכט אַ טרויעריקע מינע. אַלע ברעכן זיך די הענט, פּאַוועל פֿאַלט איבער זײַן קערפּער, וויינט.*

מײַן קינד איז פֿאַרבײַ!

*רײַסט אַרונטער ס׳האַלדזטירל, דעם מעדאַל, וואַרפֿט עס אויף דער ערד.*

ווי איז מיר!

אָלגאַ: באַרויִק זיך, פֿאָטער, עס איז דאָך קיינער נישט שולדיק.

פּאַוועל: ווער נישט שולדיק? ווען וואָלט אים געווען אײַנגעפֿאַלן זיך אָנצונעמען דעם ייִדנס קריוודע? דאָס האָבן די חבֿרה אים אַזוי פֿאַרייִדישט. די מערדער האָבן אים דערהרגעט!

*לויפֿט מיט די פֿויסטן צו עזרא און שצן. אָלגאַ לאָזט אים נישט.*

פּאַוועל: ווער האָט עס אים געלערנט אײַנשטעלן זיך דאָס לעבן פֿאַר אָרעמע שלעפּערס?

עזרא: ווער עס האָט אים געלערנט? אַ בעסערער לערער פֿון זײַן טאַטן. דער צײַטגײַסט! דאָס בראַווע קינד האָט דערזען ווי אוממענטשלעך, ברוטאַל אײַערע פֿרײַנד די גויים וואַרפֿן זיך אויף אונדזערע אומשולדיקע ברידער, האָט זיך אין אים דערוועקט דאָס הייליקע פֿײַער, דער פֿונק ייִדישקייט, וואָס איר, אומווירדיקע עלטערן האָבן געזוכט אין אים צו פֿאַרלעשן. צו קעמפֿן קעגן זײַנע שׂונאים, וואָס איר קושט אין די הענט און מאַכט פֿאַר זיי באַלן, זיי האָבן אײַך, און אונדז אַלע, און אים פֿײַנט געהאַט לעבעדיקערהייט, און מיר, בײַ אונדז איז ער טײַער אַפֿילו טויטערהייט. ער איז בײַ אונדז אַ קדוש, אַ הייליקער מאַרטירער.

*פֿעליקס גיט דעם לעצטן קרעכץ... אַלע וויינען. פּאַוועל שרײַט ווילד, צעמישט. אייניקע האַלטן אים אונטער.*

וויינען קענט איר? קען עמעצער קדיש זאָגן נאָך זײַן כּשרער נשמה? צדק לפניו יהלך...

*זינגט מיטן כאָר. אַלע פֿאַלן אויף די קני. אַ יאָמערלעך געוויין.*

## פֿאָרהאַנג

# דריטער אַקט

*צימער אין אַ ווילע.*

## נעכע און רחלע, *אויף דער בינע.*

רחלע: אַך, ווי רויִק דאָ איז און שטיל. די לופֿט שמעקט אַזוי... איר פֿילט, מומע?

נעכע: איך האָב נישט פֿאַר דיר געזאָגט דעם קאָטער, אָבער איך האָב שוין מײַן סגולה מליחה, איך וועל מיר מאַכן נאָך אַ "גאָגל־מאָגל"

רחלע: איר זענט אַליין אַ גוטער פֿאַקטאָר, מומע, איך וואָלט געוואָלט אײַך עפּעס פֿרעגן: אַז איר זענט יונג געווען אַזוי ווי איך, האָט איר עמעצן ליב געהאַט?

נעכע: יאָ, אַז איך האָב געהאַט מיט מײַן באַשערטן דאָס ערשטע קינד, עליו השלום, האָב איך אים אַזוי ליב געהאַט, אַז... נאָר, מן הסתּם, איז נישט באַשערט.

רחלע: נישט דאָס קינד מיין איך, אײַער באַשערטן האָט איר ליב געהאַט?

נעכע: פֿאַרשטייט זיך. איך האָב אים שטענדיק ליב געהאַט צו הערן זינגען פֿאַרן עמוד, אַפֿילו אַלע ווײַבער האָבן זיך מחיה געווען אין שול, אַז ער האָט אַרײַנגעשטעקט זײַן פֿינגער אין גאָרגל און זיך אַזוי שיין געטרעלט, לא עלינו[165]...

רחלע: חוץ זײַן זינגען האָט זיך אײַך נישט געטראָפֿן אין לעבן ליב צו האָבן?

נעכע: אוי, אוי, מײַן ליבן איז שטענדיק געווען רעטשענע קאַשע מיט געגנדזנשמאַלץ.

רחלע: איך מיין, צי האָט איר נישט געפֿילט בײַם האַרצן אַ מין אָנגענעם ציִעניש, אַ מין קלעמעניש?

נעכע: אוי, אוי, אוי, נישט איין מאָל פֿלעגט מיך ציִען בײַם האַרצן, איך האָב געפֿילט אַ מין קלעמעניש, אַז איך בין שיעור פֿאַרחלשט געוואָרן דעם לעצטן יום־כּפּור, אַזאַ שווערן תּענית האָב איך געהאַט.

רחלע: *(לייגט צו נעכעס האַנט צו איר הויט)* אַנו, לייגט צו אײַער האַנט. איר פֿילט ווי מיר איז שווער צו אָטעמען? עפּעס ליגט דאָ ווי אַ שטיין. אַך, איך זאָל קענען...

נעכע: דער וואָרעם איז דיר אַרונטערגעגאַנגען אונטערן לעפֿל, עס קומט פֿון אַן איבעריקן ביסן. איך האָב אַ סגולה...

רחלע: איר האָט רעכט. ווען איך זאָל קענען פֿאַר עמעצן אַרויסגעבן וואָס מיר דריקט אין האַרצן, וואָלט מיר לײַכטער געוואָרן. איך האָב אָבער קיין פֿאַרטרויטן מענטש, איך זאָל אים קענען עפֿענען מײַן האַרץ. אַך, איך ווער דערשטיקט.

נעכע: וואָס איז דיר?

רחלע: מומע, דער באַראָן...

---

[165] א"כ - לא לנו...

*פֿון דרויסן, רעכטס, הערט מען פֿאַוועלס שטים:*

מהפך פשטא מונח אתנחת דרך לפניו יהלך

נעכע: אוי, ווי איז מיר. איך מוז שוין לויפֿן צו מײַן חולה אים געבן אַ מחילה סגולה. זינט ער איז משוגע געוואָרן איבערן אומגליק פֿון זײַן זון, איז ער אַזוי צעדולט געוואָרן. מיר האָבן אים אַרײַנגענומען צו אונדז און איך היט אים אָפּ... פֿאָרט אַן אייגענער... עס פּאַסט נישט אין שפּיטאָל... מײַן שוועגערין מוז שוין זײַן אין שפּיטאָל, ווײַל זי האָט זיך צעבראָכן אַ ריפּ, אַראָפּפֿאַלנדיק פֿון די רעדלעך... און אָלגאַ... מע ווייסט גאָר נישט ווו זי איז אַהינגעקומען. איך וועל גיין אים אונטעררייכערן מיט אַ ביסעלע האָר, עס איז אַ סגולה. *(איז אָפּ).*

**עזרא, שׂימחה,** *פֿון די טרעפּ, עפּעס מונטער.*

עזרא: איר פֿאַרשטייט שוין, פֿעטער, וואָס איר האָט צו טאָן?

שׂימחה: וואָס דען? דער פֿעטער שׂימחה פֿאַרשטייט נישט? איך לויף שוין טאַקע.

רחלע: וואָס איז דער פֿעטער עפּעס אַזוי אויפֿגעלייגט? *(עזרא גלעט רחלע).*

שׂימחה: ווײַל איך הייס שׂימחה. און שׂימחה הייסט פֿרייד. און פֿריילעך בין איך, ווײַל איך לעב מיט בטחון.

עזרא: ליבע שוועסטער, עפֿן פֿאַר מיר שוין דײַן האַרץ און לאָז מיך לייענען דאָרט דאָס קאַפּיטל, וואָס דיר איז שווער צו פֿאַרשטיין. אפֿשר[166] וועל איך עס דיר קענען דערקלערן דײַטלעך.

רחלע: *(נאָך אַ קאַמף, באַשליסט)* טײַערער ברודער, איך האָב ליב דעם באַראָן. איך בין אומגליקלעך, ווײַל ער איז אַ קריסט.

**שׂימחה,** *מיט צווי פֿלעשער ווײַן, שטעלט זיי אויף דער ערד. ער האָט געהערט רחלעס לעצטע ווערטער.*

שׂימחה: אַ נעכטיקער טאָג. דער באַראָן איז אַ ייִד, ווי איך בין אַ ייִד. שלום־עליכם, חתן, ברוך הבאָ, אַ ייִד. *(גיסט אָן פֿון דער פֿלאַש)*

**באַראָן,** *קומט מיט אַ קעסטעלע, אָרעמט זיך אום מיט עזראן.*

באַראָן: נו, וואָס מאַכט איר, מײַנע ליבע פֿרײַנד?

שׂימחה: נו, כּלה, כאַפּ אויך אַרײַן אַ שמאַטשקע, דאָס איז דאָך דײַן חתן. מזל טובֿ! *(צעברעכט אַ טעלער.)*

עזרא: ליבע שוועסטער, איך בין איצט ווידער גליקלעך, נאָר פֿאַר אַלעמען וויל איך אײַך נאָך ביידע זען מיט מײַנע אויגן אונטער דער חופּה. *(גייען אויף די טרעפּ אין דעם גלאָזסאַלאָן. איז אָפּ.)*

---

[166] א״כ - פֿיללײַכט

*שׂימחה:* געוואַלד, אַז מײַן נעכע וועט דאָס הערן וועט זי זיך אַ מעשׂה אָנטאָן. נעכע! נעכע! נעכע! וווּ ביסטו ערגעץ?

**נעכע,** *קומט אַרײַן.*

ביסט אַלץ פֿאַרטראָגן מיט סגולה פֿון דעם חסר־דעהניקעס מחילה? קום אַהער, הער עפּעס נײַעס. אונדזער רחלע איז אַ כּלה געוואָרן.

נעכע: אוי, איך וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן... מיט וועמען?

*שׂימחה:* מיט דעם... האָסט אים שוין געזען עטלעכע מאָל. מיט דעם באַראָן.

נעכע: אַן אומגליק איז מיר! מיט דעם באַראָן דעם גוי?

*שׂימחה:* בהמה בצורת אָדם, ער איז נישט קיין גוי. ער איז אַ ייִד, אַ יחסן. און זײַן זיידע, אַ כּשרער פֿרומער ייִד האָט אים איבערגעלאָזט אַ באָמבע, – מיליאָנען! זעסט, נעכע, ווי דאָס רעדל טוט זיך אַ דריי?

*זיי זינגען אַ דועט.*

*1.*

באַטראַכט דעם עושר דאָרט דעם שלעכטן טיראַן

שטאָלץ איז ער און האַלט זיך גרויס, יאָ, זייער גרויס

אַ נדבֿה, ווען עס בעט בײַ אים אַן אָרעמאַן,

אָן מיטלײַד וואַרפֿט ער אים אַרויס

דער אָרעמאַן שטייט, ווי פֿאַרצווייפֿלט און קלאָגט

די האָפֿענונג שטילערהייט טרייסט אים און זאָגט

*רעפֿרען:*

וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע, האָב געדולד אַ טראָפּעלע

נישט תּמיד וועט אים אַזוי גוט גיין

ווען גייט גוט אַ קאַפּעלע

וועט דער רוח אים טאָן אַ כאַפּעלע

דאָס רעדל וועט זיך איבערדרייען (אָמן)

2.

אַזוי פֿיל לײַדן איז דער ייִד שוין נישט אומשטאַנד

פּחד, הונגער, דאָרשט און נויט, יאָ, זייער פֿיל נויט

מען רויבט און מען שלאָגט אים אין דעם ווילדן רוסלאַנד

ער בעט שוין אויף זיך אַליין דעם טויט

דאָס ייִדעלע שטייט ווי פֿאַרצווייפֿלט און קלאָגט

די האָפֿענונג שטילערהייט טרייסט אים און זאָגט:

*רעפֿרען:*

וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע, האָב געדולד אַ טראָפּעלע

די ישועה וועט קומען באַלד צו גיין

און דעם צאַר דעם קאַצאַפּעלע

וועט דער רוח באַלד טאָן אַ כאַפּעלע

דאָס רעדעלע וועט זיך איבערדרייען (אָמן)

3.

אין אַמעריקע פּלעגט זיך זייער דער אַרבעטער אין שאָפּ

ער עסט זיך אָן מיט שטויב און מיסט, יאָ, זייער פֿיל מיסט

דערצו נאָך דער שלעכטער באָס, פֿאַרדרייט אים גאָר דעם קאָפּ

ער אַרבעט בײַ אים פֿאַר האַלב אומזיסט

דער אַרבעטער זיצט בײַ דעם מאַשינדל און קלאָגט

די האָפֿענונג שטילערהייט טרייסט אים און זאָגט:

וואַרט נאָר אַ קאַפּעלע, האָב געדולד אַ טראָפּעלע

דײַן גליק וועט קומען באַלד צו גיין

און דעם באָס מיט דעם שאָפּעלע

וועט דער רוח באַלד טאָן אַ כאַפּעלע

דאָס רעדל וועט זיך איבערדרייען (אָמן)

*ביידע אָפּ.*

*די בינע ווערט טונקלער, נאָר דער גלאָזסאַלאָן איז שטאַרק באַלויכטן, פֿון יענער זײַט פֿאַרקאָן זעט מען זיך דרייען אַ פֿיגור, געהילט אין שוואַרצן. זי קוקט זיך אַרום פֿון אַלע זײַטן, עפֿנט פֿאָרזיכטיק דאָס גאָרטן־טירל, קומט אַרײַן, קוקט זיך אַרום.*

## אָלגאַ

אָלגאַ: ענדלעך האָב איך געזען וואָס איך האָב נישט דערוואַרט... ער איז געקומען אַהער און דאָ איז געוואָרן אַ שׂימחה, מיך האָב ער פֿאַרנאַכלעסיקט, דער נאָבלער פֿײַנער באַראָן האָט זיך

אַראָפּגעלאָזט פֿון זײַן הויכן ראַנג צו דעם אײנפֿאַכן ייִדישן מיידל[167]. איך וואָלט אים נאָך געוואָלט זען, דעם שטאָלצן נאָבלען קאָמפּלימענטן־מאַכער *(שטעלט זיך אויף אַ באַנק, קוקט אַרײַן אינעם באַלויכטענעם פֿענצטער)*. וואָס זע איך? ער שטייט מיט איר אונטער דער חופּה. דער פֿעטער שׂימחה טרויט זיי און דער בלאַסער עזרא הייבט אויף זײַנע הענט איבער זייערע קעפּ און בענטשט זיי.

*עס לאָזן זיך הערן אין דרויסן ברכות ״חופּה וקידושין״.*

די פֿאַלשע, וואָס שפּילט די ראָלע פֿון אַ בלוט הייסער ייִדענע, פֿאַרבינדט זיך מיט אַ קריסט. האָ, ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז דער שטיין וואָלט זיי געקענט צעשמעטערן די קעפּ, וואָלט איך געוועזן די גליקלעכסטע. דער פֿעטער טראָגט זיי צו דעם בעכער, זיי טרינקען... דאָס בלוט פֿון מײַן האַרצן... נאַט אײַך אַ מזל־טובֿ! *(וואַרפֿט אַ שטיין אין פֿענצטער, פֿאַלט אומעכטיק).*

אַלע, *קומען אַרײַן.*

רחלע: וואָס איז דאָ געשען?

*זעצן אָלגאַן אין אַ פֿאָטעל, מונטערן זי. אָלגאַ עפֿנט לאַנגזאַם די אויגן, קוקט פֿאַרווירט.*

שׂימחה: אָלגאַ, טײַערע, וואָס איז מיט דיר?

אָלגאַ: איך בין קראַנק, לאָזט מיך אַוועקגיין.

רחלע: וווּהין ווּעסטו[168] גיין? בלײַב דאָ מיט אונדז, דײַנע פֿרײַנד, עס וועט דיר גאָר נישט פֿעלן. איך וועל דיך ליב האָבן ווי אַן אייגענע שוועסטער, איך וועל זיך מיט דיר טיילן מיט אַלץ. וועסט זײַן גליקלעך.

אָלגאַ: איך? גליקלעך? ווער? איך? דו זאָגסט עס? דו, וואָס דו האָסט געשטערט מײַן גליק, וואָס דו האָסט צעבראָכן מײַן האַרץ, און דאָך האָסטו די געטרײַע טאָכטער פֿון דײַן פֿאָלק[169], דיך אַנטשלאָסן זיך צו לאָזן אומאַרמען פֿון די בלוטיקע הענט פֿון דײַנע פֿאָלקס־מערדער.

רחלע: אָלגאַ, דער באַראָן איז אַ ייִד.

שׂימחה: אַ ייִד, ווי איך בין אַ ייִד.

באַראָן: אַ ייִד פֿון געבורט! אַ ייִד מיט לײַב און נשמה[170].

עזרא, *קומט אַרײַן.*

אָלגאַ: אַ ייִד... שוין גוט... לאָזט מיך אָפּ *(שטייט אויף)* טרײַבט מיך אַרויס, איך פּאַס נישט פֿאַר אײַך.

---

[167] א״כ – מעדכען
[168] א״כ - דאָס אָ וואָרט פֿעלט
[169] א״כ – נאַציאָן
[170] א״כ - זעעלע

עזרא: *(כאַפּט איר האַנט)* ווער טרײַבט דיך? אָלגאַ, טײַערע, בלײַב דאָ מיט אונדז אַלע, קער דיך אום צו דײַן פֿאָלק, האָסט עס ווידער געפֿונען

אָלגאַ: איך זאָל געפֿינען דאָס, וואָס איך האָב נישט פֿאַרלוירן, איך זאָל זיך אומקערן צו אַ פֿאָלק, פֿון וועלכן איך בין גאָר נישט אַוועקגעגאַנגען. בין איך דען געווען אַ ייִדיש קינד? וואָס האָב איך דען געוווּסט פֿון ייִדישקייט? האָב איך דען געקענט ייִדן? איין און איינציקן האָב איך געקענט אין דער יוגנט, וועלכער איז געווען מער אַ מלאך[171] ווי אַ *מענטש*, און אים בין איך געווען גרייט[172] אַוועקצוגעבן מײַן לעבן. ער איז אָבער אַוועק און איך האָב גערעכנט, אַז ער איז מיר אומגעטרײַ געוואָרן און האָט אין מיר פֿאַרגעסן.

עזרא: האַ, פֿיל געליבטע אָלגאַ, פֿאַר וואָס ביסטו געקומען אין דער צײַט ווען די *שוואַכע* פֿלאַמען פֿון מײַן לעבנסליכט לעשט אויס דאָס לעצטע ביסל פֿעטקייט פֿון מײַן פֿיזישן קערפּער און וועט זיך באַלד אויף אייביק פֿאַרלעשן.

אָלגאַ: *(הייבט זיך אויף)* עס איז נישט שפּעט, ניין. זאָג עס נישט, טײַערער. דײַן ליכט איז נישט פֿאַרלאָשן, עס וועט אייביק ברענען אין מײַן האַרצן. אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן. פֿעטער, בענטש אונדז , גיט אונדז חופּה וקידושין.

עזרא: *(שוואַך)* האָ, ווי גליקלעך בין איך אין דעם הייליקן מאָמענט צו זען מײַנע געליבטע לעבן מיר, אין דער לעצטע *שעה*[173] פֿון מײַן אָפּלעבן. *שליסט* אײַך אָן מיט אײַערע הענט *(עס געשעט)*. מיט דעם, וואָס איך באַריר אײַערע הענט וועט איבערגיין מײַן לעצטער לעבנס־הויך אין אײַערע אָדערן. איר זאָלט קענען מיטפֿילן מײַן נשמה און זען מיט מײַנע אויגן די נבֿואה, די וויזיע, וואָס איך האָב געטרוימט וואַכנדיק מײַן גאַנץ לעבן.

*מוזיק, קינדערמאַרש* $\mathcal{N}$

## פֿאָרהאַנג

---

[171] א״כ – ענגעל

[172] א״כ – פֿאַרטיק

[173] א״כ – שטונדע